STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05159

# BRUNEMS

## Chaim Gildin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mickey & Patti Bagg*
*in honor of*
*Valerie & Sidney Bagg's 50th wedding anniversary*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַיעם גילדין

# בּרונעמס

INTERNATIONAL ART & BOOK AGENCY
VLADIMIR [illegible]
Tel. [illegible] [illegible] ST. URBAIN ST.
MONTREAL, QUE., CANADA.

מעלוכע - פאַרלאַג פון אוקראַינע
1 9 2 9

Бібліографічний опис цього видання вміщено в «Літописі Укр. Друку», «Картковому репертуарі» та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Перша Друкарня Державного Видавництва України імени Г. І. Петровського
Харків

Укрголовліт № 1133. от 19/III 29. Зам. № 1016. Тир. 3000.

# קאַראָהאָד

6948

# I

גאנצפרי, איז דער אלטער לֿייזער אופגעשטאַנען, פאַרוקט אין טאָרבע אַ מישנאַיעס, א קאַוון מיט א פאַרדאַרט שטיקל ברויט, אופגעהאנגען אַף דער זייט דעם אויסגעשטשערבעטן שויפער, און מיט אַ כאָרכלענ־דיקער טקיע איז ער אַוועק רופן די אויסגעמעלֿקטע בעהיימעס און די געפענטעטע פערד.

אין עק דאָרף האט ער אופגעזאמלט די טשערערע, ארויסגעטריבן זי אין פעלד און אַלֿיין אַוועקגעלֿייגט זיך מיטן פּאָנים צום פינקלדיקן גראָז.

ערגעץ ווייט וואָרקעט אַ טראַקטער, און ארום פון די באַלֿקעס — הויבן זיך טויאיקע רויכעלֿעך, גלֿייך דער גאָלֿדענער פרימאָרגן ציט אַראָפּ פונעם פעלד דאס בלֿויע נאַכט־העמד.

אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטביידע הענט, איז לֿייזער אַ לאנגע צייט געלֿעגן אַ פאַרטראַכטער און געשמייכלט צו די טשערעפּיטשנע דעכלֿעך פון דאָרף, געשמייכלֿט לֿיב, צופרידן, ווי אַ גוטער האַרציקער זיידע צו זיינע שטיפערישע אייניקלֿעך.

פאַר די אויגן האבן געשוועבט די שמאָלֿע קויטיקע געסלֿעך פון שטעטל אין וויטן וואָלֿין, די הילֿצערנע הייזלֿעך אָן הויפן, הייזלעך צעקרומטע, געהויקערטע און צוגעדריקטע צו דער ערד פון שווערן דווירעסדיקן דאַלֿעס:

— אַ צאַצקע, ניט קיין דאָרף, א צאַצקע.

אויסגעצויגן אין לֿאַנגע צוויי שורעס געלֿעגן איז דאָס דאָרף צווישן גרינע לֿאָנקעס, צווישן אָפּגעשניטענע געלֿבלֿעך־בלֿייכע פעלֿדער און צווישן שוואַרץ־צעאקערטע פּאַסן ווינטער־ברויט.

דאָ, צווישן די פֿאַרביק־געקעסטלטע פּלאַכטעס, געלעגן איז דאָס דאָרף א יונגס, אַ ציכטיקס, ווי אַ פרייליכער ערשטלינג. ער אָבער, דער גרויסער הילצערנער באַראַק, וואָס אינמיטן דאָרף, — ער האט אויך געזעען ווי אַ באַליידיקטער, פאַרצאָקטער יוירעד.

ערשט גאָרניט לאַנג איז דער באַראק נאָך פול געווען מיט לעבן און גערויש.

דאָ, מיט ווייב און קינד, מיט גענדז און טעלעצעס, האָבן די איבערוואַנדערער געגעסן, געשלאָפן; דאָ געזיפצט, דאָ געטרוימט פון אַ ניי האָרעפּאַשנעם לעבן, און אַרום, אין פוסטן פאַרווילדעטן סטעפּ, געבלאנדזעט האָבן נאָר פאַרשייטע ווינטן, אַ גאנץ זומער געקייקלט טויטע קופקעלעך קוראַי, א גאנץ ווינטער פראַנק און פריי געטאנצט מיט בייזע זאווערוכעס. און פלוצלינג, ווי אין כאָלעם, פאַר איין־און איינציק יאָר אויסגעוואַקסן איז אַ יידיש דאָרף מיט הייזער, מיט ברונעמס, מיט פערד און מיט אַקערס.

אייזערנע נעגל האָבן אַראָפּגעריסן פונעם סטעפּ זיין פארדאַרטע ווילדע הויט, מיט קאַלטן לעבעדיקן וואַסער דערקוויקט זיין פארכאַלעשטן גומען. צעאַקערט, צעגרינט, פארבויט מיט הייזער, און דער באַראַק איז געבליבן פאריאָסעמט, פוסט, געבליבן ווי אַ גרויסע בייכיקע מאַצייווע נאָך די שווערע וויי און ווינד.

נאָר אַף זיין שוואַרץ געוואָרענעם דאַך פלאַטערט נאָך דאָס רויטע פענדל. שניי און רעגנס האָבן עס געשווענקט, ווינטן האָבן עס געשמיסן, און דאָס פענדל פלאַטערט, שרייט אַריין אין דער בלויער הויך אַ רויטע בסורע פון אַ נייעם אופקום און רופט אַהער דערפרישן זיך מיט דופטענדיקער מי.

ווי אַ באַנאַכטיקן גאנעוו האט די זון געכאַפּט די פאַרשלאָפענע לעוואָנע פונקט אינמיטן הימל און אַ פאַרשעמטע געלאָזט זי שטיין אַף שאַנד און שפּאָט.

לייזער האט מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן דאָס קאָלטנוואַטע גראָע בערדל, אופגעמישט דעם מישנאַיעס, און מיט אַ זיסן אומעטיקן ניגן איז דער אלטער טרויער צעשווימען איבערן גרינעם פעלד.

אַ יונג לאָשיקל מיט אַ שטייפער שטייענדיקער גריווע איז צוגעגאנגען צו לייזערן, אַ קוק געטאָן אַף אים מיט א קלוג אויג, נייגעריק אַראָפּגעבויגן די מאָרדע צום מישנאַיעס און אומצופרידן א כראָפּע

געטאָן, גלייך צו זיינע יונגע גאָזלעכער איז פונעם מישנאַיעס דערשוויי־מען א שאַרפער רייעך פון צעפוילטקייט:

— גיי צו אלדי שוואַרצע יאָר, נע־ווי־לע!

דער לאָשיק האט אַ פּאָר מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, קלוימערשט ער רייצט זיך מיט לייזערן; לאַכט זיך אויס, וואָס ער, דער אלטער טערעך, רופט אים נעווילע, דערנאָך שטיפעריש א שפרונג געטאָן, און אונטערן ניגן פון מישנאַיעס אַוועק איז ער פליקן דאס גראָז.

די זון איז שוין פאַרקראָכן טיף אין הימל, גוט צעוואַרעמט דאס טויאיקע פעלד און צו לייזערס נאָז דערטראָגן א גערייעך פון זאפ־טיקער וויניקייט. אַ שאַרפן, א באַטאַמטן גערייעך פון אַ פעט, שוואַנגער פעלד, וואָס יורט ווי אַ בייכיקער לאָגל ווין.

זינגען ווילט זיך הויך און סימכעדיק, און ווילן ווילט זיך דאַנקען גאָט פאר קילן טוי און הייסער זון, פאַר גרינעם גראָז און געראָטענע טוועס, נאָר אין מויעך קריכט גאָר, אַז מע דאַרף ערגעץ קריגן אַ גוטן סאָרט טאבעק צום פאַרזייען; אַז די הינער צעפיקן די ווינטרויבן פון גאָרטן, און דער לאָשיק,— דער לאָשיק וועט שוין פרילינג גיין אין שפאַן.

פון דער פאַרביקער סטעפּישער וויט איז צו דער טשערעדע דער־שווימען א גערויש פון אַן אַווטאָמאָביל.

די פערד האבן אופגעשפּיצט די אויערן, אויסגעדרייט די קעפּ אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס גייט דאָס גערויש, און מיט אַ הילכיק גע־הירזשעריי געגעבן צוויסן לייזערן, ער זאָל אופהערן לערנען און אַ קוק טאָן ווער עס פאָרט.

אַן אומצופרידענער איז ער אופגעשטאנען, אָנגעשירעמט די האנט איבער די אויגן און טאַמעוואַטע אַ פרעג געטאָן באַ דער טשערעדע:

— וועמען טראָגט עס דאָרט דער גוטער יאָר? האַ! — דעם „אַגרי־נאָם”, צי דעם שפּאַלקאָם?

אַף זיין פראַגע האבן די פערד געענטפערט מיט אַ דרייסטערן געהיר־זשעריי און שאַרפער אָנגעשפּיצט די אויערן.

ווי נאָר דער אַווטאָמאָביל איז צוגעפאָרן, האבן די טעלעצעס כמורנע באַקוקט זיינע קורצע קיילעכיקע פיס, מיט די פייכטע נעזער אַ שמעק געטאָן זיין גלאנציק לייב, אַ שמעק געטאָן זיינע גרויסע אויסגעסטאַר־

טשעטע אויגן און אַף אַ פּאָר סעקונדן ערנסט פאַרטראַכט זיך, צי קאָן
אָט די באַשעפעניש ווערן אַ כאַוור אין זייער טשערעדע.

איז אָבער דעם שאָפער איינגעפאַלן איבערצושרעקן די טעלעצעס
מיט אַ הייזעריקן אַוטאָמאָבילישן בריל, און אַנטוישטע האָבן זיי אַ דריי
געטאָן מיט די קעפּ, פאַריסן די ווײדלען און אַוועקגעשפּרונגען העט,
העט אין טשערעדע אַריין.

די פערד זיינען געבליבן שטיין מיט אויסגעצויגענע העלדזער, אַזוינע
אופמערקזאַמע, אַזוינע ערנסטע און גרייטע צו מאַכן פּלייטע, אויב נאָר
מע וועט זיך דערליבן וואָס ניט איז קעגן זיי.

יונג און לייכט איז פון אַוטאָמאָביל אַראָפּגעשפּרונגען אַ באַיאָרנ־
טער פלייציקער פאַרשוין מיט אַ פאַרסמאַליעט ענערגיש פּאָנים, אַ
פאַרשוין מיט אַ באפעלערישן בליק, מיט שוואַרצע פאַראַקשנטע וואָנצעס
אַף גראָבע צערעפּעטע ליפּן און מיט ראַשע אַקטיווע באַוועגונגען.

אַ זשעסט — אַ באַפעל, אַ וואָרט — אַ טאַט.

לאַנגזאַם, פּויל און פאַרזיכטיק איז פון אַוטאָמאָביל ארויסגעקראָכן אַ
צווייטער פאַרשוין, אַן אויסגעפּוצטער און מיט אַ פאָטאָגראַפיש אַפּאַ־
ראַטל באַ דער לינקער זייט. אַ פאַרשוין אַ הויכער און אַ טרוקענער
ווי אַ דראָנג.

איבער די צונויפגעשנירטע דינע ליפּעלעך — אַ לאַנגע פליישיקע נאָז
מיט אַ שאַרפן שפּיץ, דער קין — אַ שפּיציק קנאָפּקעלע, און דאָס ראַ־
זירטע פּאָנים — מאַמעש ווי צעפּריעט. אַזוינע פּעניִמער האָט לייזער
געזעען נאָר באַ יונגע כעוורע, וואָס פּאַרען זיך לאַנג אַף דער אויבער־
שטער באַנק אין באָד.

ווי נאָר דער פאַרשוין איז אַראָפּגעקראָכן, האָט ער אויסגעטאָן די
גרויסע רונדע ברילן, פלייסיק אָנגעהויבן ווישן די גלעזלעך און דערווייל
אָפּגעמאָסטן לייזערן פון קאָפּ ביז פיס, אפגעמאָסטן מיט אַ קורצזיכטיקן
בליק:

— גוט־מאָיען, רעב ייד!

פון זיין הוילעך, פון זיין „גוט־מאָיען” איז לייזערן טייקעף קלאָר
געוואָרן, אַז דאָס איז א גאַסט און מיסטאַם אַן אָנגעזעענער.

האָט ער מיט דער האַנט אַפּגיך א וויש געטאָן די באָרד און
וואָנצעס, אונטערגעהויבן די אַראָפּגעפאַלענע הויזן און אין דער

פאַרמאַזאָליעטער דלאָניע דערפילט אַ האַנט אַ ווייכע און אַ קאַלטע ווי אַ זשאַבע:

— אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר. צו אונדז, כאַווער לייבאָוויטש?

— יאָ, צו אייך — האָט דער באַיאָרנטער פלייציקער געענטפערט — צו אייך אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע.

— פון „געזערד", צי פון אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט זיך לייזער צופרידן פאַרנויגט פאַרן דעלעגאַט, ווידער אונטערגעהויבן די הויזן, געדרייט זיך אויף איין אָרט און ניט געקאָנט זיך געבן קיין אייצע, צי זאָל ער בלייבן מיטן דעלעגאַט, צי גיין נאָך לייבאָוויטשן אין דער טשערעדע.

אים, דעם באַיאָרנטן פלייציקן מאַנספּאַרשוין, האָבן אַלע איבערוואַנדערער געקענט; געוווּסט, אַז דאָ, אויף די פאָנדן איז ער, לייבאָוויטש, דער עלטסטער אַגראָנאָם. אַ ייד מיט אַ פּיסק, און מיט אַ האַרטן ווילן.

אין די צייטן פון בירגער־קריג איז אַ באַנדע באַפאַלן זיין הויז, גע־הארגעט זיין פרוי און רויניִרט זיין פאַמיליע־לעבן. איז לייבאָוויטש אַ פּאָר כאַדאָשים אַרומגעגאַנגען אַ שטומער, אַ געהויקערטער, געביטן שטעט, געביטן שטעלעס, טאָג און נאַכט געביסן די שוואַרצע וואָנצע און ניט געפונען זיך קיין אָרט.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע איבערוואַנדערונג אויף די ערד־פאָנדן, איז לייבאָוויטש אופגעלעבט געוואָרן, פאַרגעסן אַלץ וואָס מיט אים איז געשען, און מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן זיך דער איבערוואַנדערונג.

שניי און רעגנס, פראָסט און היצן,— ער, לייבאָוויטש, פליט פון דאָרף צו דאָרף, לערנט, באַפעלט, מאַכט שאַלעם צווישן די איבערוואַנדערער און נאָכדעם זיצט ער ביזן גרויסן טאָג בײַ זיך אין קליינעם צימערל, שטודירט די יעדיעס פון יעדן דאָרף און טרוימט וועגן צייטן, ווען בײַ יעדן יידישן פויער וועלן זיך פּאַשען אַ צענדליק פעטע בעהיימעס, אַ צענדליק יונגע פערד און אַ סטאַדע שאָף מיט שווערע פעטע קאָדעס.

גאָך יעדער צוזאַמענשטויס מיטן פאָרשטייער פון „קאָמערד" פלעגט ער אַרומגיין אַ פּאָר טעג אַ פאַרביטערטער.

אים, דעם פאַרשטייער פון „קאָמערד", אט דעם אויסגעדייוועטן, פּאַראַקשנטן קאָמוניסט, — אים קאָן לייבאָוויטש ניט אָנקוקן. עפּעס אַ מאָדנער מענטש! — טרוקן, פּאַראַקשנט און אַ פּאָנים ווי אַף שנירלעך. אָט איז זיין פּאָנים, דאַכט זיך, פאַרגליווערט אין אַן אָנגעשטרענגטער ערנסט, נאָר פלוצים צעבינדט עס די געהיימע שנירעלעך, און אַ ליכטיק קינדערש שמייכעלע צעוויקלט זיך, צעוויקלט זיך פון די מויל־ווינקלען ביזן שטערן.

זיין טרוקענע אַקשאָנעס פלעגט זיך שטענדיק ארייַנרייסן ווי א קאַל־טער צוג־ווינט אין לייבאָוויטשעס טרוימען. און אין קיין פאל פלעגט לייבאָוויטש ניט קאָנען פאַרשטיין, ווי אזוי לעבט עס א מענטש מיט אַ באשטימטער פּראָגראַם און פאַריגלט דאס הארץ מיט פארטייאישע פּרינציפּן.

טייל מאָל פלעגט זיך אים אָבער דאַכטן, אַז אין דעם אויסגעדיי־וועטן קליינוווקסיקן קאָמוניסט זיצט א גרויסער יידישער גאַזלען, און זיין גאנצער קאַמף קעגן לייבאָוויטשעס טרוימען שטאמט אויסשליסלעך פון דעם, וואָס ער, דער קאמוניסט, פארגינט ניט, אַז א יידישער פויער זאל האבן עטלעכע איבעריקע פערד און א רייכערעווירטשאפט.

דאָ, אין דער טשערעדע, איז לייבאָוויטש אוועקגעגאנגען אַ צעשמייכל־טער, אַרומגענומען און געגלעט די לאָשיקעס איבער די העלדזער, נייגעריק ארייַנגעקוקט די בעהיימעס אונטער די ווידלען, געשלעפּט באַ די פערד די צינגער און אף זיין פאַרברוינטן פּאָנים האט געשיינט א שטאָלצע פרייד, א פרייד פאר יעדער פעטער בעהיימע, אַ פרייד פאַר יעדן יונגן פערד, גלייך ער, לייבאָוויטש, האט זיי אלעמען אויסגעכאָוועט ווי ליבע קינדערלעך.

אים, דעם דעלעגאט, זיינען אבער געפעלן געוואָרן ניט די פערד, ניט די בעהיימעס, נאָר גראד לייזערס הויזן. עפּעס זיינען זיי צונויפגע־שטיקעוועט פון פארשיידנפארביקע גרויסע און קליינע לאַטעס, און טראָגן טראָגט ער ניט קיין הויזן, נאָר א פארביקן אַסאָרטימענט פון דער סאָ־וועטישער טעקסטיל-אינדוסטריע. — ווי זשע קאָן מען זיך איינהאלטן און ניט אָפּפאָטאגראַפירן אזא זעלטענעם עקזעמפּליאַר?

— אנו, רעב ייד, שטייט נאָר א רעגעלע רויק.

עטלעכע סעקונדן איז לייזער געשטאנען אויסגעצויגן ווי א זעלנער, מיט פינטלענדיקע אויגן געקוקט, ווי די לאַנגע שפּיציקע נאָז נישטערט

עפּעס אינעם אויסגעשטעלטן זעקעלע פון אַפּאַראַט, און דערביי האָט לייזער געטראַכט, אַז מער ווי קאָפּווייטיק גייט, אַפּאָנים, ניט אָפּ אָט דעם טרו־קענעם דראַנג, וואָס קוקט אינעם זעקעלע ניט מיט אויגן, נאָר מיטן לאַנגן שפּיץ נאָז.

— א פויער זייט איר שוין פון לאַנג?

— אַ פויער? שוין דאָס דריטע יאָר.

— און וואָס זייט איר פריער געווען?

לייזער האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער לינקער פּייע און שטאַרק צונויפגעשרומפּן דעם אַלטן שטערן, קלוימערשט עס איז אים זייער שווער צו דערמאָנען זיך, מיט וואָס אייגנטלעך פלעגט ער זיך באַשעפ־טיקן בײַ זיך אין שטעטעלע רוזשין:

— פריער? פריער בין איך געווען אַ שלימאַזלדיקער קרעמער און אַ קאַפּצן.

דעם דעלעגאַט איז דער ענטפער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און אויף די דינע צונויפגעשנירטע ליפּעלעך איז אויפגעשווימען אַ שמייכעלע,— אַ קרומס, אַ בלייכס. אַ שמייכעלע פון אַ טרוקענעם מענטשן, וואָס זיך אַליין פאַרגינט ער ניט דאָס פאַרגעניגן פונעם שמייכעלע, און אויב עס שפּרינגט אַרויס קעגן זיין ווילן, דערשטיקט ער עס אין די ווינקעלעך פון די געשנירטע ליפּעלעך:

— ביידע זאַכן?—אי אַ קרעמער, אי א קאַפּצן. נו, און איצט?..

— איצט, דאַנקען גאָט טאַקע ווידער א קאַפּצן, און דאָפּקע א קאַפּצן אין אַכצן פאַלדן, נאָר מיט אַביסעלע „לעוועגטאַר" און מיט גאָר אַ גרויסן ביטאָכן.

וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „לעוועגטאַר",— האָט דער דעלעגאַט ניט פאַרשטאַנען, נאָר פון העפלעכקייט וועגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט, גלייך ער וויל דאָס פאַרגע־דענקען, און לעסאָף—באַשלאָסן פאַרשרייבן דאָס אין טאַשנביכעלע.

— ווי זאָגט איר? — לע - וועג - טאַר?

— נו יאָ, פויערישער לעוועגטאַר. לעמאַשל, אַן אַקער, א באָראָנע, אַ...

אַ גרויסער ווייסער אָקס איז צוגעגאַנגען צו לייזערס טאָרבע און אָנגעהויבן זי קייקלען איבערן גראָז. דער אַלטער איז בייז געוואָרן, הילכיק אַ קנאַל געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש און אָנגעשריען אויפן אָקס

— נו, אָ, סאָלאָווייטשיק! האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר.

— סאָלאָווייטשיק? — האָט דער דעלעגאַט פאַרכידעשט איבערגע־פרעגט — פאַרוואָס קומט דאָס דעם אָקס אַזאַ צאַרטער נאָמען?

מיט די עלנבויגן האָט לייזער האַנאָעדיק דורכגעריבן די זייטן, און אַ שטאָלצער, אַ צופרידענער אַ קוק געטאָן אַפן אָקס, אַ קוק געטאָן ווי אַף אַ געראָטן ליבלעך אייניקל:

— דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ נאָמען נאָכן פינינספעקטער פון אונדזער שטעטל.

די דינע צונויפגעשנירטע ליפעלעך זיינען שוין גרייט געווען אַרויסצו־פּריסקען אַ הילכיק געלעכטער, נאָר טייקעף דערמאָנט זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ טאַשנביכעלע, וווּ מע קאָן פאַרשרייבן אַלע געראָטענע איינ־פאַלן, און אָפגעקומען איז דער דעלעגאַט נאָר מיט אַ קרומען שמייכל־דיקן צוק:

— ווי איך זע, זייט איר שטאַרק צופרידן מיט דער ראַטנמאַכט?

לייזער האט ווידער אַ קראַץ געטאָן די פּייע, פאַרקוועטשט אין פויסט דאָס גרויע בערדל און אומצופרידן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, ניט צופרידן.

דעם דעלעגאַטס בליקן זיינען פאַרוואונדערט אַוועקגעקראָכן ציילן די לאַטעס אַף לייזערס הויזן, און די גראָבע דופּטיקע סיגאַר איז איבעראַשט אויך אַוועקגעקראָכן פונעם לינקן מויל־ווינקל צום רעכטן, פונעם רעכטן — צום לינקן.

אַז די געוועזענע נעגידים זיינען אומצופרידן מיט דער ראַטנמאַכט, — דאס איז אים פאַרשטענדלעך: זייער גאַנץ פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, דעם קאָפּ לאָזט מען זיי ניט אופהויבן, אָבער אַ קאַפּצן אין אַזוינע געלאַטעטע הויזן — ער זאָל זיין אומצופרידן מיט דער ראַטנ־מאכט? — אַזוינס איז אים נאָך ניט אויסגעקומען ניט צו זען, ניט צו הערן.

— וואָס זשע פאַר אַ טאַינעס האָט איר צו דער ראַטנמאַכט?

— ניט קיין טאַינעס, נאָר איין־איינציקע טאַינע, אָבער אַ וואַזשנע טאַינע, פאַני כאַווער.

דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, צעעפנט די אויבערדעק פון אַוטאָמאָביל און אָנגעהויבן טאַפּן די שטאָלענע גלידער. אים, דעם

דעלעגאט, איז אבער איינגעפאלן, אַז דעם מאָטאָר האָט ער אָפּגעשטעלט בעקיוון:

ער, דער שאָפער, איז מיסטאם א מיטאַרבעטער פון געפעאו, און די מאשין רעווידירט ער נאר אַזוי זיך, קעדיי מע זאָל ניט באַמערקן, אַז ער הערט זיך צו, וואָס פאר א געשפּרעכן, ער, דער אויסלענדער, פירט מיט אַן אומצופרידענעם יידישן פויער.

האָט ער זיך קלוימערשט געלאָזט גיין צו דער טשערעדע און אין וועג סוידעסדיק אַ פרעג געטאָן:

— אין וואָס זשע באַשטייט אייער אומצופרידנקייט?

לייזערס אַלטע אָפּגעוועלקטע אויגן זיינען מיטאַמאָל געוואָרן פריילעך, און א טמימעסדיק שמייכעלע איז זיך צעשווימען איבער די קנייטשן פון זיין אויסגעוויקט פאַרהאָרעוועט פּאָנים:

— איך בין, פאַרשטייט איר מיך, בייז אף דער ראטנמאַכט, פארוואס זי איז געקומען אַזוי שפּעט. ווען די מאַיסע הויבט זיך אָן מיט אַ יאָר צוואנציק פריער, וואָלט מיר דער מויעך ניט אויסגעדאַרט געוואָרן אין מיין שלימאַזלדיק קרעמעלע, כ'וואָלט שוין לאַנג געהאט א פיינע באַלעבאַטישקייט מיט גוטן לעווענטאַר און עפּשער, טאַקע אַ אייגענעם טאַראַקטער. איר הערט ווי ער פּרעפּלט, דער טאַראַקטער?

לייבאָוויטש האט צוגעפירט אַ פערד פאַר דער גריווע, צעעפנט אים די ציין און ארויסגעשלעפט די צונג:

— רעב ייד, רייבט אים אויס די צונג מיט זאַלץ, דאָס פערד האט א קאָרדיוק.

— מיט פּראָסטער, צי מיט געמאָלענער?

— אַלציינס, נאָר געדענקט, טאַקע היינט זאָל דאָס געטאָן ווערן.

נעבן אַווטאָמאָביל איז לייבאָוויטש געבליבן שטיין און פארליבט נאָכאַמאָל א קוק געטאָן — דאס אַף דער טשערעדע, דאָס אפן דעלעגאט:

— פאַראַיארן זיינען דא אומגעגאנגען נאָר א צענדליק פעגירעס. איר פאַרשטייט? אַ צענדליק אויסגעדייוערטע פּעגירעס.

גראד איצט האָט זיך לייזער דערמאָנט, אַז היינט איז בא זיין בענאָקל כאַסענע, און ס'וואָלט געווען א יושער, ער זאָל זיך דורכשמועסן מיט לייבאָוויטשן, עפּשער וועט ער זיך אַריינמישן און צעשטערן די כאסענע. נאָר פונקט ווען לייזער איז צוגעגאנגען צו לייבאָוויטשן, האָבן זיך צווי

בעהיימעס פאַרטשעפּעט פאַר די הערנער און אָנגעהויבן שטויסן איינע די צווייטע:

— נו, אָ! האָב איך א שוואַרץ יאָר. נאר מע שלאָגט זיך, נאר מע שטורכעט איינס דאָס צווייטע, מאַמעש ניט אויסצוהאַלטן!

דער דעלעגאַט האט אים אַריינגערוקט א ווייכע קילבלעכע האנט און מיטן שטאָק אָנגעוויזן אַף די בעהיימעס:

— זיי פארשטייען בא אייך אף יידיש?..

— פאַראן אַסאַך בעהיימעס, וואָס פארשטייען ניט קיין יידיש, נאָר זיי, די רויטע דייטשקעס, זיי פאַרשטייען זייער גוט.

דער אַווטאָמאָביל האט זיך א ריס געטאָן, איבערגעשראָקן די טשערעדע און געלאָזט נאָך זיך א לאַנגן פאַס שטויב.

א לאַנגע צייט איז לייזער אומגעלאָפן איבערן סטעפּ, צונויפגעטריבן די צעלאָפּענע טשערעדע, ווידער אויסגעצויגן זיך אַפן גראָז און געוואָלט זיך נעמען צום מישנאַיעס, איז אים אבער ווידער אופגעשווימען דעם זונס כאַסענע, דער מעכוטן, די שנור, און מיט א שווערן טרויעריקן זיפץ האט ער אָפּגערוקט דעם סייפער און פארטראַכט זיך.

II

באַם פענצטער, נעבן די אָנגעגאָסענע קריגלעך מילך, איז דער דעלעגאַט געזעסן און נייגעריק געקוקט, ווי איבערן הויף שפּרייזט אום אַ קוואָטשקע מיט אָקאָרשט אויסגעפּיקטע הינדעלעך, מיט די פּיס צעשאַרט זי דעם פערדן־קויט און רעדט צו די הינדעלעך, רעדט אַמאָל בייז און שטרענג, אַמאָל ווייך און געמיטלעך, גלייך זי לערנט די הינדעלעך, וואָס מע מעג און וואס מע טאָר ניט עסן.

אַ הויכע גוידערדיקע יידענע מיט אַראָפּגעהאַנגענע גרויסע, דיקע ברוסטן, איז געשטאַנען נעבן צווייטן פענצטער, געדרייט אין סעפּאַראַטער די מילך, יעדעס מאָל געווישט מיטן פארטעך די ליפּן און אלץ באַקלאָגט זיך אף איר פינצטער לעבן:

— איר מעגט מיר גלויבן, פאַני דעלעגאט, אז אין שעפּעטאָווקע איז בא מיר די קיך געווען א שענערע, ווי דא מ'שטיינס מיין גאנץ הויז, נאָר אַז מע איז געשטראָפט געוואָרן צו זיין „אַן עלעמענט", מוז אזא

פינצטער לעבן אויך זיין ליב, און צוריק שמועסנדיק, האָט דען א סויכער איצט אַן אנדער ברייר? אַלץ איז דאך בא די כאַ־ווי־רים־לעך אין די הענט...

פון מאָל צו מאָל פלעגט ער אומבאשטימט צושאָקלען מיטן קאָפּ, און שווער איז געווען צו וויסן, צי איז ער טאקע מאַסקעם מיט אירע טאַינעס, צי ער שאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר קעדיי אַ איבעריק מאָל א קוק טאָן אַף אירע לאנגע ברוסטן, וואָס וויגן זיך, ציטערן, ציען זיך צום בויך ווי אָנגעלאָדענע מיט טאַינעס, און דאכט זיך, אַז זי רעדט ניט מיטן קאָל, נאָר מיט די דיקע ברוסטן.

איבערן גאנצן דאָרף האָט שטאָלץ גערוישט א דרעשמאַשין און געשפּיגן זיילן שטויב. פון מאָל צו מאָל פלעג זי זיך צעפּייפן, געבן צווויסן, אַז איר שטאָלענער מאָגן ווערט פּוסט, און מע דארף גיכער אונטערפירן די האַרבעס טוווע.

פון די זיילן שטויב, פונעם שטאָלצן גערויש געשפּרייט האט זיך א זיכערקייט, אַ פעסטע רוישיקע זיכערקייט, אַז דער הייסער ווינט וועט שוין די טוועס ניט פאַרברענען, דער האָגל וועט ניט אויסשלאָגן די זאַנגען. אָפּגעהאָרעוועט אַ לאנגן שווערן זומער און פון עלעוואַטער שיטן זיך אין די זעק ארײַן ווייצן, ווי גאָלדיק־פארגליווערטע טראָפּנס שווייס.

דאָס גערויש פון דער דרעשמאַשין האט דעם דעלעגאט שוין לאַנג געצויגן, נאר אין אַנטקעגנדיקן צימער איז לייבאָוויטש אַלץ געזעסן איבער די ביכער פונעם דאָרפישן קאָאָפּעראַטיוו און עפּעס אָפּט געבייזערט זיך.

אַנטקעגן אים, אַפן ברעג בענקל, איז געזעסן א רויט יידל און גערעדט צו לייבאָוויטשן אַזוי פרום, אזוי ווייך, גלייך ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, נאָר דאס פאַרבאָרגענע שמייכעלע אין די כיטרע אויגעלעך האָט געצייגט, אַז די צונג רעדט בא אים איינס, און אין זינען האט ער עפּעס אנדערש.

ווארטן ביז לייבאָוויטש וועט פארענדיקן די אַרבעט האט ער ניט געוואלט, און מיטן אַפּאַראטל באַ דער זייט, מיטן שטאָק אין האנט אַוועק איז ער צום עק דאָרף, פונוואנען עס איז געגאנגען דאס גערויש פון דער דרעשמאַשין.





INTERNATIONAL ART & BOOK AGENCY

אינמיטן וועג איז אים אנטקעגן אָנגעקומען אַן אָטריאַד קינדער מיט א פירער און מיט אַ פייקלער פּאָרויס.

דערזען זיינע גרויסעברילן און דעם העלן אָנצוג, האָט דער פירער פארשטאנען, אַז דאס איז אַ גאסט, און מע דאַרף אים באַגריסן:

— זיי גרייט! — האָט ער א קאָמאנדעווע געטאָן.

אופגעפלאַטערט האבן א פאר צענדליק פארסמאַליעטע הענטלעך און צעקלונגען אַ מונטערן „שטענדיק גרייט".

פון העפלעכקייט וועגן, האט דער דעלעגאט אַראָפּגעכאַפּט די קעפּקע, אופגעהויבן דעם שטאָק און מיט ביידע הענט אַ טרייסל געטאן:

— אָלרייט, כעווערע, אָלרייט.

פונעם „אָלרייט" האט זיך א מיידעלע צעלאַכט און אין זייט אריין געכאַפּט א שטויס פון א שארפן עלנבויגן:

— פּיס-קאַ-טע.

אַ לאנגע צייט איז ער געשטאַנען פאַר די קינדער מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, אויסגעפרעגט, וואס זיי לערנען אין שול, וואָסערע אויבס וואַקסן אינעם גאָרטן, וואָס די קינדער-קאָמונע באארבעט, און לעסאָף אָפּגע־פּאָטאָגראפירט.

פון מאָל צו מאָל פלעגט זיך א קינד אַרויסשמוגלען פון דער ריי, באַ־קוקן פונהינטן זיין אנצוג, דעם שטאָק מיט די גאָלדענע מאָנאָגראַמעס, די געלע שיך מיט די גראָבע פּאַדעשוועס. און דערנאָך סוידעסדיק איינס דעם צווייטן איבערגעגעבן:

— גומענע פּאַדעשוועס אַף די שיך, גומענע.

פון צווייטן עק דאָרף איז אָנגעפאָרן א יידל מיט אַ פעסל וואַסער.

אַף דעם רעכטן פוס — אַ קאַלאָשׁ, אַף דעם לינקן — אַ שקראַב, און אפן קאָפּ — אַ געלעכערטער הארטער קאַפּעליוש, אַ קאַפּעליוש ווי אַ קיילעכיק קעסעלע אַן אַראָפּגערוקטס ביז איבער די אויערן.

דאָס פערד איז באַ אים געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז, מיט אַ פאַריסענער מאָרדע, און פאָרויס — דאָס יידל מיט דער אָנגעצוי־גענער צוים. די צוים איז אבער געווען אַזוי אָנגעצויגן, גלייך ניט דאָס פערד שלעפּט דעם וואָגן, נאָר דאָס יידל שלעפּט אי דעם פערד, אי דעם וואָגן.

דערזעען ווי דער גאַסט פירט אַ געמיטלעך געשפּרעך מיט די קינדער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, באַגריסט זיך און מיט שטאָלץ אָנגעהויבן

דערציילן: אַז זיין צוויי־יאָריקער מאַמזער האָט דערזען ווי די קינדער מאַכן „גימינאַסטיק", גייט ער איצט אַרום אַ גאַנצן טאָג און טרייסלט מיט די הענטלעך, ווי א ייד מיטן לולעוו.

— אַי, אַ דאָר! איינגיכן וועלן זיי אונדז פאַרשטעקן אין גאַרטל. אָט דעם שנעק זעט איר?—דאָס איז מיינער. איז מאָלט אייך, אַז ער ווייסט שוין ווער איז קאַרל מאַרקעס, וויפל ראַוואָליוציעס איז געווען אַף דער וועלט, און וואָס סע וויל דער קאָמיטערן.

— ווער? — האָט דער דעלעגאַט איבערגעפרעגט.

— דער קאָמיטערן, דער דריטער קאָמיטערן.

אַז דער אַטריאַד איז אַוועק צעפייקלט און צעזונגען, איז דער דע־לעגאַט אַלץ נאָך געשטאַנען און פריידיק נאכגעקוקט.

ניט ווייט פון אים בא דער ניטדערבויטער שטוב געשטאַנען איז א יונג ווייבל און געוואַלקעוועט די וואַנט. איר האַנט איז אַווטאָמאַטיש געשווימען איבערן ליים און דאָס פאָנים איז געווען געווענדט צום דעלעגאַט.

ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען און באַגריסט זיך, האָט זי אָפּגעווישט פון די הענט די ליים, אַראָפּגעלאָזט דאָס אונטערגעשטעקטע קליידל און אָנגעוויזן אַף די שפּאַנענדיקע קינדער:

— אין אויסלאַנד זעט מען ניט אַזוינע פּיירעס?..

— אָ, נאָ, נאָ — האָט דער דעלעגאַט געענטפערט און צוגעזעצט זיך אַפן ראַנד פון אַן אָפן פעסל וואַסער.

פונעם שמועס האָט ער זיך דערוווסט, אַז דער מאַן אירער איז א קאָוואַל, זי — א נייטערן און זיי פאַרמאָגן נאָר איין פערד מיט צוועלף הינער.

— נו, און ווי האַלט עס מעקויעך האָדעווען א כאַזערל? — האָט ער ניט זיכער א פרעג געטאָן.

גראָד אין זיין אומזיכערן טאָן האָט דאָס ווייבל דערפילט א פאַר־דעכטיקע אָנצוהערעניש. עפּעס שטעקט אין דער אָנצוהערעניש. ער וויל אַפּאָנים אָנטאַפּן, צי זיינען פאַראַן באַלאָנים אַף צו באַקומען כאַזיירים, און איר געזונט אָפּגעברענט פאָנים איז פון פרייד געוואָרן רויט:

— עפּעס זיינען מיר דאָך קאָשערע יידן מיט טרייפענע פּיסקעס, האַלע־וואַי וואָלט מען נאָר געגעבן כאַזיירים.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דער דעלעגאַט צעלאַכט אַפֿן קאָל און אנגעהויבן פֿאַרשרייבן איר כאָכמע צו זיך אין ביכעלע. דעם ווייבל איז אָבער איינגעפֿאַלן, אַז אין ביכעלע פֿאַרשרייבט ער ניט איר כאָכמע, נאָר א כאזער. איז זי צוגעגאנגען נעענטער, מיט איין אויג געכאַפּט אַ קוק אין ביכעלע און אים געמאָלדן, אז צו באַלעבאַטישקייט האָט זי ביכלאַל א גוטן „טאַלאַן", און אויב ער פֿאַרשרייבט שוין יאָ אין ביכעלע, טאָ זאָל ער זיך מאַטריעך זיין און פֿאַרשרייבן: עסטער שלוימעוונע קליינמאַן פֿון פֿאַסטעוו, ווייל קליינמאַנס איז אין דאָרף פֿאַראַן ווי די הינט, נאָר אַפֿן פֿראָנט איז קיינער פֿון זיי ניט געוועָן און באַ פֿערעקאָפּ האָט נאָר דער מאַן אירער געכאַפּט א קויל אין רוקן:

— ווער זשע, פֿרעג איך אייך, איז בילכער צו באַקומען א כאזערל, אַן עמעסער האָרעפּאַשניק מיט אַ ריינעם „אַדיאַל" אין האַרצן, צי א דער רועך ווייסט ווער?

III

די דרעשמאַשין איז געשטאַנען אין סאַמע עק דאָרף, און נעבן איר — אַן אַלטער לאָקאָמאָביל ווי אַ דיקע שטאָלענע גאנדז מיט א לאַנגן דינעם האַלדז.

ארום דער דרעשמאַשין, די קעפּ געלענט איינס דעם צווייטן אַף די ברוסטן, געלעגן זייגען עטלעכע צענדליק מענער און פֿרויען, געוואַרט ביז מע וועט אונטערפֿירן אַ האַרבע ווייץ און דערווייל געזונגען:

„פּונעם בוידעם שיט זיך קאָרן,
פֿון א כאזן אַ פּויער געוואָרן!
פֿאָנעם, פֿאָקאַזשי ליצאָ.
אַי, אַי, אַי, פֿאָנעם פֿאָקאַזשי ליצאָ.

אַז דער דעלעגאַט איז צוגעקומען נעענטער, איז דער אוילעם אופֿגע־שפּרונגען און אָנגעהויבן רופֿן:

— נודל, נודל!

פֿון הינטער דער צווייטער זייט דרעשמאַשין איז ארויסגעגאַנגען אַ נידעריק יידל מיט אַ קליין קעפּעלע א פּאַרזונקנס צווישן די אופּגע־

שפּיצטע ברייטע אַקסלען, א יידל מיט אַ געגנגעלע פון אַן אַלט אויסגעהאָרעוועט פערד. אַף די קרומע פיס האט זיך זיין סוטולער קערפּער געוויגט ווי אַף אַלטע צעבויגענע רעסאָרן, צום טאַקט פון די טריט געוויגט די הענט, געוויגט דעם קאָפּ, גלייך ער ציילט די טריט און באָמקעט צו מיט קאָפּ און הענט.

אַ פּאָנים איז אָבער בא אים געווען אַ מאָדנע, ביז די שלייפן — גוטמוטיקע קנייטשעלעך, אין די אויגן בלאָנדזשעט שטענדיק א פריילעכער געדאַנק, אַף די ליפּן א צופרידן שמייכעלע; שטענדיק איז ער שוואַנגער מיט אַ נייעם וויץ, און פאַרטשעפּעט מען נודלען, וועט ער שיטן כאָכמעס אָן אַ צאָל און דערביי טאַמעוואַטע שמייכלען, גלייך ער אַליין האָט גאָרניט קיין מינדסטע שאַיכעס צו די כאָכמעס.

דערזען דעם דעלעגאַט, האט ער אַפּגיך אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פונעם אַרויסגעלאָזטן העמדל, אַ וויש געטאָן מיט דעם דאָס קויטיקע פּאָנים און דערביי אַנטבלויזט דעם נאַקעטן בויך.

— דער פּופּיק, נודל, דער פּופּיק זעט זיך אַרויס.

— שווייג, צוציק! מיט א פּוליטאַרסקן פּופּיק איז זיך ניטאָ וואס צו שעמען!

צוגעגאַנגען צום דעלעגאַט און אים אַרייַנגערוקט א בינטל פינגער, ווי גראָבע צעבויגענע טשוועקעס:

— דראַסטי, כאַווער, איך בין עס דער פּאָרזיצער פון קאַלעקטיוו „רויטער מאָזאָל".

בלויז דער נאָמען פונעם קאָלעקטיוו איז פאר אים געווען אַ שטאָלץ און ווו מע דארף און ווו מע דאַרף ניט פלעגט נודל אַרויסשטעלן דעם נאָמען; אַרויסשטעלן, קעדיי מע זאָל וויסן און געדענקען, אַז דער קאָלעקטיוו באשטייט בלויז פון הארעפּאַשניקעס, און קיינער זאָל זיך כאָלילע ניט דערוועגן פאַרגלייכן זיי מיט די איבעריקע איינוווינער פון דאָרף, ווייל די פעלד־אַרבעט, די בויונג — אַלץ איז בא זיי קאָלעקטיוו. און אַז אַ כאַווער זייערער איז געוואָרן אַ כאָסן, האָט דער קאָלעקטיוו פריער באהאנדלט, גענוי אויסגערעכנט וויפל באַטרעפט דער נאַדן און דערנאָך פאַרשריבן אינעם פּראָטאָקאָל אַריין, אַז אים, דעם קאָמיוגיסט כאַצקל רובינשטיין, איז דערלויבט כאַסענע צו האָבן מיט דער קאָמיוגיסטקע מאַרינע טשומאַטשענקאָ, און אויב דער טאַטע זיינער, דער פּאַסטעך לייזער

רובינשטיין, ווען ניט איינגיין אַפן שידעך, זאָל מען אים פּאַר „שאַווע־ניזמע" אויסשליסן פונעם קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל".

— ווי אַזוי? — האָט דער דעלעגאַט פאַרווונדערט איבערגעפרעגט.

— קאָ־לעק־טיוו „רויטער מאָ־אָזאָל".

אַ יונג וווקסיק מיידל מיט גראָבע פיס, ווי רויטע בורעקעס, האָט פונעם יארוס א כאַפּ געטאָן איין זאַק ווייץ, א צווייטן זאַק, געמאַכט פון זיי אַן אָרט צום זיצן, און אונטער דער נאָז א בורטשע געטאָן:

— פאַזאַלסטע.

דאָס וואָרט „פאַזאַלסטע" איז בא איר אַרויסגעקומען מיט אַ טעמפּן געציש און אַזוי געפּענטעט, גלייך דאָס גאַנצע מויל איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט אַ צעשוואָלענער צונג, פאַרפּלאָנטערט די קלאַנגען צווישן די גרויסע ציין און דערשטיקט דאָס העפלעכע וואָרט, אַ וואָרט, וואָס האָט געזאָלט דערווייזן, אַז זי, ציפּקע בירנבוים, איז גאָרניט ענלעך צו אַלע איבעריקע מיטגלידער פון קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל". זי, קאָן זיך באַגיין מיט אַ מענטשן. און פלוצלינג נאַ דיר גאָר אַ פאַ־זאַלסטע.

פון בושע איז זי רויט געוואָרן און צעטומלט אָנגעהויבן פינטלען, גלייך זי בעט באַ די איבעריקע כאַווירים, מע זאָל איר אָנווייזן אַן אָרט, וווהין זי זאָל אַנטרונען ווערן.

אַ באָרוועסער באָכער אין אַ בודיאָנעווקע און צעריסענע כאַקי־גאַ־ליפע, איז פון איר צעטומלקייט געוואָרן שטאַרק אופגעלייגט און באַ־שלאָסן מעכאַבעד זיין זי מיט אַזאַ געפעפערט ווערטל, זי זאָל שוין מער ניט פאַרייסן די נאָז:

— מאַמאַשע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מיידל — ניט אַזוי היציק! מיט א פינפּפודיקן זאַק קאָן מען זיך אונטעררייסן...

דער דעלעגאַט האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַרן מיידל, צוגעזעצט זיך אַף די זעק און פאַרשעמט א פרעג געטאָן, פאַרוואָס מע רופט דאָס מיידל מאַמאַשע.

— זי איז בא אונדז פון די טיליגענטן — האָט אים גודל געענטפערט — שאַבעס עסט זי ניט קיין קוגל, די מאַמען אירע רופט זי מאַמאַשע און שמירט די נאָז מיט וואַזעלינע.

פונעם באָכערס באמערקונג און פון נודלס דערקלערונג, איז איר דאָס גאנצע בלוט אַריין אין פּאָנים, און א רויטע ווי צונטער האט זי איילין אָנגעהויבן איבערקנעפּלען די צעריסענע בלוזע:

— גראַביאַנעס, קיין טראָפּן „קאליטורע״ פאַרמאָגט מען ניט.

דער באָכער אין דער בודיאָנעווקע האט זיך אַף די קאָרטעטשקעס צוגעזעצט נעבן אַ באַיאָרנט יידל מיט אַן אָפּגעשיילטער רויטער נאָז און צוגערויכערט בא אים דעם ציגאַר:

— בא איר טאַטן דעם סמאַראַוואָזניק האט זי דאָך געגעסן „קאליטורע״ מיט ברויט.

— הערסט אַ מאיסע? — האט אַ צווייטער צוגעגעבן — אין בערדי־טשעוו איז זי דאָך פאַרבייגעגאנגען פינף קלאַסן.

אָנגעשפּאַרט אַף דער הראַבליע איז קעגן דעלעגאַט געשטאנען אַ פאַר־שטויבטע באיאָרנטע יידענע. אין די אויגן אַ בעטענדיק שמייכעלע, דאָס מויל אביסל צעעפנט, גלייך אף דער צונג ליגט בא איר א וויכטיקע פראַגע און זי וואַרט נאָר אַפן פּאַסיקן מאָמענט, קעדיי צו פרעגן, נאָר דאָס יונגוואַרג לעצעוועט און לאָזט ניט רעדן.

איז זי בייז געוואָרן און מיט דער הראַבליע א שטורך געטאָן דעם באָרוועסן באָכער, וואָס אין דער בודיאָנעווקע:

— שלוימע האמיילעכס קאָנקורענט! עפּשער וועסטו אופהערן שיטן מיט כאָכמעס ווי א ציג מיט ביבקעס? עפּשער וועסטו לאָזן אויסריידן אַ וואָרט מיט אַ מענטשן?

— ביטע, ביטע — האט זיך דער דעלעגאַט צו איר געווענדט, — ביטע, איך הער אייך.

איז זי נעענטער צוגעגאנגען, און מיטן שפּיץ טיכל איינצייטיק אויס־געווישט דעם פאַרשטויבטן שפּיץ נאָז און די מויל־ווינקלען:

— צי קאנט איר מיר ניט אָפּגעבן קיין גרוס פון מיין שוועסטער עטל־לייע רובינטשיק פון ניו־יערעק?

פון דער פראַגע איז נודל אופגעבראַכט געוואָרן, פאַרוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און א בוק געטאָן זיך פאַר דער יידענע:

— גיצאַבעס יענטע, רעטעך טראָג, אַ מענץ איז געקומען מיט א איניען, פאַרדרייט זי גאָר אַ ספּאָדעק מיט אַ שוועסטער פון ניו־יערעק.

א באַליידיקטע איז די יידענע אָפּגעגאַנגען צום יידל מיט דער אָפּגע־שיילטער נאָז און אָנגעהויבן זיך פאַרקלאָגן:

— אַט, נאַט אייך, קלייבט אויס אַ שאַלטיק פאַר אַ מאַכער, וועט ער קיינעם ניט לאָזן עפענען קיין מויל.

זיצנדיק מיט נודלען אַף די זעק, האט דער דעלעגאַט פאַרפירט א שמועס: ווי אַזוי לעבט זיך, וואָס פאר אַ באלעבאטישקייט פאַרמאָגט דער קאָלעקטיוו, און אין וואס מע נויטיקט זיך.

מיט א זייטיקן בליק האט נודל אלץ געקוקט אַפן דעלעגאַט און כיטרע געזשמורעט דאס לינקע אויגל, גלייך ער קניפּט שוין אַ כאָכמעלע.

אינמיטן געשפרעך איז ער מיט דער האנט פאַרקראָכן אין בוזעם, אַרויסגעשלעפּט אַ וואָנציקע זאנג און צעריבן זי אַף דער דלאָניע:

— פעלן פעלט אונדז, אייגנטלעך, נאר ברויט און פויגל מילך, נאָר מע שמועסט, אַז געלט אין אמעריקע זאמלט מען פאַר אַ נאַש בראַט, נאָר אָפּגעבן גיט מען עס גאָר אָפּ די פאַרכעס, ווי הייסן זיי, די יערו־שאָלאיעמער קאזאקלעך! האַ?

— ציניסטן, ציניסטן — האט עמעצער א געשריי געטאָן.

— יאָ, די צייאָניסטן.

— נו, און אין אייער קאָלעקטיוו איז ניטא קיין ציעניסטן?..

געפרעגט האט עס דער דעלעגאַט נאר אַזוי זיך, אָן שום קאַוואָנעס. אים, אָבער, דעם באָכער אין דער בודיאָנעווקע, איז פון דער פראַגע געוואָרן קאָלעמוטנע. אין דער פראַגע שטעקט עפּעס אַזוינס, וואס קען באַפלעקן דעם האָרעפּאַשנעם נאָמען פונעם קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל", און מע דאַרף דעם דעלעגאַט געבן א קאַפּוליער אָנצוהערעניש:

— ווען אין אונדזער קאָלעקטיוו פאַרפירן זיך ציניסטלעך, וואָלט איך זיי דער ערשטער אַרויסגעלאָזט די קישקעס און געמאַכט פון זיי א טעלעגראַף, מוישע ראַביינו איז ניט פון אונדזער פּאַרטיע.

די פינף־פינגערדיקע ווילע האט ער בעיס־מאַיסע געהאלטן ווי אַ זעלנער האלט די ביקס, גרייט אַריינשטעכן דעם סוינע אין ברוסט אַריין, און די ווערטער זיינען קלוימערשט געזאָגט געוואָרן צו איר, צו דער מאשין, נאָר האַרט, הילכיק, קעדיי דער דעלעגאַט זאָל זיי קלאָר דערהערן און געדענקען, אַז דער קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל" באַשטייט

בלויז פון האָרעפּאַשניקעס, און קיין ירושאָלאַיעם־קאָזאַקלעך וועלן זיך באַ אים ניט פאַרפירן. פון סטעפּ איז צוגעפאָרן אַ געלאָדענע האַרבע, און דער אוילעם איז צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

— איין רעגעלע, איך קום באַלד. באַלד — האָט נודל פאַרזיכערט דעם דעלעגאַט און אַוועקגעלאָפן לאָזן די דרעשמאַשין.

אין שטויביקן גערויש האבן אופגעפלאַטערט הענט, ווילעס און הראַ־בליעס. דערזען, אַז דער דעלעגאַט צילט אָן דעם פּאַטאָגראַפישן אַפּאַראַט, איז דער באָכער אין דער בודיאָנעווקע ווידער געוואָרן וויציק און אַראָפּ־געשריען פון דער דרעשמאַשין:

— נודל, גלייך אויס דעם הויקער, אַמעריקע דאַרף האבן אַ שויטע פאַר א פּריזידענט, עפּשער וועסטו געפעלן ווערן.

מיט א זויערער מינע אַף די ליפּן איז צום דעלעגאַט צוגעגאַנגען דער באַיאָרנטער ייד מיט דער אָפּגעשיילטער רויטער נאָז און אָנגעהויבן באַקלאָגן זיך:

— זיי, די שנעקעס, לעצעווען, אָבער דעם עמעס מוז איך אייך זאָגן, אַז עס איז שווער און ביטער, מאַמעש א נייע קוויזיציע — ניט קיין שאבעס, ניט קיין יאָמטעוו און טאַרפע פרעסט מען ווי די גויעם.

— נו, און איר עסט אויך? — האט אים דער דעלעגאַט געפרעגט.

— הערסט אַ מאַיסע? וואס זשע, איך בין דען ניט אין קיליקטיוו?

דער דעלעגאַט איז שוין געווען ווייט פון דער דרעשמאַשין, און דאָס יידל איז אים יעדע רעגע אַלץ פאַרלאָפן דעם וועג, געשלאָגן זיך מיט דער פויסט אין ברוסט און געטאַינעט מיט אַלע איוועריס:

— אַביסל שיפסקאַרטעס פון אַמעריקע וואָלט געווען ניט קיין קלע־נערע מיצווע, ווי די טעראַקטערס, וואס מע שיקט. אָט ווי איר זעט מיך אַ יידן, גאָרניט קיין קלענערע מיצווע.

## IV

אין דאָרף איז די טשערעדע אריינגעקומען מיט אַ פאַרנאַכטיקן גאָל־דענעם שטויב און מיט אַ הילכיקן רעווען.

באַ די הייזער איז שוין אבער עמעצער געשטאַנען און מיט צאַרטע נעמען פארופן די בעהיימעס:

— מאַנילע. מאַלקעלע...

אַף די ערדישע ווענט פון די הײזלעך איז אומגעקראָכן א פֿאַר־טראַכטע ליכטיקייט און געטאַפּט זיי ווי א בלינדער מיט שײנענדיקע הענט.

עפּעס זײנען די הײזלעך געוואָרן ברוינער, העלער, און זיי, די צע־אַקערטע פּאסן ווינטער־ברויט — שוואַרצער און לענגער.

צום באַראַק איז לײזער צוגעגאנגען קלוימערשט צו פֿאַרטרייבן אַ בעהיימע און מיט איין אויגל דערזען, אז א טומלענדיקע כעוורע באָ־כערים און מײדלעך פּוצן דעם באַראַק:

— עי, באַלסימכע, באַלסימכע!

— האָב איך א שוואַרץ יאָר, — האט ער בייז אַ בורטשע געטאָן — א שײנער באַלסימכע.

לענינס בילד איז שוין געווען באַקראַנצט מיט פֿעלד־בלימלעך. און דער באָכער אין דער בודיאָנעווקע, אַן אויסגעפּוצטער אין דער רויט־אַרמייאישער פֿאָרמע, האט געקלעפּט אַרום דעם בילד גרויסע פּאַפּירענע אויסיעס:

„לעבן זאָל דער אינטערנאַצ.“

אויסגעפּוצט אין אַן אויבערשט העמד מיט אַן אָפּגעלײגטן קאָלנער, נאָר אָן א שניפּס, איז נודל טומלענדיק אומגעלאָפן איבערן באַראַק, צעשטעלט די טישן, געקאָמאנדעוועט — כעוורע זאָל שלעפּן פּוסטע פֿעסלעך, קאָרטעס, אַף די פֿעסער און קאָרעטעס געלײגט ברעטער און געמאַכט ערטער צום זיצן אַרום די טישן.

באַם אַרייננאַנג איז געשטאַנען די „מאַמאַשע“, גענעצט אין מויל אַ בלײשטיפט, געשריבן אַף די טישטעכער די נעמען פון די באַלעבאָסטעס, וואָס האבן די טישטעכער געליען, און פון מאָל צו מאָל געשריען אַף די פֿערד, וואָס זײנען אומגעגאנגען אַפן גראָז אַרום באַראַק. טייל פֿערד — געשפּאַנטע אין וועגענער, טייל — באַזאָטלטע מיט ליידיקע זעקלעך.

אַז מע איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן באַראַק, איז זיך צונויפגעקומען דאס קאָמיוגישע קעמערל און געזעצט זיך „באַהאנדלען“:

— מײשקע, פֿיר נאָר די זיצונג.

דער אויסגעפּוצטער אַרמײער האָט זיך פֿײערלעך געזעצט, שטאָלץ אויסגעהוסט זיך און אַפן שפּיץ קאָפּ פּארוקט די בודיאָנעווקע:

— אַלזאָ, כאַווײרים, פריער פון אַלץ אַ קלאַסנצוזאַנג: אויבנאָן, אַרום כאָסן־קאַלע זיצט דער קאָמיוג, נעבן אים — דער קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל“ מיט אַלע איבעריקע האָרעפּאַשניקעס פון דאָרף, און נאָך זיי — די געוועזענע קרעמער.

דעם געשווירענעם מיידל מיטן פאַרברויזנטן האָזעדיקן פּאָנים, איז דער פאָרשלאַג ניט געפעלן געוואָרן, לאַכלוטן ניט געפעלן געוואָרן, עפּעס וויל מען צעבלאָזן אַ קלאַסנקאַמף דאַפקע באַ אַ גלעזל בראָנפן. און צו וואָס, צו ווען? איז דען וועגן דעם באַם כאַווער לעניגנען ערגעץ־ווו דער־מאָנט געוואָרן מיט אַ וואָרט? האַ! כאָטש ערגעץ־ווו איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן? אויסער דעם, הויבט עס גאָרניט אָן צו שמעקן מיט מאַרקסיזם, און זי, ביילע, וועט אַזאַ באַשלוס ניט דורכפירן.

די גאַנצע צייט איז נודל געשטאַנען פונוויטן און נאָר געהערט. מישן זיך ווען די „פּאַרטיע“ באַהאַנדלט, איז דאָך ניט זיין זאַך, נאָר ביילעס ווערטער זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן, עפּעס שטעקט אין זיי אַן ערנסטע סאַקאָנע פאַרן קאָוועד פון דער דאָרפישער אָרעמקייט, און אין אַזוינע פאַלן טאָר נודל ניט שווייגן:

— וואָס הייסט ניט דורכפירן? און ווו איז דיציפלין? כאַווײרים, קיין קאָמעגיסט בין איך ניט, נאָר געדענקט מיינע ווערטער: ביילע, זאָג איך אייך, איז אַרונטערגעפאַלן אונטער „דידאָזיקע“. אָרעם און רייך, וויל זי, זאָלן זיצן גלייך? — אַנ־שול־דיק, די מאַסע פון „רויטן מאָזאָל“ איז פאַר דער פּאַרטיע, און אויב די פּאַרטיע קאָמעגיסטן באַשליסט, אַז אויבנאָן דער „רויטער מאָזאָל“ מיט די האָרעפּאַשניקעס, איז אַל טאַפּל דאָווער און כאַטע פּאָקרישקע, די־ציפּ־לין!..

צום באַראַק איז צוגעפאָרן אַ צעהיצטער רייטער, אָנגעזאָגט, אַז כאָסן־קאַלע האָט זיך שוין פאַרשריבן אין נאָענטסטן דאָרפסראַט, און מע פאָרט אַהער.

די מענער האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אַף די פערד אָנגעזאָטלטע מיט זעק, די מיידלעך — אַף די וועגענער, און געלאָזט זיך באַגעגענען כאָסן־קאַלע.

פאָרויס — נודל מיט דער פאָן אַפן אַקסל און מוישקע מיט דער האַר־מאָשקע.

— אנו, מיישקעלע, דערלאַנג נאָר אַ ניגן פון זיין ליבן נאָמען.

מוישקעס פינגער זיינען פלינק אַוועקגעשווימען איבער די קלאַווישן, ארויסגעצויגן טענער פון בודיאָנעס מאַרש און מיטן קאָפּ האט ער צו־געדיריזשירט, כעוורע זאָלן שטאַרקער זינגען.

פון די הייזער זיינען אַרויסגעשפרונגען מענער, פרויען, קינדער, און אויך געלאָזט זיך צום עק דאָרף, באַגעגענען כאָסן־קאַלע.

צו אים אָבער, צו לייזערן, איז דאס געזאַנג דערשווימען ווי אַ ביטערער כויזעק. עפּעס זינגט מען און מע גריִמפּלט, נאָר קעדיי צו פאַר־טרייבן אים פון הויף. און אַ בייזער איז ער אַוועק אין שטאַל און אָנגעהויבן פאַרטעסען אַ דישל צום וואָגן, נאָר דאס העקל איז גראָד איצט געוואָרן טעמפּ און דער שוואַרצער יאָר ווייסט עס, פאַרוואס עס טרעפט ניט אין דישל, נאָר דאפקע אין קלעצל.

די זון איז פארגאנגען אַ צעגליטע, און נאָר אַ קליין שטיקל זון, ווי אַ רויט געוועלבט פענצטערל, איז באַם האָריזאָנט פאַרבליבן אַף עטלעכע איבעריקע סעקונדן, גלייך דער טאָג וויל דורך דעם פענצטערל דערזען, ווי צום דאָרף דערנעענטערט זיך די פור מיט כאָסן־קאַלע.

די רייטער זיינען שוין געשטאַנען אויסגעצויגן אין איין לאַנגער ריי און פאַרצוימט דעם אַריינפאָר אין דאָרף. ווי נאָר די פור איז צוגעפאָרן, זיינען מוישקעס פינגער ווידער אַוועקגעשווימען איבער די קלאַווישן און אַרויסגעצויגן טענער פונעם אינטערנאציאָנאַל.

די רייטער, דער צוגעקומענער אוילעם האט אונטערגעכאַפּט די טענער און מיט פרייד געמאלדן כאָסן־קאַלע, אַז:

— „דאָס איז דער לעצטער און אנטשיידענער שטרייט".

אַ באַרוישטער פון אזא באגעגעניש, האט זיך דער קאַלעס טאטע אופגעשטעלט אַפן וואָגן און אָנגעהויבן אַפּלאָדירן:

— אַי, בראַוואָ כלאָפּצי, אַי, ספּאַסיבע מאָלאָדצי!

כאָסן־קאַלע איז אַראָפּ פון וואָגן און פארנויגט זיך פאַרן אוילעם:

— א דאנק, א דאנק כאווײרים, — האט דער כאָסן אופגערעגט א זאָג געטאָן — קאָמיוגיסטן זיינען מיר געוועזן ביז דער כאַסענע, און מיר גיבן אייך דאָס וואָרט, אַז אַף ווייטער וועלן מיר זיין פונקט אַזוי אקטיוו ווי פריער.

ווי א זעלנער מיט א ראַפּאָרט צו זיין קאָמאַנדיר האט נודל אַ שפּאַן געטאָן מיט דער פאָן אַפן אַקסל, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע צוויי ביכלעך און פייערלעך דערלאַנגט דעם כאָסן מיט דער קאַלע:

— מיר, דער קאַלעקטיוו „רויטער מאַזאַל", האט באצאָלט פאר אייך מיטגלידס־אָפּצאָל פאר א גאנץ יאָר און איז אייך מעכאבעד צו זיין מיטגלידער פון „סאַוועכים".

אלע זיינען צוריק ארופגעשפּרונגען אַף די פערד און דורכגעלאָזט דעם וואָגן מיט כאָסן־קאַלע. רעכטס באַם וואָגן — נודל מיט דער פאָן, און הינטן — דער קאַלעס טאטע מיטן נאַדן: אַפן וואָגן — אַ קוויטשי־קער כאַזער און צום וואָגן צוגעבונדן א בעהיימע מיט אַ יאָריקן לאָשיק.

די האַרמאָשקע ריפּעט, צענדליקער שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט דעם ניגן, צענדליקער שטימען צעהילכן איבערן דאָרף א טאנצנדיקע פרייד. און דער כאַזער קוויטשעט, און דער כאזער גרילצט, גלייך ער באַווייִנט זיין פינצטער מאַזל, און פילן פילט ער, אַז דאָ, אינעם יידישן דאָרף, וועט ער נאָך יאָרנלאַנג זיין עלנט און פאַריאָסעמט.

פלוצלינג האָבן זיך אַ ריס געטאָן די רייטער, נאָך זיי — די געשפּאנטע וועגענער און מיט א ווילדן שטויביקן גאַלאָפּ אָנגעהויבן איבעריאגן איינער דעם צווייטן.

אַ פריידיק געשריי, אַ געפּייפערײ, עס שווינדלען פערדישע פיס, קעפּ, רעדער, די פערד האָבן זיך ווי אויסגעצויגן מיט די בייכער ביז דער ערד, אָט־אָט וועלן זיי אַרופשפּרונגען איינער אַפן צווייטן, צעשע־דיקן, צעטרעטן, מיט רויטן בלוט באַפלעקן דעם וועג פון כאָסן־קאַלע. און פלוצלינג איז מען צוגעפלויגן צום באַראַק, אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנים צו כאָסן־קאַלע און זיי באגעגנט מיט אַ מאַרש, וואָס מע שפּילט אין צירק, בעיים מע לאָזט אַרויס די פערד אַף דער אַרענע.

פון וואָגן איז דער קאַלעס טאטע אַראָפּגעקראָכן — א רויטער, אַ צע־שטראַלטער פון סימכע, און אַלץ געווישט דעם שוויציקן שטערן:

— נו, אי כלאָפּצי, נו, אי קאָסאַמאָלצי.

## V

אויבנאָן — זיינען געזעסן די מיטגלידער פון „רויטן מאַזאָל", דאָס קאמיוגישע קעמערל און דער קאַלעס טאטע. בא די זייטיקע טישן — די איבעריקע פויערים מיט זייערע ווייבער.

די הענט פאַרוואָרפן איינס די צווייטע אַף די פּלייצעס זיינען יידישע מיידלעך אומגעגאנגען מיט אויסגעפּוצטע שקאָצים פון די נאָענטסטע דער־פער, געאַמפּערט זיך, געשמועסט, געזונגען און מיט צערייצטער ליידנ־שאַפט געלאַכט.

אינמיטן באַראַק, די הענט צעשפּרייט, איז נודל געשטאַנען אַ בעגי־לופענער. צום טאַקט פון ניגן האָט ער זיך געוויגט אַף די קרומע פיס, ווי אַף צעבויגענע רעסאָרן; צום טאַקט פון ניגן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און הייזעריק מיטגעזונגען:

— „יאַנקל האט די פערדלעך אויסגעפּוצט ווי מאַלקעס
און ער שפּאַנט מיט סימכע,
שפּאַנט נאָך די אָראַלקעס.
איצט איז ער שוין פאָטער פון די פינאָטדיעלן,
מער וועט ער ניט איבערטרעטן
איבער זייערע שוועלן”.

דעם אוילעם האט זיך שוין לאַנג געוואָלט דורכשווענקען די גאָרגלען, אָר מע איז נאָך אלץ געזעסן און געפּלאַפּלט, געפּלאַפּלט און געוואַרט, ביז כאָסן־קאַלע וועלן לייזערן פאָרט איינבעטן, ער זאָל קומען אַף דער סימכע.

און לייזער, אַ געהויקערטער, איז גאָר געזעסן איבער אַ כאָמעט, געשטאָכן אין אים מיט אַ גרויסער שוואַיקע, אין מויל געהאלטן אַ ריי־מענדל און פאַריכט דעם כאָמעט.

נעבן אים איז כאַצקל געשטאַנען און געטאָרעט אים פאַרן אַקסל:

— טאַטע, לייג מיר ניט קיין שטיינער אַפן האַרצן, קום, בעט איך דיך. הערסט, א לעצט מאָל בעט איך דיך, קום!

— אַז איך בין דיר מוכל, רוף מיך ניט טאַטע, און טו מיר ניט אָן קיין ביזיוינעס. איך וועל ניט גיין! און אויס מיט אַן עק!

פון קאָעס האט כאצקל א שליידער געטאָן מיטן פוס אַ טאַבורעטקע און געלאזט זיך פון שטוב:

— געדענק זשע, זאָלסט קיין כאַראָטע ניט האָבן! קום, מאַרינע.

די קאַלע איז אָבער געבליבן שטיין נעבן טיר, אלץ געקוקט אַף לייזערן מיט גרויסע פאַרוויינטע אויגן און נאָר שטיל געפּליסטערט:

— טאַטאָ, טאַטאָ.

ווי נאָר זי פֿלעגט אויסריידן דאָס וואָרט טאַטאָ, פֿלעגט זיך ליזער אומרויק אַ רוק טאָן אַפֿן בענקל און מיטן צעווייטיקטן בליק עפּעס אָנהויבן זוכן אין שטוב, גלייך דאָס וואָרט שטעכט אים, און מיט אַ מאָדנעם קלעמענדיקן ווייטיק קייקלט זיך עס אַראָפּ צום האַרצן:

— וואָס ווילן זיי פֿון מיינע אַלטע יאָר? וואָס! — האָט ער בייז אַ פֿרעג געטאָן באַ דער קאַלע — טשי יאַ קאַמוניסט, טשי יאַ כרעשטשעני מעשומעד?

מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט איז זי, מאַרינע, ווי אַ פֿאַרגאַפּטע צוגעגאַנגען צו ליזערן און אים אָנגעהויבן גלעטן:

— טאַטאָ, כאָדים, יאַזש טעפּער טוואָיאַ דאָטשקאַ.

פֿון אונטער אירע גלעטנדיקע הענט האָט זיך ליזער אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ צעווייטיקט פּנים, גלייך איר שטים, אירע גלעטנדיקע הענט האָבן ווי מיט צוואַנגען פֿאַרוואָרגן זיין גאָרגל, צונויפֿגעקלעמט זיין האַרץ, און אויב ער רייסט זיך ניט אַרויס, וועט ער כאַלעשן אָט דאָ באַ איר אונטער די הענט.

— ני, נע פּידו!

פֿון הינטער דער טיר איז צו אים דערשווימען איר כליפּענדיק געוויין, אַ טיף געוויין פֿון אַ באַליידיקט האַרץ. און דאָס געוויין, דאָס קאָל, אירע שיינע גרויסע אויגן — האָבן פּלוצים צערודערט זיין זיקאָרן און דערמאַנט, אַז זי, די טאָכטער זיינע סאָרקע, האָט אויך געהאַט פּונקט אַזוינע קאַרע אויגן מיט בלויע ווייסלעך און פּונקט מיט אַזאַ גלעטנדיקער שטים פֿלעג זי אויך אַרויסרעדן דאָס וואָרט טאַטע.

אַ וואויל קינד געווען, גאָר אַ וואויל קינד, האָט זי אָבער דאָס גוטע יאָר אַוועקגעטראָגן אין דער רויטער אַרמיי און ערגעץ איז זי אומגעקומען. די טאָכטער איז געשטאָרבן אַפֿן פֿראָנט, די אַלטע מיט די איבעריקע קינדער איז אומגעקומען פֿון באַנדיטן. און געבליבן איז ער אַף דער עלטער נאָר מיט אים, מיט כאַצקלען. געכאָוועט אַ קאַדעש, איז נאָ דיר גאָר אַ כאַסענע.

אַ געהויקערטער איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען נעבן פֿענצטער, געקוקט ווי די קאַלע שפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זיין אַלט פּנים איז אַזוי צעקנייטשט געוואָרן, גלייך עס ווילט זיך אים וויינען, נאָר ער קען ניט.

ערשט שפּעטער, אַז אין דער בלויער לעוואַניקער שטילקייט איז צו אים דערשווימען אַ פריילעך געזאַנג, איז ער אַ מידער, אַ צעבראָכענער פּאַרט אַוועק אַף דער סימכע און באַם באַראַק באַגעגנט זיך מיטן דערלעגאַט און מיט לייבאָוויטשן:

— אַ, רעב לייזער, מאַזלטאָוו!

— אַי, א מאַזל — האַט ער טרויעריק אָפּגעזיפצט — אַף אַלע מיינע סאָנים אזא מאַזל. דערזעען די דריי געסט, איז נודל ארופגעשפּרונגען אַף א בענקל און א דעריזשיר געטאָן מיט די צעשפּרייטע הענט:

— לעקאָוועד די שיינע פיינע געסט אַ וויוועד פון זיין ליבן נאָמען!

נאָר אנשטאט א וויוועד, האט מוישקע אַ ריפּע געטאָן דעם אינטערנאציאנאל, און דער גאנצער אוילעם איז אופגעשטאנען פון די ערטער:

— אַהער, אַהער צו כאָסן - קאַלע.

פון פרייד איז די קאַלע צוגעפאלן צום געשוירן מיידל און אָנגעהויבן זי קושן אָן אַן אופהער.

אופגעקלונגען האָבן גלעזער, קעלישקעס און אַ הילכיקער לעכאַיעם.

— וואָס הייסט לעכאַיען? — האט באַם דעלעגאַט א פרעג געטאָן דער קאַלעס טאַטע, מיקאַלע טשומאַטשענקאָ. — אַהאַ, פארשטאנען, לע - כאַ - יען מעכוטן, לעכאַיען!

לייזער האט קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גענומען דאָס גלעזל פאַרן פיסל און אַזוי מיטן גלעזל אין דער האנט געבליבן זיצן: הא, א שיינער מעכוטן! דערלעבט. אבער ווען די אלטע קומט ניט אום, וואלט דאך כאצקל געגאַנגען אין אַנדערע וועגן.

אַנטקעגן אים זיינען דאַכט געזעסן מענטשן, געוווּנשן אים נאַכעס, הילכיק גערעדט, געלאַכט, געזונגען, און לייזער זעט ניט קיינעם אויסער דער קאַלע, און זען זעט ער זי ניט מיטן אויג, נאָר מיטן צעווייטיקטן הארץ:

— פונקט אַזוינע אויגן ווי באַ סאָרקען...

— וואָס זאָגט איר? רעב לייזער.

עפּעס האט ער זיך ווי אופגעכאפּט פון שלאָף און מיט צעטומלטע אויגן אָנגעהויבן פינטלען צום דעלעגאַט:

— האַ, וואס, איך זאָג דען עפּעס? ניין, גלאט אַזוי, מיד, אַ טאָג א יאָר, און די סימכע וועט מיסטאם פארציען זיך ביז שפּעט.

— נו, איז וואס? — מארגן איז דאָך שאַבעס, ווען מען שפּעטער שלאָפן.

איבער די קנייטשן פון זיין צעפּייניקט פּאָנים איז צעשווימען א שמייכעלע א ביטערס און אַ שטעכיקס:

— שאַבעס, זאָגט איר? בא אונדז, דאנקען גאָט, איז שאַבעס דעמאָלט, ווען סע גייט א רעגן. און אז מע קאָן ניט אַרבעטן אין סטעפּ, דעמאָלט איז באַ אונדז שאַבעס.

זיינע אַלטע אויסגעוועלקטע אויגן זיינען געוואָרן פייכט און טרויעריק צעפינקלט, גלייך עס גליט אין זיי א שטומער ווייַ פאַרן פאַרהאָרעוועטן שאַבעס, פאַרן זונס כאַסענע און פאַר זיין גאַנץ פינצטער לעבן.

מיט אַ גלאָז ביר אין האַנט איז נודל צוגעגאַנגען צו דער קאַלעס טאַטן און פאַרגעלייגט אויסטרינקען אַף „פּוליטארסקע ברודערשאַפט".

— לעכאַיען, לעכאַיען אלע כאַוויירים, נאָר פריער אַ וואָרט!

— שאַ, שטיל! אַ וואָרט באַקומט אַ פאָרשטייער פונעם דאָרף טשו־מאַקי, דער כאַווער מיקאָלאַ טשומאַטשענקאָ.

— לעכאַ־יען ליבע מענטשן, און זאָגן וויל איך, אַז מיר האבן דער־לעבט א צייט, וואס האט זיך ניט געכאָלעמט אַפילע אונדזערע זיידעס — לעמאָשל, אַזעוו.

— אַזעט, אַזעט — האבן אים עטלעכע שטימען פאַריכט, — אַזעט.

— נו, יאָ, טאַקע אַזעוו, א קלוגע זאַך דער אַזעוו, נעמט א יידן און מאכט אים פאַר אַ פויער, און זאָגן מוז איך אייך, טאַקע פאר אַ גוטן פויער. צי, לעמאָשל, היינטיקע כאַסענע? — ניט קיין גאַלעך, ניט קיין ראָוו, און דאַפקע פריילעך. פרעג איך אייך, לעמאָשל, שלוימע האַמעלעך, גע־ווען אַ כאָכעם? הא! ניטאָ וואס צו רעדן, געווען אַ גרויסער קאָפּ, און צו אַזאַ סימכע ניט דערלעבט, און פאַרוואס ניט דערלעבט? — ניט דערלעבט, כאַוויירים, ווייל ער איז געווען א בורזשוי, און מיר האָרע־פאַשניקעס, מיר, האָבן דערלעבט, איז לעכאַיען מעכוטן, לעכאַיען אלע ברידערלעכע כאַ־וויי־רים, צוזאַמען מיט כאָסן־קאַלע!

זיינע ווערטער זיינען פאַרהילכט געוואָרן אין פריילעכן געלעכטער, אין געקלאַנג פון גלעזער און אין דעם מאָטיוו פון א שער.

דער אוילעם איז אַרויסגעקראָכן פון די טישן, רעכטס אַ ריי, לינקס אַ ריי און אינמיטן — נודל מיט דער „מאַמאַשע":

— מיישקע, דערלאַנג נאָר אַ שער פון זיין ליבן נאָמען! — און נודל האָט אנגעהויבן זינגען די נייע שער:

— איך בין דער פּאָלעטאריער פון דער נייער וועלט...

שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האבן שיקערלעך אַוועקגעשמאָרעט, געפלאָנטערט די רייען, געפלאָנטערט די פּאַ און לעסאָף צעדרייט די שער.

ניט פאַר זיי איז דער באַשיידענער טאַנץ. פון דער געזונטער שווע־רער מי, פון דער זוניקער לופט אָנגעגאָסן האָבן זיך די גלידער זייערע מיט פרישע קויכעס, און גאַרן גאַרן זיי א טאַנץ, עס זאָל ברענען אונ־טער די פיס.

— בייגעלעך! — האָט נודל אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — בייגעלעך!

אַ מונטערער, אַ פריילעכער ניגון איז צעשווימען איבערן באַראַק, צע־צויגן אַ גרויסע ראָד, אַריינגעשלעפּט דעם דעלעגאַט, כאָסן - קאַלע און לייזערן.

אינמיטן ראָד — די הענט געפלאָכטן אַף די אַקסלען — לייבאָוויטש מיט דער קאַלעס טאַטן.ביידע טראָגן זיי זיך באַטרונקענע, קלאפּן צו מיט די פיס און דרייען מעשונעדיקע קרענדעלעס.

פּענימער געוואָרן זיינען רויט, שטימען אָנגעקוואָלענע מיט קלינגענ־דיקער פרייד, און דער העפּענדיקער קאַראַהאָד ווערט לענגער, ברייטער, פיס באַרירן קוים די ערד, צענדליקער אויגן ניט זיי פינקלען, נאר זיי בליצן, און דער הענגענדיקער לאָמפּ ער פינטלט, פינטלט, גלייך ער איז אַזוי איבעראשט פון דער טאַנצנדיקער פרייד, אַז ער קאָן גאָרניט כאפּן דעם היציקן אָטעם.

אין רעכטן ברען האט זיך לייזער אַרויסגעשמוגלט פונעם קאַראַהאָד, ארויס אַפן גאַס און זיך צוגעשפּאַרט צום וואָגן. ווו ס'איז געלעגן דעם זונס נאַדן.

אַרום, אַף ווערסטן און אַף מיילן — א פוסטע בלוילעך - העלע ווייט. קיין בוים, קיין קוסט.

נאָר העט - העט, פונקט אַפן זוים פון האָריזאָנט — א ווינטמיל מיט צעשפּרייטע פליגל.

לייזערן האט זיך אָבער אויסגעדאַכט, אז ניט קיין ווינטמיל שטייט דאָרט, נאָר אזאַ דערשלאָגענער מענטש ווי ער; פונקט אַזאַ עלנטער,

פונקט אַזאַ געשטראָפּטער ווי ער, האָט פאַרצווייפלט פאַרשפּרייט די הענט; פונקט ווי לייזער קוקט ער אויך אין דער בלויער נאַכט אַריין מיט פאַרטרויערטע אויגן. מיסטאָם ווילט זיך אים אויך אַ געשריי טאָן „גוואַלד ס'איז ביטער", נאָר ווער, ווער וועט פאַרנעמען זייער ביידנס ווײ־געשריי? וועמען גייען זיי אָן? — מענטשען מיט שטימען פאַרכלינעטע פון שיקערער פרייד זינגען דאָך בייגעלעך און העפּען, העפּען אָן אָן אופהער.

א פאַרצאָקטער איז לייזער א לאַנגע צייט געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום וואָגן און אַלץ געקוקט צו דער ווייטער ווינטמיל.

פאַר די אויגן איז דורכגעשווינדן זיין גאַנץ פינצטער לעבן: שטענדיק געיאָגט זיך נאָכן גראָשן פאַרנאָסע און אין וועג פאַרלאָרן די ווייב, פאַרלאָרן די קינדער, קוים אַף דער עלטער דערשלאָגן זיך צו אַ זיכער שטיקל ברויט, געהאָפּט דערלעבן אייניקלעך און געבוירן וועלן גאָר מאמזיירים.

דער צוגעבונדענער לאָשיק האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, אַפּן אַקסל אַרופגעלייגט אים די וואַרעמע מאָרדע און מיט איין אייגל זייטיק א קוק געטאָן אַף לייזערן, גלייך ער פרעגט: האַ, ביטער אַפּן האַרצן?

צאַרט און ליבלעך האָט לייזער א פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן דעם לאָשיקס קאָפּ, דערנאָך אויסגעטאָפּט די רינגעלעך אַף דער בעהיימעס הערנער און פעסטגעשטעלט, אַז אַלט איז די בעהיימע ניט מער ווי פיר יאָר און דערצו נאָך איז זי קעלביק.

— אַ שיינער באַלעבאָס — האָט ער ביי אַ בורטשע געטאָן צו דער טיר פון באַראַק, — קראַנק געווען אונטערבעטן דער בעהיימע אַביסל שטרוי און דערנאָך גיין העפּען אַף דער אייגענער כאַסלירע. קאָמענים־טישער באַ־לע־באָס.

דער כאַזער האָט דערהערט זיין שטים און כריוקענדיק געוואָלט זיך פאַרקלאָגן, אַז אים איז גאָרניט אַזוי באַקוועם צו ליגן אין וואָגן אַ גע־בונדענער. פון זיין כריוק איז אָבער לייזער אופגעבראַכט געוואָרן, און לאָזנדיק זיך צו דער סקירדע שטרוי, דערלאַנגט דעם כאַזער אַ שטורכע אין זייט:

— או, טרייפענער ביין, האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר!

דעם קאַראַהאָד איז פּלוצלינג ענג געוואָרן, און אַ צעקייטלטער און אַ צעזונגענער האָט ער אַרויסגעכוואַליעט פון באַראַק.

דאָ, אין בלויער לעוואָנע־שיין איז ער געוואָרן לענגער, ברעטער, אַף צוריקוועגס איבערגעכאַפּט לייזערן מיטן בינטל שטרוי און איינגעפלאָכטן אים אין טאַנץ.

דאָ, אין ווייכער נאכטישער קיל, זיינען די שטימען געוואָרן קליינגענדיקער, און די שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האָבן אַזוי לאַנג געהעפּעט, ביז די לעוואָנע האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון הימל און באַם זוים פון האָריזאָנט איז זי געבליבן זיצן ווי אַ פאַרשלאָפענע זילבערנע קוואָטשקע.

# קרענעצים

I

דערפֿער זײַנען אָקאָרשט אױפֿגעשטאַנען פֿון אַ שװערן טיפֿוס, מיט נײַע קװאָרים אױפֿגעבערגלט די בײסױלעמס און ערשט איצט דערװיסט, אַז די באַנדיטן האָבן צוגענומען דאָס לעצטע ביסל געלט און לעצטן פֿערד.

און דאָס פֿעלד איז צײַטיק.

זאַנגען רױשן, זאַנגען פֿילדערן — עס זאָלן קומען שניטער. נאָר די אַלטע זײַנען שװאַך און דער טיפֿוס האָט אַװעקגערױבט די יונגסטע און די שטאַרקסטע.

פֿון טאָג צו טאָג װערט אָבער טונקעלער דער װײַסער האָבער, ברױ־נער — די גאָלדענע װײץ, און אױפֿן האַרצן װערט אַלץ שװערער.

נאָך אַ טאָג, נאָך צװײ, און די טװוּע װערט פֿאַרברענט.

פֿאַרמאַשקנט, פֿאַרקױפֿט פֿון זיך דאָס לעצטע העמד, האָבן מיר גע־ליען בײַ אַ שאָכן דעם שפּאַן, און געלאָזט זיך אין נאָענטן שטעטל קױפֿן פֿערד אױפֿן זונטיקדיקן מאַרק. איך — אױף דער קעלניע, רעכטס — די פּיס אַראָפּגעלאָזן פֿונעם װאָגן — מײַנע צװײ שװעסטערקינדער, מאָטל און זאַלמען, לינקס — יױליק קאַרפּאַט, אַ ריז פֿון אַ יאָר דרײַסיק, נאָר גרױ װי אַ טױב.

פֿון זײַן לאַנגער דינסט אין דער צאַרישער אַרמײ איז אים פֿאַרבליבן אַ פּאָר פֿאַרשמאָלצענע קאַװאַלערישע הױזן מיט אַ רױטן קאַנט; פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע — אַנדערהאַלבן פּיס, און אַ שװערער אָנ־דענק פֿון גיפֿטיקע גאַזן.

די װערטער פֿלעגט יױליק אַרױסרעדן הילכיק, שװער און אָפּגעריסן, גלײַך אַ געהײמער קלאַפּען פֿאַרשליסט פֿון מאָל צו מאָל זײַן אָטעם און שיסט פֿון אים אַרױס שװערע אָפּגעריסענע קלאַנגען.

נאָך יעדער אַרויסגעשאָסן וואָרט, פֿלעגט ער סאָפּען ווי אַ גאַנדז, אָפּט ווישן דעם שווייס, און דאָך ניט אופהערן צו פּלאַפּלען וועגן העלדישע מאַיסים, וואָס ער מיט זיין דיוויזיע איז באַגאנגען אַף די קארפּאַטן.

פון מאָל צו מאָל פלעגט ער זיינע מאַיסעס פאַרברייטערן, צוטראַכטן נייע שוינ־ערלעכע פאַקטן, און רויטלען זיך און קוויקן זיך, און ווערן יונגער, באַלעבטער — פונקט ווי אין די אויסגעטראַכטע מאַיסעס זוכט ער אַ באַלוינונג פאַר דער אָפּגעריסענער פוס, פאַר די פאַרסאַמטע לונגען און פאַר דעם גרויען קאָפּ.

האַרט נעבן יוליקן איז געזעסן איציק־מענדל — דער דאָרפישער סאָטסקע, אַ ליליפּוטל מיט אַ קליין קעפּעלע, אַן אַריינגעזונקנס אין די ברייטע אַקסל; איבערן גאַנצן פּאָנים — אַ געלבלעך ברודיק בערדעלע, און די אונטערגעשוירענע וואָנצעס און די גוטמוטיקע קנייטשן באַ די אויגן, האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזעען פון אַן אַלטער שמייכלענדיקער מאַלפּע.

די מאַכט אין דאָרף האָט זיך געביטן צענדליקער מאָל, נאָר איציק־מענדל איז געבליבן איציק־מענדל; ניט מער, אָנשטאָט דעם בלעכל מיט די אויסגעקוועטשטע אויסיעס „סאָטסקע”, פלעגט ער אַפן אַרבל אָנטאָן פון מאָל צו מאָל אַ ברייטע טאַשמע מיטן אופשריפט „מיליציאָנער”.

נאָר טעג זיינען סאָפּקאָלסאָף אינגאַנצן דול געוואָרן, און מיט פאַרשייר־דענע וועגן אַראָפּגעבראַכט היינט ווייסגוואַרדייער, מאָרגן — מאַכנאָווצעס, איבערמאָרגן — אַ באַנדע, אַ מאַרוסיע, אָדער גאָר אַ כאָפּטע פאַרטיזאַנער.

איז איציק־מענדלען נימעס געוואָרן בייטן די טאַשמע אַפן בלעכל, דאָס בלעכל — אַף דער טאַשמע; נימעס געוואָרן צו טראַכטן, וואָס פאַר אַ מאַכט וועט מאָרגן זיין אין דאָרף. כאַזאָקע אַף דער שטעלע האט ער דאָך בעמיי־לע, טאָ זאָלן זיי זיך פאַרדרייען זייער אייגענעם קאָפּ. און איינצייטיק האט ער אַף דער ברוסט געטראָגן דאס בלעכל מיט די אויסגעקוועטשטע אויסיעס „סאָטסקע” און אַפן אַרבל — די טאַשמע מיטן אופשריפט „מיליציאָנער”.

גראָד איצט איז דאָס מאָטלען ניט געפעלן געוואָרן, און ער איז צור־געשטאַנען, אַז איציק־מענדל זאָל אויסטאָן ביידע געצקעס.

אַף איציק־מענדלס נידעריק שטערנדל האבן זיך אויסגעצויגן גראָבע קאַרבן, ווי לאַנגע רעגן־ווערים. דאָס רעכטע אויג האט זיך האסטיק צעפינטלט, גלייך די פאַרשלאָפענע געדאַנקען וויל ער אופזאַמלען אַהער צום רעכטן שלייף, און ווי אַפּצעלאָכעס צעלויפן זיי זיך.

נאָך אַ לאַנגן יישעוו־האַדאַעס, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז אויסטאָן ביידע געצקעס טאָר ער ניט: צייטן אומרואיקע, אונטערוועגס קאָן מען זיך אָנשטויסן אַף אַ שיקערער כאַפּטע פויערים, אַף אַ פאַרשייטער כעוורע שקאָצים, און עפשער טאַקע גאָר אַף אַ באַנדע.

דער געדאַנק וועגן אַ באַנדע האָט שוין לאַנג געפּיקט די מויכעס, נאָר מיט אַ כאָכמעלע און מיט אַ קינסטלעך־פריילעכן געפלאַפּל האָט מען אים געפּרוווט פאַרשטויסן.

איצט איז מיטאַמאָל אופגעשווימען, ווי אַזוי די מאַכנאָווצעס האָבן אַ האַלב דאָרף יידן פאַרשלאָסן אין אַ קלוניע און דערנאָך זי אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן.

איצט האָט מען זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי אַזוי סאָקאָלאָווסקיס באַנדע האָט דריי מעסלעס געווילדעוועט אין דאָרף, פאַרגוואַלדעוועט די פרויען, אויסגעקוילעט די יוגנט, און לעסאָף, צוגעבונדן די לערערקע פאַרן צאָפּ צום פערדס עק און אַוועקגעריטן מיטן טויטן קערפּער.

יוליק האָט אַ ציטער געטאָן און פאַרביטערט אָנגעהויבן קראַצן די פּאַטיליצע:

— געדאַרפט כאַטש מיטנעמען אַ פּאָר גוטע שוואָרצענס.

— נישקאָשע — האָט אים זאַלמען באַרויקט — פון מיינע און פון מאָטלס צוויי יאַדאַיעם קאָן מען אויך אַריינכאַפּן דעם שיינעם גלעט. און עפּעס פּאַרט דאָך מיט אונדז אַ קנעפּל. איציק־מענדל! זאָלסט מיר נאָר ניט פאַרפּאַטשקען די פירמע, הערסט! די נעשאָמע פון דיר, נאָר זאָלסט האַלטן פּאַסאָן!

דאָס מאַלפּעלע האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט און מיט די קורצע געבויגענע פינגער, ווי מיט ציינער פון אַ האַבליע, האָט ער אָנגעהויבן קעמען דאָס בערדל:

— סאַיעך פּאַסאָן. כ'בין דאָך עפּעס איציק־מענדל.

יוליק קאַרפּאַט האָט פאַרדרייט אַ ציגאַר, קוים אַרויסגעריסן אַ כריפּעדיקן שווערן הוסט און אָנגעהויבן פלאַפּלען, אַז ווי נאָר די רויטע וועלן קומען, וואַרפט ער אַלץ, פאַרשרייבט זיך אין אַ קוילנוואַרפערישער קאָמאַנדע, און קאָסען וועט ער דאַן אַף רעכטס און לינקס.

פונעם בלייכן הימל האָט שווער געבריט אַ הייסע זון. און די געדיכטע הויכע טוועס זיינען געשטאַנען, ווי פאַרגליווערטע פון אַ שלעפעריקער אומאַכט.

רעדן האט זיך קיינעם ניט געוואָלט. זיינען מיר שטום געזעסן, אין געדאַנק אָפּגעשאַצט די גערעטעניש אַף יעדער דעסיאַטין און געפּיפּקעט מאַכאָרקע.

באַ דער ערשטער קרענעצע האבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעבונדן פון וואָגן דעם עמער און געוואָלט אָנפּויען די פערד, נאָר פון די טוועס זיינען פלוצלינג אַרויסגעשפרונגען פיר באַנדיטן און אָנגעצילט אַף אונדז די רעוואָלווערן:

— רוקי ווערך!

איציק־מענדל האט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן בלעכל און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איידער די ווערטער זיינען אַראָפּגעפאַלן פון זיין צונג, איז אים אַ קויל אַריין אין שאַרבן און אַ פאַרבלוטיקטער איז ער געפאַלן.

אין דער צעשאָסענער שטילקייט האב איך נאָר דערהערט, ווי זאלמען האט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, אין זיין אופגעהויבענער האנט האט דער עמער אַ ציטער און אַ סקריפּ געטאָן, און מיט אַ הילכיקן קרעכץ איז דער עמער פלוצלינג געפאַלן אַפן באַנדיטס קאָפּ.

דער באַנדיט האט זיך שיקער אַ וויג געטאָן, זיך צוגעזעצט, און דער צונויפגעפלעטשטער עמער איז אַף איין רעגע געבליבן אַף זיין קאָפּ, ווי אַ מעשונעדיקע אייזערנע הוט.

נעבן מיין אויער זיינען פלוצלינג דורכגעפלויגן עטלעכע קוילן, דורכ־געפלויגן, ווי בייזע זשומענדיקע בינען, און כ׳האב נאָר דערפילט אַ קורצן פּיק אין דער לינקער ברוסט. אַ פּיק, ווי אַ שטאָך פון אַ טעמפּער נאָדל. נאָר פונעם קורצן טעמפּן פּיק האב איך ראַש אַ שפּאַן געטאָן אַף צוריק, אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס און בין געפאַלן מיטן פּאָנים צו דער ערד.

ניט ווייט פון מיר האט יוליק מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן די לופט, זיין הילצערנע פוס האט עפּעס אַ פיר געטאָן איבער דער ערד, ווי ער וואָלט וועלן אויסקריצן אַף איר אַ קרייז, דערנאָך אַ וויג געטאָן זיך רעכטס, א וויג געטאָן זיך לינקס, און ווי אַן אונטערגעזויגענער בוים איז ער אַ פאַרגליווערטער געפאַלן.

זיין קאָפּ איז אָבער ווי אַ מיאַטש אָפּגעשפּרונגען פון דער ערד, און די פאַרבלוטיקטע ליפּן האָבן נאָר באַוויזן אַרויסצוהיקן:

— ב־ב־באַנ־די־טן. אין אייער ט־ט־טאַ...

פון רעגע צו רעגע פיל איך, ווי עס רינט פון מיר אַרויס אַ מאָדנע וואַרעמקייט. שווערער ווערט דער קערפּער, מידער די גלידער, און פינצ־טערער אין די אויגן.

יוליק איז טויט, איציק־מענדל — אַ פּאַרבלוטיקטער דריגעט מיט אַ פוס, וויל זיך אופהויבן, נאר פאלט צוריק, און אף זאלמענען האַלטן צווייַ באַנדיטן אין איין שיסן.

זיין געזונטער קערפּער גיט אַ צוק נאָך יעדן שאָס, די האנט גיט אַ אַ קראַץ די נייע ווונד, גלייך אַף דעם אָרט האט אים אַ ביס געטאָן אַ בין, נאר דעם צונויפגעפּלעטשטן עמער לאזט ער ניט אַרויס פון האַנט. ווי אַ געריירטער קריכט ער אַף די שיסנדיקע באַנדיטן און האַקט מיטן עמער איבער די קעפּ.

אַף אלע פיר בין איך צוגעקראכן צו אַ באַנדיט, אַרומגעכאַפּט זיין פוס און האב זיך אין איר איינגעטרונקען מיט די ציין, איינגעטרונקען זיך ביז בלוט, נאר אַ שטאַרקער זעץ איבערן קאָפּ האט מיך אָפּגעשלייַ־דערט אין אַ זייט.

אַ רויטע היץ באַגאָסן האט מיין פּאָנים, נאר זעען זע איך, ווי מאָטל האט צו דער קרענעצע צוגעדריקט אַ געזונטן באַנדיט מיט אַ בלויען בלוטיקן פליאַם אַף דער רעכטער באַק, און — ער ווערגט אים. אַ צווייטער באַנ־דיט האט שוין אין מאָטלען אויסגעשאסן אַלע קוילן און מיטן הענטל פון רעוואָלווער קנאַקט ער אים איבערן קאָפּ. דאס בלוט יושעט, און מאָטל, צוגעזאָדטן צום באַנדיטס גארגל, קוקט אַף אים מיט פאַרגלעזטע טויטע אויגן און ווערגט.

כ'האב זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאן פון אָרט, אַריינגעשווונדן אין די טוועס און געלאזט זיך לויפן.

אַרום — אַ שיסעריי, אַ מאָדנער געזשום, און כ'ווייס ניט, צי דאס זשומען אַרום מיר די קוילן, צי די אופגעוועקטע זאַנגען.

איך לויף, די ווונד — מיטביידע הענט פאַרקוועטשט, פון צווישן די פינגער רינט דאס בלוט. איך הער ניט דאס האַרץ, איך פיל ניט מיין אָטעם, פון מאָל צו מאָל גיב איך נאר אַ פאַל, שטיי אוף און לויף ווידער.

גארניט ווייט פון וועג האב איך דערהערט אַ סקריפּ פון אַ וואָגן,— אייגענע? צי דאס יאָגן די באַנדיטן?

כ'האב זיך אפּגעשטעלט און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אין די זאַנגען.

מיט בלינדע אויגן קוק איך, מיט אַלע כושים הער איך זיך איין צום סקריפּ פונעם וואָגן, און פילן פיל איך, ווי אין אַלע מיינע גלידער דרינגט אַריין אַ שווערער בלייענער גרויל. עפּעס דריקט מיך אַלץ נידעריקער, נידע־ריקער צו דער ערד. און פאַל איך איצטער, וועל איך שוין ניט אופ־שטיין פונעם אָרט.

כ'האָב ווידער אופגעזאַמלט דאָס לעצטע ביסל קויכעס, אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, און ניט ווייט פון זיך דערזעען אַ האַלב געלאָדענע האַרבע:

— אילקאָ!

מיין אַלטער כאַווער אילקא קאַסיאַן האָט אָפּגעשטעלט די פערד, און אַ צעשראָקענער אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער האַרבע.

— דאָרט באַ דער קרענעצע — האָב איך מיט דער האַנט אָנגעוויזן אין דער ווייטקייט, — דאָרטן, האַרגעט מען. — און בין געפאַלן נעבן וואָגן.

כ'האָב נאָר געהערט, ווי אילקאָ האָט מיר אופגעריסן די צונויפגע־קלעמטע ציין, אריינגעגאָסן וואַסער אין מויל, עמעצן שטאַרק געשאָלטן, דערנאָך ערגעץ אַוועקגעריטן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אופגעכאַפּט האָב איך זיך באַ אילקא קאַסיאַן אַף דער לעזשאַנקע.

אין ווינקל באַ דער איקאָנע צאַנקט אַ לאַמפּאַדע; האַנע, אילקאָס ווייב, וויגט דאָס קינד, און אילקאָ שטייט נעבן מיר מיט אַ קריגל מילך:

— נאַ, בראַטישקע, גיב נאָר אַ זופּ.

— כ'וויל ניט.

— זופּ, זופּ, אַניט וועסטו אויסציען די פיס.

כ'האָב אָפּגעזופּט אַ פּאָר שלונג מילך, באַמערקט אַ גרויסן בלויען בייל באַ אילקאַן אונטערן אויג. און כ'וואָלט געשוואָרן, אַז קיין ביילן האָט ער ניט געהאַט. אַמאָל, אַמאָל, ווען מיר זיינען צוזאַמען געווען אין דער לערע באַ איין באַלעבאָס, צוזאַמען געשלאָפן אַפן שנייד־ברעטל מיט דער פּראַווידלע צוקאָפּנס, — אַמאָל האָט אים דער באַלעבאָס דער־לאַנגט מיט אַ קאָפּיט. דאָס איז דאָך אָבער געווען ווינטער, קיין הויכע זאַנגען האָבן ניט גערוישט, איציק־מענדל איז מיט אונדז ניט געפאָרן, איך בין אין ערגעץ ניט געלאָפן. און ווּהין, און פאַרוואָס בין איך בּיכלאַל געלאָפן?..

— האַ, אילקאָ! פאַרוואָס בין איך געלאָפן?

אַף מיין הייסן שטערן האָב איך נאָר דערפילט זיין קאַלטע שאַרשאווע האַנט, און בין ווידער פאַרזונקן אין פיבערישע כאַלוימעס.

II

ערגעץ ווייט אין עק דאָרף האָט מען נאָך געדרעשט, ערגעץ ווייט אין עק דאָרף האָט נאָך מאָנאָטאָן געראַשט אַן איינזאַמע ווייעלקע, און פרימאָרגנס טויאיקע און פאַרנאַכטן ערנסטע און רויטע, האָבן שוין קיל אַריינגעקוקט אין אילקאָס כאַלופּקע און מיר אָנגעזאָגט, אַז דער זומער צאַנקט.

כ'האָב שוין דעמאָלט אַלץ געוווּסט.

געוווּסט, אַז טיף אין מיין ברוסט ליגט אַ בלייענע קויל; געוווּסט, אַז די באַנדיטן האָבן אַריינגעוואָרפן אין קרענעצע אַלע מיינע כאַוויירים; צוויי טעג האָט עמעץ פון זיי געראַנגלט זיך מיטן טויט און אַלץ געוואָרפן שטיינער פון דער קרענעצע; צוויי טעג האָט עמעצער פון זיי געהאָפּט, אַז מע וועט דערזעען די שטיינער און אים ראַטעווען; צוויי טעג האָט עמעצער פון זיי געוואַרט אַף הילף און ניט דערוואַרט זיך.

כ'האָב שוין דעמאָלט אַלץ געוווּסט. נאָר דערגיין, ווער זיינען געווען די באַנדיטן און פונוואַנען נעמט זיך דער בלוטיקער צייכן באַ אילקאָן אונטערן אויג — דאָס האָב איך אין קיין פאַל ניט געקאָנט דערגיין.

אַ לעצטן מאָל בין איך צוגעשטאַנען — ער זאָל מיר זאָגן דעם עמעס, ווער עס האָט אים אונטערגעשלאָגן דאָס אויג, און צי ווייסט ער ניט, ווער זיינען געווען די באַנדיטן. נאָר אילקאָ איז כמורנע געוואָרן און מיט אַ קלוימערשטדיקער טאַמעוואַטיקייט פאַרקוקט זיך אין אַ זייט.

צי איז האַנע אויפגעבראַכט געוואָרן פון מיין פראַגע, צי זי איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון אילקאָס טאַמעוואַטן שווייגן, — דאָס האָב איך ניט געוווּסט. נאָר פּלוצלינג האָט זי בייז אָפּגעריסן דאָס קינד פון ברוסט און אַריינגעוואָרפן עס אין הענגענדיקן וויגל:

— ער וועט נאָך אַמאָל בלייבן אָן אַ קאָפּ פאַר זיין צינגעלע! אַלע שיינע באַלעבאַטים פונעם דאָרף זיינען באַ אים רויבער און גאַזלאָנים, אומעטום שטופּט ער די נאָז, אומעטום זאָגט ער דייעס. אויך מיר אַ באַוווסט־זי־ניקער!

אילקאָ האט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט:

— נימעס, אוי, ווי נימעס.

— און מיר איז נימעס דאס לעבן מיט דיר, אויך מיר א מאַן, — ניט צו גאָט, ניט צו לייט. אויסער די האָלאָדראַנצעס קאָן דאָך דיך קיינער ניט אָנקוקן. קיין איין טרער וועל איך ניט פאַרגיסן, אַז מע וועט דיך ארעסטירן. קיין איין טרער.

אילקאָ איז מיטאמאָל געוואָרן בלייך, אָנגעכמורעט די צונויפגעוואַקסענע שווארצע ברעמען און א כאַפּ געטאָן א בענקל:

— פאַרמאַך, זאָג איך, דעם פּיסק! הערסט?

אַ דערשראָקענע האט זי גענומען די עמער, בייז און גיפטיק אַ קוק געטאָן אף מיר און אַרויס פון שטוב.

כ'האב שוין לאַנג באַמערקט, אַז צווישן מאַן און ווייב קומט עפּעס פּאָר. ניטאָ שוין די פריערדיקע צערטלעכקייט. עפּעס איז מען אנגעשטויסן איינער אַפן צווייטן, און דער שטילער אילקאָ פאַרמעסט זיך אָפט אַף האַנען.

אויך איצט האט ער אַרויסגעשפּיגן אַ זידל־וואָרט, צוגעגאנגען צום וויגל און מיט אַ כמורנעם, פרעמדן בליק אָנגעהויבן קוקן אפן קינד:

— הער נאָר, באַ אייך, יידן, זאָגט מען אויך, אז די זין זיינען אַלע מאָל געראָטן אין דער מאמעס ברידער?

— מיט וואָס געראָטן?

— נו, לעמאָשל, מיטן כאַראַקטער, מיט די גענג.

און ניטוואַרטנדיק אף מיין ענטפער, האט ער דעם קינד אָנגעהויבן דראָען מיטן פויסט:

— מיט די אייגענע הענט וועל איך דיך דערשטיקן, דו, קליינער מאמזערוק.

דאס קינד האט זיך דערשראָקן און פאַרגאַנגען זיך אין א לאַנגן גריל־צנדיקן געוויין.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען זיין פראַגע; ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואס ער דראָט צו דערשטיקן זיין אייגן קינד, נאָר פרעגן אים — האב איך ניט געוואָלט.

עפּעס איז ער געשטאַנען אַ פאַרקלעמטער, טרויעריק געקוקט אין פענצטער, באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אינדערשטיל גע־מורמלט:

— פלייטע, מאכן פלייטע, און זאָל עס ברענען.

וואס צווישן מאן און ווייב קומט פאַר, פון וואָס אים איז ביטער אָפּן הארצן, האב איך ניט געקאָנט דערגיין. נאָר האַנעס סינע צו מיר איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער, און איך בין אינגיכן אַוועק צו זיך אין קאָלאָניע.

## III

אַ גרויער, פּראָסטיקער אומעט האט זיך שנייאיק אויסגעבעט אַף וועג און שטעג, און הוילנדיקע זאַווערוכעס האבן טאָג און נאַכט געטאַנצט הינטער די פענצטער.

פון מאָל צו מאָל פלעגט צו מיר אַראָפּפאָרן אילקא, דערציילן, אַז די קולאַקעס דראָען אים דערשיסן; דערציילן, אז אין דאָרף פאַרשפּרייט מען בלעטלעך. אין אַלע בלעטלעך זאָגט מען צו גאָלדענע בערג, אָבער קיין עמעסע „פּאָגראַמע״ קאָן ער זיך אַלץ ניט צוקלייבן.

גאַנץ אָפט פלעגט צו אונדז אראָפּקומען א ווייסגווארדייאישער אָטריאד, אַראָפּגעקומען, צוגענומען דאס לעצטע ביסל ברויט, דעם לעצטן פערד, געכאַפּט א פּאָר מאָבילִיזירטע יונגעלייט, וואס האבן ניט באַוויזן מאַכן פלייטע, און ווידער הוילנדיקע זאַווערוכעס, אָפּגעריסענע יעדיעס וועגן רויטע פּארטיזאנער אין די שכייניש ראיאָנען, אָפּגעריסענע יעדיעס וועגן שלאכטן צווישן די מאַכנאָווצעס מיט די ווייסע, און אַ סוידעס־דיקער, אַ פריידיקער געמורמל, אז די באָלשעוויקעס גייען מיט אַ שטאַר־קער דיסציפּלינירטער אַרמיי.

דערפער, אויסגעפּייניקטע פון טיפוס און פון רעקוויזיציעס, האבן פאַר יעדער פאַטראָן געצאָלט מיט ברויט און קאַרטאָפליעס, פון אומגעדולד געצונדן פריצישע גיטער, און מיט סרייפעס אָנגעזאָגט די רויטע, אַז מע וואַרט אַף זיי.

עטלעכע מאָל האבן מיר געשיקט אונדזערע כעוורע, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט די שכייניש פּאַרטיזאַנער, אדער גאָר מיט די באָלשע־

וויקעס, נאָר אין וועג האָבן זיי באַגעגנט אָטריאַדן מאכנאָווצעס, צוגע־שטאַנען, און אַוועק מיט זיי צוזאַמען שלאָגן די ווייסע.

האבן מיר געוואַרט, און דערווייל געמאַכט אָנפאלן אַף די צעשפּליטערטע ווייסגוואַרדייאישע אָטריאַדלעך, צוגענומען דאס געווער, און עס באַגראָבן אַפן בייסוילעם ביז די גוטע שאָ וועט קומען.

קיין דורכפאַל איז באַ אונדז נאָך קיינמאל ניט געווען. א פלוצלינגער אָנפאל אַפן סוינע, אַ שפּייער צום שלייף, און דאס געווער איז אונדזערס.

אין לעצטן אָנפאל האט מיך אָבער אַ סטראַזשניק מעכאבעד געווען מיט דער שאשקע און צעשניטן מיר דעם פעלץ לענג אויס דער גאנצער פּלייצע.

איבערגעפּרוּוירן בין איך געווען, צו דער היים איז ווייט, האב איך זיך צעזעגנט מיט די כאווירים און אַראָפּגעפאָרן געכטיקן צו אילקאָ קאַסיאַנען.

נאַכט:

אין שעלעכל מיט צעשמאַלצענער פוטער רויכערט אַ קנויטל, האַנע וויגט דאָס קינד, און איר שאָטן וויגט זיך אפן וואַנט.

האַרט נעבן מיר זיצט אילקאָ, קוקט, ווי איך פאַרניי דעם פעלץ, שמייכלט כיטרע און פּיפּקעט.

ער איז עפּעס כוישעד. ווילן ווילט זיך אים דערוויסן, ווער האט עס מיר צעשניטן דעם פעלץ. נאָר פרעגן גלייך — דערוואַגט ער ניט, דער־ציילט ער מיר, אַז אין ראַיאָן דרייט זיך אַרום א כעוורע, וואס מאַכט אָנפאַלן אַף די סטראַזשניקעס און אף די ווייסגוואַרדייאישע אטריאַדלעך. אהער אין דאָרף איז אראָפּגעקומען עפּעס א „גאַליפּע". מיט דער „גאַ־ליפּע" האט ער די טעג געהאט א שמועס, נאר דערגיין אַ טאָלק, וואס וויל די קאמונע, דאס איז אים פאָרט ניט געלונגען.

— שטייט טאקע בא די באָלשעוויקעס בעפיירעש געשריבן, אז א איבעריק כאַזערל, אָדער אַ קעלבל, מוז מען אָפּגעבן אין קאָמונע?

האַנע האט אופגעהערט וויגן דאס קינד, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטביידע הענט. און הערט זיך איין, ווי איך דערקלער.

— גוט — האט אילקאָ איינגעשטימט — פון די בורזשויען טאָר קיין סאָף ניט בלייבן. אבער אז דאס ווייבל, לעמאָשל, ווערט א צויג און

קריכט דיר אפן קאָפּ, דערלויבט ניט די „פּאָגראָם”, איך זאָל איר דער־לאַנגען אין די ציין?

פון סינע זיינען בא האַנען טונקל געוואָרן די גרויע אויגן מיט די שווארצע שפּרענקעלעך אין די אַפּל, און די דאַרע באקן זיינען נאָך מערער איינגעפאלן.

ווי אן אָפּגעבריטע האט זי זיך א ריס געטאָן פון אָרט, אַראָפּגע־שלעפּט א בולקע פון דער פּאָליצע און זי בייז אוועקגעלייגט אפן טיש:

— כאָטש מיין הארץ ליגט ניט צו די באָלשעוויקעס, נאר טאַפּאָנים, אז פּאַר ווייבער איז דאס די בעסטע מאכט. זיי, קאָנען אָנטאָן א נאַ־מאָרדניק אף אזא קנאַקער, ווי אילקאָ. זיי וואָלטן אים ניט געלאָזט אופהויבן א האנט אַף א ווייב.

מאַן און ווייב האבן זיך אָנגעהויבן קריגן, איינס דעם צווייטן אויס־ווארפן פאַרשיידענע זינד, איינער אַפן צווייטן שרייען, און מיר האבן גארניט געהערט, ווי די טיר האט זיך צעעפנט און אין שטיבל איז אריין א הויכער פויער מיט א בלויען בלוטיקן פליאַם אַף דער רעכ־טער באַק.

אריינגעקומען, אויסגעטאָן דאָס היטל און פרום זיך איבערגעצ״לעמט:

— א גוטן אָוונט שוואָגערל, אַ גוטן אָוונט שוועסטער.

אילקאָ איז פלוצלינג בלייך געוואָרן, ראַש א שפּאַן געטאָן צו דער טיר, צעעפנט זי, און באפעלעריש אויסגעשטרעקט די האנט צום אריינגע־קומענעם:

— דיין פוס זאָל זיך דאָ ניט געפינען, וואַן, וואַן זאג איך!

דער פויער האט בעטנדיק א קוק געטאָן אף האַנען, איבערראשט אַ קוק געטאָן אף מיר; א קוק געטאָן איין מאָל, א קוק געטאָן א צווייטן מאָל און, ווי צעשראָקן, ארויס פון שטוב. נאר פון זיין בליק איז מיר געוואָרן קאַלט אין אלע גלידער, און ס'האבן מיר אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס.

א געליימטע, א גרינגע פון צאָרן איז האַנע געשטאַנען אינמיטן שטוב, מיט פארטרערטע אויגן שטום געקוקט אַפן מאַן און אלץ געוואַרט, ער זאָל דערקלערן, פאַרוואס ער איז אזוי באַגאַנגען זיך מיט איר ברודער. נאר אילקאָ האט זיך פאַרקוקט אין פענצטער, און נערוועיש געצוקט מיט די אַקסל.

האט זי אָנגעהויבן הילכיק וויינען, אָנגעהויבן פאַרשעלטן דעם טאָג, ווען זי איז אַריינגעפאלן צו אַזאַ רויצייעך, וואס האט זיך צונויפגעניי־כעט דער רועך ווייסט מיט ווער, און לאָזט ניט ארוף אפן שוועל אַפילע איר אייגענעם ברודער.

אין דער אָנגעלאָדענער שטילקייט האבן אירע ווערטער געקלונגען, ווי א פארביטערטע יעלאָלע איבער אַ מעס, און אז איר גאַנץ ביטער הארץ איז שוין אויסגעגאָסן געוואָרן און אילקאָ האט אַלץ געקוקט אין פענצטער און שווייגנדיק געצוקט מיט די אַקסל, האט זי בייז אַ כאפּ געטאָן אַף זיך דעם שאַל, האַסטיק צוגעלאָפן צו דער טיר, צעעפנט זי און א שפיי געטאָן אַפן מאַן:

— איינעמען זאָלסטו א מיסעמעשונע, זשידאָווסקער מעשאָרעס.

דער האַסטיקער קלאַפּ פון טיר האט אופגעוועקט דאס קינד. און דאס שטיבעלע איז פול געוואָרן מיט געוויין.

איך בין אלץ געזעסן באַם טיש, געהערט, ווי הילכיק עס קלאַפּט אין מיר דאס הארץ, און פאר די אויגן האט געשווינדלט: — א צייטיק פעלד, באם וועג א קרענעצע, איציק־מענדל דריגעט מיט א פוס און וויל זיך אופהויבן, א באנדיט שלאָגט מאָטלען איבערן קאָפּ מיטן הענטל פון רעוואָלווער, דאס בלוט יושעט איבערן פאנים און מאָטל ווערגט א הויכן פויער מיט א בלויען בלוטיקן פליאַם אף דער רעכטער באַק.

— אילקאָ, דאכט זיך, דיין שוואָגער?..—האב איך שטיל ארויסגעזאגט.

אילקאָ האט זיך טאמעוואטע פארקוקט אין א זייט, גלייך ער הערט גאָרניט מיין פראַגע, דערנאך צוגעגאנגען צום וויגל און מיט א פארוואָרגענער כריפּענדיקער שטימע האט ער אָנגעהויבן פארוויגן דאס קינד.

## IV

א יונגער בליך האט זיך באַגינען א פליעסקע געטאן אין כמאריקן הימל ווי א זילבערן פישל, ערגעץ אופגעוועקט א דונער, און איבערן דאָרף איז צעשוומען א רייצנדיקער רייעך פון אן ערשטן רעגן.

צו מיטאג איז אנגעקומען א בסורע, אַז א רויטער פאַרטיזאנישער אָטריאַד האט פארנומען די נאָענטסטע באַנסטאנציע און שפּאַנט אהער.

אונדזער גרופּע איז מיטאַמאָל געוואָרן אָפּגעלייגט, אויסגעגראָבן די ביקסן פון די קוואַרים, „אַנטליען״... בא די רייכערע פויערים די פערד, און געלאָזט זיך אַנטקעגן דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

פון דער ערד — א ווייכע וואַרעמע פּאַרע, דער רעגן גיסט, און מיר — מיר בלאָנדזשען פון דאָרף צו דאָרף, אומעטום באַגעגנט מען אונדז אויפגעלייגט, צופרידן, א טייל יוגנט גייט אוועק מיט אונדז. אָבער ווו דער אָטריאַד געפינט זיך — קאָנען מיר אַלץ ניט דערגיין.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זיינען מיר צוגעפאָרן צום דאָרף, ווו עס וווינט איילקאָ קאַסיאַן, און געהאַט בעדייע איבערנעכטיקן. נאָר בא דער הרעבליע האָט מען אונדז באַגעגנט מיט א שאָס.

אַלע זיינען ראַש אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, און אָנגעהויבן טרעפן אף וועמען מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן.

אביסל ווייטער פון דער הרעבליע האָט איין פּאַטרול דעם צווייטן, אפּאַנים, איבערגעגעבן די אומרויקע יעדיע מיט א שאָס.

— ווער שיסט דאָרט? — האָב איך א געשריי געטאָן.

פון יענער זייט הרעבליע האָט עמעץ אָנגעפרעגט, ווער מיר זיינען.

— קאָלאָניסטן, יידישע קאָלאָניסטן.

די שטים האָט פאַרגעלייגט, אַז איינער פון אונדז זאָל צוגיין, נאָר אָן געווער.

כ׳האָב אויסגעטאָן די ביקס, אריבערגעשפּאַנט די הרעבליע. איך קוק זיך אום, איך זוך אין נאַסן כוישעך, נאָר — קיין מוטערמענטש.

וואָס זשע איז דאָס פאָר א שפּיצל? און כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן מאַכן פּלייטע, נאָר ווי פון אונטער דר׳ערד איז נעבן מיר אויסגעוואַקסן א פּאַפּאַכע און אָנגעצילט אף מיר דעם ביקס:

— רוקי ווערך!

באַמאַפּט, שטרענג אויסגעפרעגט ווער בין איך, פונוואַנען, צוגערופן א צווייטן און באַפוילן מיך אָפּפירן אין שטאַב.

איך שפּאַן:

דער רעגן גיסט, און א כוישעך — כאַטש טאַפּ אים אָן מיטן האַנט. אינעם רעגנדיקן כוישעך זע איך אָבער, ווי נעבן מיר שפּאַנט עפּעס אַ מעשוגעדיק־הויכער פאַרשוין אין א לאַנגער פרויען־רעטאָנדע. און כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז ער גייט אף שטאָלצן.

איך פּרוּוו זיך דערוויסן, ווער זיי זיינען — מאַכנאָווצעס, פּאַרטיזאַנער, צי ווייסע, נאָר מיין באַגלייטער שווייגט.

איך שפּאַן.

שוין, דאַכט זיך, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, נאָר די הייזעלעך זיינען באַלויכטן, ערגעץ ליאַרעמט אַ האַרמאָשקע, ערגעץ זינגט מען „יאַבלאָטשקע".

איך פּרוּוו ווידער פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט מיין באַגלייטער, נאָר — ווי צו דער וואַנט.

אין מויעך האָט זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן, אַז כ'בין באַשטימט אַריינגעפאַלן צום ווייסגוואַרדייאישן אָטריאַד, וואָס שטייט שוין פונלאַנג אין אונדזער ראַיאָן. אויף דעם אָטריאַד האָב איך דאָך געמאַכט אַ היפּש ביסל אָנפאַלן, און איצט, איצט וועט מיך עמעצער באַשטימט דערקענען.

פלוצלינג — אַן אויסגעשריי:

— שטיי, ווער גייט!

אייגענע, אייגענע! — האָט מיין באַגלייטער געענטפערט און אָנגעוויזן מיר די טיר.

אַן אָנגעראויכערט פויעריש שטיבעלע. אייניקע באַוואָפנטע שלאָפן זיצנדיק אויף אַ לאַנגער באַנק, טייל — אויפן דיל, און נאָר באַם טיש, וואַכן דריי — אַ נידעריקער דיקער פויער מיט אַ גלאַט פאַרסמאַליעט פּאָנים, נעבן אים — אַ יידישער באָכער מיט איינגעפאַלענע פאַרהאָרעוועטע באַקן, און כ'וואָלט געשוווירן — אילקאַ קאַסיאַן. יאָ, אילקאַ קאַסיאַן. איבער דער פּלייצע — אַ ביקס אויפן רימען, און אין גאַרטל — צוויי האַנטגראַנאַטעס.

ער האָט מיך דערזעען, פון פרייד אַרומגענומען און צעקושט זיך:

— נו, בראַטישקע, געקומען אונדזערע! איז ניט געזאָרגט!

דעם באַגלייטער האָט מען באַפוילן, ער זאָל אַריינפירן אין דאָרף מיינע כאַווערים, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט הרעבליע, און אָפּגעבן פאַר זיי אַ שטיבל צום שלאָפן.

מיר זאַלבעפערט האָבן זיך געזעצט צום טישל און אָנגעהויבן באַהאַנדלען דעם פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרנעמען דעם גאַנצן ראַיאָן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַז איך בין צו האַלבן טאָג אופגעשטאַנען, איז דער הויף שוין פול געוועזן מיט פויערים, און דער פּאַרטיזאַן מיטן גלאַטן פאַרסמאַליעטן פּנים איז געשטאַנען אף א פּעסל, און רויק, געלאַסן גערעדט פּאַרן אוילעם. גערעדט, אַז עס איז שוין נימעס געוואָרן אלע טאָג א נייע מאַכט; וועגן די פּריצים, וועגן די קאַדעטן — איז ניטאָ וואָס צו רעדן, און דעם טעם פון מאַכנאָס מעמשאָלע — ווייס מיר שוין גוט. איז לאָז שוין נעמען א סאָף!

אַפן פּעסל איז שווער אַרופגעקראָכן אַ בייכיקער פויער מיט א גלאַנציק פעטן פּאָנים, און אַראָפּגענומען דאָס היטל:

— הערט־זשע ליבע מענטשן, מע לייגט אונדז פאָר ראַטנמאַכט, גוט, זאָל זיין ראַטנמאַכט, אבער ווי האַלט עס מעקויעך דער פאַרשאָלטענער קאָמונע? איין מאָל האָט מען אונדז שוין אָפּגענאַרט, טאָ זאָל זיך דער אָראַטער צעשרייבן אין וואָלאָסט: ערשטנס, אַז ראַטנמאַכט, און ניט קאָמונע; צווייטנס, אַז די ראַטנמאַכט שיקט אונדז גלייך קעראָסין, זאַלץ און מאַנופאַקטור וויפל דאָס דאַרף באַדאַרף; און דריטנס, וויפל אײנער האָט צוגענומען בא די פּריצים, איז דאָס זיינס, זיינס. — אָט פאַר אזא ראַטנמאַכט וועלן מיר זיך שלאָגן ביזן בלוט.

צווישן אוילעם איז געוואָרן א טומלענדיק געמורמל, א געקריגעריי, א געשריי, אַז די קולאַקעס דאַרף מען שלאָגן, פּונקט ווי די קאַדעטן, און עמעץ האָט זיך אפילע פאַרמאָסטן אפן בייכיקן פויער. פּלוצלינג איז אָבער אָנגעקומען אילקאָ קאַסיאַן און צוגעפירט דעם פויער מיטן בלויען בלוטיקן פליאַם אף דער רעכטער באַק, צוגעפירט פאַר דער ברוסט, ווי אַן אָקס פאַר די הערנער.

א בלייכע, אַ צערייצטע איז פון שטיל־געוואָרענעם אוילעם אַרויס־געלאָפן האַנע, און אָנגעהויבן שלאָגן אילקאָן איבער דער האַנט:

— לאָז אָפּ, רויצייעך, לאָז אָפּ, דעם ברודער, זאָג איך דיר.

אילקאָ האָט זיך נאָר פאַרביטערט צעשמייכלט, און ארויף אַף דער פּאַס.

זיין שטים האָט אופגעקלונגען ציטערדיק, פאַרוואָרגן, גלייך עפּעס שטיקט אים, און דערציילט האָט אילקאַ, ווי אַזוי ער איז צוגעפאָרן צו דער קרענעצע, ווי אַזוי ער האָט זיך געבעטן בא די באַנדיטן, אַז די פּאָר יידן, וואָס האָבן נאָך געזיפּעט, זאָל מען ניט דערשיסן, נאָר ער, דער שוואָ־גער זיינער, האָט אים דערפאַר אונטערגעזעצט דאָס אויג, אריינגעוואָרפן

אלעמען אין קרענעצע און געוואלט אריינוואַרפן אפילע אים, אילקאָן, און די אייגענע שוועסטער לאָזן אַן אַלמאָנע.

— דו לייגסט ווי א הונט! — האט האַנע אויסגעשריען.

— איך לייג? אָן־אָ — האט ער אנגעוויזן אַף מיר — אָן בא אים פרעג, ער האט זיך פון זיי געראטעוועט א פאַרווונדעטער.

מיטן גאנצן קערפּער, מיט א פיינלעך נייגעריקן בליק האט זיך האַנע אַ צי געטאָן צו מיר און אַלץ געווארט, איך זאל אָפּלייקענען אילקאָס רייד. נאר מיין וואָרט האָט אופגעקלונגען אנדערש.

האַנע האט זיך ראָש א צי געטאָן אַף צוריק, געבליבן שטיין ווי א געליימטע, און נאָר גרויסע שטומע טרערן האבן זיך אַראָפּגעגליטשט אַף אירע איינגעפאַלענע באַקן.

— הערט זשע מענטשן — האט אילקאָ אויסגעשריען — כאָטש ער איז מיין שוואָגער, נאָר מיין האנט וועט אַפילע קיין ציטער ניט טאָן.

לעכאטכילע האט דער באַנדיט געפּרוווט לייקענען שטיין און ביין, דערנאך איז ער געפאַלן אף די קני, אָנגעהויבן קושן די ערד, און בעטן מעכילע.

אן אלטער פויער האט אים מיטן פוס א האַק געטאָן אין פּאָנים, און צעשריען זיך:

— אָנגעכאַליגאַנעט, און איצט — מעכילע. ווי אַ הונט צעשיסן!

אין דער שווערער, ערנסטער שטילקייט האט דאס וואָרט „צעשיסן" אָפּגעקלונגען אזוי קלאר, אזוי געוויינלעך, און נאר בא האַנען ארויסגע־רופן א קורצן קרומען צוק איבער דער לינקער זייט פּאָנים.

אַ שטומער, אן אָנגעכמורעטער איז דער אוילעם געשטאַנען, געקוקט, ווי באַם באַנדיט שטעלן זיך די האָר קאַפּויר; געקוקט, ווי ער פויזעט אף די קני מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט, און זיינע ארויסגע־שטאַרצטע בלינדע אויגן זוכן, בעטן מיטגעפיל.

די גאנצע צייט בין איך געשטאַנען אין א זייט און ניט געקאָנט טרעפן א צאָן אף א צאָן. דאס פעלד, די קרענעצע, זאלמען מיטן צו־נויפגעפלעטשטן עמער, איציק־מענדלס דריגעדיקע פּיס, מאָטלס פאר־גלעזטער טויטער בליק — אלץ איז פלוצלינג אופגעשווומען פאר די אויגן, און ס'האט מיך א צי געטאן א לעצט מאל ארייננקוקן דעם באַנדיט אין פּאָנים, און מיט די ציין און מיט די נעגל איינטרינקען זיך אין זיין גאָרגל.

דער באַנדיט איז אָבער צוגעקראכן אף די קני צו האַנען, ארומגעכאפּט אירע פיס און אָנגעהויבן יאָמערן:

— שוועסטערל, ראַטעווע, ראַ־טע־ווע.

מיט א פרעמדן, מיט א פאַרשטיינערטן בליק האט זי עטלעכע סעקונדן אלץ געקוקט אין דער ווייט, דערנאך אראפּגעבויגן זיך, אָפּגעריסן אים פון אירע פיס, און מיט אַ מידן, שיקערן טראָט אוועק א שטומע, א צונויפגעהויקערטע.

פון אָנגעכמורעטן הימל האט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער פריילעכער רעגן, און צעטריבן דעם אוילעם.

# V

6948

די קאַנאַנאַדע האט זיך אָנגעהויבן גאר אינגיכן, און מיר זיינען אַוועק פון דאָרף, אַוועק אַף וואָכן, אף כאדאשים, אוועק אף הונגער און אף לייד.

פון רעכטס האט אונדז באשאָסן מאכנאָ, פון לינקס — די ווייסע. און צום שוואַרצן וואלד בא סטאנציע זנאמענקע דערגאנגען איז שוין נאָר א העלפט פון אונדזער אָטריאַד.

אהער, אין שאָטן פון די הונדערטיאָריקע דעמבעס, האבן זיך איינציקוויז געזאמלט אוקראַינישע פויערים, יידישע אַרבעטער, גענערט זיך מיט שוואָמען, די בראנד פון די וווּנדן מיט בלעטער געקילט, און געזאמלט קויכעס פאר לעצטן, פאר בלוטיקן אָנגריף.

די בלאַט פון בוים פלעגט אונדז צודעקן, די שיין פון טאג פלעגט אופוועקן. און ווען ס'איז ניט פאָרגעשטאנען קיין שלאַכטן — האט מען געשפּילט אין קאָרטן, געלויזט זיך, פאריכט די זאָטלען, און פון לאנגווייל — אָן אופהער גערויכערט געטריקנטע בלעטער.

דער טאג פלעגט דורכגיין אין געפּילדער, די נאַכט אָבער, די נאַכט האט אַלעמען געפּרעסט.

שטילע און פאַרטראַכטע פלעגן מיר שאָענוויז ליגן, צוהערן זיך, ווי דער וואלד פאַרוויגט זיין אייגענע שטילקייט; קוקן, ווי דורך די צווייגן זיפּן און זיפן זיך טויזנטער שטערן, גלייך דער הימל באַשיט אונדזער וואַלדישן אומעט מיט ליכטיקע זילבערנע האָפן.

דאָרט אָבער, אין יענעם דאָרף, ווו האַנע איז פאַרבליבן, דארט — איז דעמזעלבן אָוונט אַ״ייגעקומען אַ גרויסער אָטריאַד אינגושן, אין הויף פון וואָלאָסט אופגעזאמלט אַלע פויעריים און, לויט דער מעסירע פון די קולאַקעס, האט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע.

רעכטס און לינקס האבן געברענט צוויי שייטערן פון צווייגן און קאַמיש, באַ די שייטערן זיינען געשטאַנען צוויי אינגושן, און מיט די באַגנעטן פון די ביקסן אונטערגעהויבן די צווייגן, זיי זאָלן פלאַקערן העלער.

דאָ, באַ די רויטע שייטערס, האבן זיי אויסגעזעען, ווי הויכע שוואַרצע איסטוקאנען, אָנגעטאָן אין שוואַרצע בורקעס און פאַפאַכעס.

אין מיטן הויף, צווישן די שייטערן זיינען געשטאנען צוויי לאַנגע בענק, און פאָרלעכוויז זיינען די פויערים צוגעגאנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע הויזן.

אין די געבויגענע קעפּ, אינעם געפּענטעטן טראָט האט זיך געפילט יענע פאַרביטערטע, שטומע אומבאהאלפנקייט, וואָס זעצט זיך אָפּ אינעם מאַרך, אינעם בלוט, זעצט זיך אָפּ אין אלע גלידער מיט אַ בריענדיקער דורשט נאָך נעקאָמע, און געבירט כורבן.

רייטנדיק אַף אַ שטול איז נעבן די בענק געזעסן אַ יונגער אָפיציר מיט אַ ברוינעם שראַם אַפן באַק, דאָרשטיק געזויגן אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס, מיט א גיריקן, וועלפישן בליק געקוקט, ווי די שאָמפּאָלן קאַרבן רויט די נאַקעטע לייבער, געקוקט, געוואַנדערט מיטן פאפּיראס פון איין מויל־ווינקל צום צווייטן, און נאך יעדער ברי פון שאָמפּאָל, איז פון זיינע צונויפגעפרעסטע ציין אַרויסגעפלויגן אַ קאָמאַנדע, ווי אַ כריפּענדיקער הינטישער ביל:

— איינס, צוויי, איינס, צוויי, איינס צוויי.

אַרום פלויט זיינען געשטאנען פויערטעס און געכליפּעט. לעכאטכילע — שטיל, פאַרשטיקט, נאָר וואָס מער מע האט געשמיסן, אלץ שטאַרקער און פאַרצווייפלטער איז געוואָרן דאָס געוויין.

— היי, איר, סטיערוועס! — האט דער אָפיציר אַ בריל געטאָן — וואס הוילט איר פאַר דער צייט? — אייער ריי איז ערשט מאָרגן.

דאָס געוויין איז מיטאַמאָל פארוואָרגן געוואָרן, און אין דער נאכטישער שטילקייט האט זיך נאָר געהערט, ווי עס טרישטשען די ברענענדיקע

צווייגן, און ווי די קאַלטע שאַמפּאַלן בריען זיך אַרײַן אין לײַב מיט אַ ריטשענדיקן געצײַל:

— איינס, צווײ, איינס, צווײ, איינס, צווײ.

טײל אָפּגעשמיסענע פֿלעגן אַפּגיך אַ כאַפּ טאָן מיט די הענט די הויזן, אָפּלויפֿן עטלעכע טריט און מיט אַ פֿאַרוואָרגענעם ריוועז פֿלוצלינג אַ פֿראַל טאָן אַף דער נאַסער ערד.

טײל זײנען שוין ניט געווען בעקויעך אופֿצושטיין און, ווי אונטערגע־זויגענע וואָרצלען, פֿלעגן זײ זיך אַראָפּקײקלען פֿון דער באַנק אַף דער ערד, און אַף אַלע פֿיר אַוועקריכן, ווי מעשונעדיק־גרויסע זשוקן מיט צעבלוטיקטע נאַקעטע הינטנס.

פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט צו די בענק צוגיין האַנעס ברודער מיט בלויען פֿליאַם אַף דער באַק, און גאַליק א קוק טאָן אַ געשמיסענעם אין פּאָנים:

— נו, די באָלשעוויקעלעך זײנען אונדזערע כאַווײרים? האַ, קאָמוניע?

ווי נאָר די רײ איז דערגאַנגען צו יענעם אַלטיטשקן, וואס האט אים געגעבן אַ האַק מיטן פּוס אין פּאָנים, בעשאַס ער האט געבעטן מעכילע, איז האַנעס ברודער האָפּערדיק צוגעלאָפֿן צום אַלטיטשקן, אַראָפּגענומען דאָס היטל און טיף פֿאַר אים פֿאַרנויגט זיך:

— זײט זיך מאַטריען, אַראָפּלאָזן די הויזעלעך, כוועדאָר טראָכימאָוויטש.

פֿונעם גיפֿטיקן שטעכווערטעלע איז דער אלטער בײזער געוואָרן, שטאָלץ אַ שפּײ געטאָן אים אין פּאָנים און געלאָזט זיך אין אַ זײט:

— וועסט ניט דערלעבן, אויסוורף.

אַ וואָקסיקער אינגוש האט אים אבער טײקעף געכאַפּט פֿאַרן האַנט און אזא שלײדער געטאָן, אַז דער אלטיטשקער האט זיך צוגעקײקלט צו די בענק, פֿלינק אופּגעשפּרונגען און אַ שמיץ געטאָן דעם אינגוש דאס היטל אין פּאנים:

— כ׳וועל זיך ניט לײגן, אַזאַיאַטסקע פּאַסקודע!

ווי אן אָפּגעבריטער מיט אן אָנגעצונדענעם פֿאַרגליווערטן בליק איז דער אָפּיציר אופּגעשפּרונגען און כריפּענדיק אַ בריל געטאָן:

— אין פֿײער!

אף אײן רעגע איז דער שײטער ווי צוגעטישקעט געוואָרן, און נאר צעשפּריצט זיך מיט גרויסע פּונקען, ווי מיט גאָלדענע שמעטערלינגען. די האָר אַפֿן אלטנס קאָפּ, די באָרד, די קלײדער האבן זיך אבער טײקעף

אָנגעצונדן, און דער שייטער האט זיך צעפלאַקערט מיט סמאַליענדיקע צינגער.

ערגעץ נעבן פלויט האבן הענט אין גרויל אַ פליעסקע געטאָן, פאַר־וואָרגענע גאָרגלען האבן נאָר באַוויזן ארויסצושלוקערצן:

— אוי, גאָטעניו! — און טייקעף פארכאַלעשט געוואָרן.

פלוצלינג האט זיך דער אלטער אַ ריס געטאָן פון דעם ברענענדיקן געלעגער און ווי אַ לעבעדיקער שייטער געלאזט זיך לויפן. אין וועג האט אים אבער אָנגעיאָגט דעם אפיצירס קויל, ווי פלאַמענדיקע פליגל אופגעפלאטערט זיינע הענט, און אַ ברענענדיקן צוגעשמידט אים צו דער ערד.

## VI

ביז שפעט אין נאַכט איז דאס דאָרף פארהילכט געווען מיט אַ קלאפן אין פויקן, מיט אַ געפליעסק פון הענט און מיט שיקערע געזאַנגען. טייל געזאַנגען — דורכגעהאָפטענע מיט אַ ווילדער, טאַנצנדיקער פרייד, טייל געזאַנגען — מיט אזא פארבענקטן, ענדלאָזן אומעט, גלייך דאס זינגען ניט קיין מענטשן, נאָר פון די קאַווקאַזער בערג האט אראָפּגעבלאָנדזשעט אַ מאכנע הונגעריקע שאַקאַלן און זיי הוילן אינעם דאָרף.

פון מאל צו מאל פלעגט זיך אינעם געזאַנג אריינרייסן א הארצרייסנ־דיקער געשריי פון א פרוי, מע זאָל זי ראטעווען, נאר אָפּגע־ענטפערט האבן איר נאָר פויקן, געפליעסק פון הענט און שיקערע געזאַנגען.

אַ בלייכע, אַ פאַרציטערטע איז האַנע געזעסן אַפן בעט, צעשראקן געדריקט דאס קינד צום ברוסט און מיט פאַרטרערטע, בעטנדיקע בליקן אלץ געקוקט צו דער קוים־באלויכטענער איקאָנע.

נאָך האלבע נאַכט האט מען איינצייטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר און אין פענצטער:

— עפן!

דער הילצערנער ריגל האט סאַפּקאלטאף ניט אויסגעהאלטן, אפגע־שפרונגען פון טיר מיט אַ גרילצענדיקן קרעכץ, און אין צימער זיינען אַריין א צענדליק אינגושן.

האַנע איז אַלײן געזעסן אַ צוגעקאָװעטע צום בעט, מיט פֿאַרפֿרױרענע ציטעריקע הענט פֿעסטער געדריקט דאָס קינד צום ברוסט און נאָר גע־קוקט, װי עס רוקט זיך אַף איר אַ הױכע, שװאַרצע מאַסע מיט אױסגע־קראַכענע רױט־צעשװאָלענע װיִעס:

— אַ פֿאַרװונדעטן זשיד, אַ באָלשעװיק האָסטו געשפּײַזט און געקעכלט, און אונדז װילסטו אַפֿילע ניט עפֿענען? — און אַ נאָהאַיקע מיט אַ בלײַ־נעם עק האָט אָפּגעבריט איר פּלײצע.

האַנע איז אױפֿגעשפּרונגען, האָסטיק אַרײַנגעװאָרפֿן דאָס קינד אין הענגענדיקן װיגל און אַרױסגערוקט דאָס ברענענדיקע קנױטל פֿונעם שעלעכל בוימל:

— פֿאַרװאָס שלאָגט איר?

דער אינגוש מיט די רױטע קראַנקע װיִעס האָט אַף איר אַ קוק גע־טאָן מיט אַזאַ פֿאַרװונדערטן בליק, גלײַך ער פֿאַרשטײט גאָרניט, װי נעמט זיך גאָר צו איר אַזאַ האָזע צו פֿרעגן פֿאַרװאָס מע שלאָגט:

— װוּ איז דײַן מאַן?

— כ׳װײס נישט.

— אַזױ, װײסט ניט? — און ער האָט אָנגעהױבן קוקן אַפֿן אױװן, אונ־טערן בעט, זוכן צװישן דעם בעטגעװאַנט, און דערװײַל געװאָרפֿן די קישנס צו די אינגושן:

— סאַרקיסאָװ, כאַמאַראָװ, האָסט ניט אַף װאָס צו שלאָפֿן? — נאַ!

אין װיגל איז דאָס קינד געלעגן װי אַ קלײן בורדיוקל װײַן מיט די פּיסלעך אַרױף, געקוקט, װי סע פֿליִען די קישנס, פֿון פֿרײד געקװיטשעט און שטיפֿעריש געדריגעט מיט די פּיסלעך.

נעבן װיגל איז געשטאַנען אַ גרױער אינגוש מיט דרײַ פֿאַרזשאַװערטע פֿעדערשטע צײן, אין נאַקעטן פּופּיק געקיצלט דאָס קינד מיטן פֿינגער און זײדיש געפּלאַפּלט צום קינד:

— האַ! ביסט אױך אַ באָלשעװיק?

אַ בלײכע פֿון סינע און פֿון אױפֿרעגונג איז האַנע געשטאַנען צוגעפּרעסט צום װינקל, װוּ די איקאָנעס הענגען. װי אַ גרױסע בלײַ־כע איקאָנע שטום געקוקט, װי די אינגושן טײלן אײן צװישן זיך אירע קישנס, געקוקט און געהאָפֿט, אַז מיט דעם װעט זי אָפּקומען. נאָר דער אינגוש מיט די רױטע, קראַנקע װיִעס האָט צונױפֿגעװיקלט איר

געשטעפּטע קאָלדרע, פאַרוקט זי אונטערן אָרעם און באַפוילן האַנען מיטגיין.

— וווהין?

— צו אונדזער נאַטשאַלניק אַף אַ רינ־דע־ווו־עלע.

פונעם וואָרט „רינדעווועלע" איז איר אַנטרונען דאָס לעצט ביסל בלוט פון די ליפּן. און די גוואַלד־געשרייען, וואָס האָבן זיך דעם גאַנצן אָוונט געטראָגן פון אַלע עקן דאָרף — די אַלע גוואַלד־געשרייען זיינען מיט אַ געדאָפּלטן גרויל פלוצלינג צוגעשווומען איר צום אויער און אריינגע־שריען: זי זאָל זיך ניט רירן פון אָרט, אויב נאָר זי וויל ניט, אַז מיט איר זאָל געשען דאָסזעלבע, וואָס מיט זיי.

דאָ אין צימער דאַרף זי זיי דערקלערן, אַז די באָלשעוויקעס קאָן זי ניט אָנקוקן; דאָ אין צימער דאַרף זי זיי דערווייזן, אַז שולדיק אין אַלץ איז דער מאַן. ער איז מיט די באָלשעוויקעס געווען כאַווער, ער איז מיט זיי אוועק דער רועך ווייסט וווהין און זי מיטן פּיצל קינד געלאָזן אַף העפקער:

— מאַמעש אַוועקגעוואָרפן און אַוועק מיט די באָלשעוויקעס.

דער גרויער אינגוש האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון וויגל, פאַרזיכ־טיק פאַרוויקלט עס אין שאַל און צוגעטראָגן צו האַנען:

— אים, דעם נאַטשאַלניק אונדזערן, אים וועסטו דאָס אַלץ דערקלערן, ער איז בא אונדז אַ שטרענגער, נאָר אַ גערעכטיקער, און מיר, מיר זיי־נען מענטשלעכע קליינינקע, — מע הייסט אונדז, גייען מיר.

אין זיין בליק, אין זיינע רייד האָט האַנע דערפילט אַ צייכן פון וואָ־רעמען מענטשלעכן מיטגעפיל, און אַוועק איז זי מיט אַ פעסטער זיכער־קייט, אַז אָט דער גרויער אינגוש, ער וועט ניט דערלאָזן, מע זאָל זיך מיט איר באַגיין, ווי מיט די, וואָס האָבן געשריען גוואַלד. אים אָבער, דעם נאַטשאַלניק, אים וועט זי פאַלן צו די פיס, אים וועט זי דערציילן אַלץ, וואָס אין דאָרף איז פאָרגעקומען, און אַז שולדיק אין אַלץ איז נאָר דער מאַן אירער.

באַם שכיינעסדיקן הייזל האָט זי אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, איבערגע־געבן דאָס קינד אַ דערשראָקענער אַלטיטשקער, און מיט אַ שטים פון אַ איבערגעפרווירענער געבעטן, זי זאָל אָפּטראָגן דאָס קינד צו איר מאַ־מען און אכטונג געבן אַף איר שטוב.

דער הויכער נאַכטיקער הימל איז אינגאנצן געווען באַדעקט מיט שטערן. נאָר אַזוינע גרויסע, אַזוינע העלע, ווי אויסגעבאָדענע אינעם באַטאָגיקן רעגן. און ארום האַנען — ווי שטומע פינצטערע שאָטנס שפּאַ־נען סאָפּענדיקע פאַפּאַכעס, שפּאַנען שווארצע בורקעס מיט ביקסן אַף די אַקסל, און ווי אונטער אַ שוואַרצער כופּע פירט מען זי אַהין צום נאַ־טשאַלניק, וואס קאן זי צעטרעטן ווי אַ וואָרעם און קיינער, קיינער וועט זיך ניט איינשטעלן פאר איר. יאָרן אָפּגעלעבט מיטן מאַן, און אַז די בייזע שאָ איז געקומען, איז ער גאָר אַנטרונען מיט די באָלשע־וויקעס.

דעם גאנצן וועג איז זי געגאנגען אַ פאַרטיפטע, אַלץ געכאזוערט אין געדאנק, מיט וואָסערע ווערטער וועט זי אים צופאלן צו די פיס, דערציילן, ווי אזוי דער מאַן האט זיך צונויפגעפאָרט מיט די יידלעך, און צוליב די יידן און צוליב די באָלשעוויקעס געלאָזט אף הפקר אי זי, אי דאָס קינד.

אַף א קורצער הילצערנער בעט איז דער אָפיציר געלעגן די הענט אונטערן קאָפּ, די פיס געפלאָכטן אַפן ווענטל פון בעט און געדרימלט.

דער אינגויש מיט די רויטע וויעס האט אים צוויי מאָל ראַפּאָרטירט, אַז דעם באָלשעוויק איז ניט געלונגען געפינען, נאָר זי, די ווייב זיינע, איז דאָ אין צימער און ער וואַרט אַף זיין באַפעל.

פאַרשלאָפן האט דער אָפיציר נאר אַ בורטשע געטאָן, מע זאָל זי ביז אינדערפרי פאַרשפאַרן, און אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנים צו דער וואַנט.

פונעם אפיצירס באפעל איז האנען מיטאַמאָל געווארן גרינגער אַפן האַרצן: ביז אינדערפרי וועט זי אָפּזיצן אין קוטוסקע און מאָרגן, מאָרגן וועלן פויערים דערוויסן וועגן איר אַרעסט, דערוויסן וועלן זיך די עלטערן, דער ברודער און מע וועט זיך געוויס איינשטעלן פאַר איר.

נאָר אנשטאָט פאַרשפאַרן זי אין דער דאָרפישער קוטוסקע, האט מען זי גאָר אריינגעפירט אין אַ גרויסער קלוניע, ווו די אינגושן זיינען רייענווייז געלעגן אַף אויסגעבעטן שטרוי, און באַפוילן איר לייגן זיך.

עפּעס איז האַנע מיטאַמאָל באַשלאָגן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס, און דערפילט, אַז די ערד טרייסלט זיך אונטער אירע פיס.

די אינגושן זיינען איילִיק אופגעשטאנען פון די געלעגערס און איינציק־ווייז אָנגעהויבן זי באַקוקן מיט פעטע, גיריקע בליקן.

איז זי צוגעגאנגען צום אַלטן אינגוש און אַ וויינענדיקע געווענדט זיך צו אים, ער זאָל זי פארטיידיקן: איזן איז ער דאָך אַ טאטע פון קינדער, ערגעץ האט ער דאָך מיסטאָם אויך אַ טאָכטער.

— אַוואדע האב איך אַ טאָכטער — האט דער אלטיטשקער געענטפערט, — אַפילע אַ ווייב אויך, נאָר הער, הער אַזש אין דאַגעסטאַן.

הינטער איר פלייצע איז צוגעגאנגען דער אינגוש מיט די רויט-צעשוואָלענע וויעס, שטייף זי אָנגענומען באַ די אַקסל און מיט אַ היציקן אָטעם אָפגעבריט איר אויער:

— ווייבל, ס'איז מילכאמע-צייט, לייג זיך און אויס!

מיט א ווילדן אויסגעשריי קאראול האָט זיך האַנע א ריס געטאָן פון אים און — צום טיר, נאָר דער אינגוש האָט זי אָנגעכאפּט פאַרן אויסגעפלאָכטענעם צאָפּ, א ציַ — און געפאלן איז זי צו דער ערד.

אָנגעהויבן האָט זיך א פארביטערטער געראנגל מיט הענט, מיט ציין, מיט נעגל. עטלעכע מאָל איז האַנע אופגעשפרונגען, נאָר פון עמעצן געכאַפּט א זעץ איבער די פיס און ווידער ווי א שטיין געפאלן צו דער ערד; עטלעכע מאָל איז איר געלונגען אָפּרייסן זיינע הענט פון איר מויל און אויסשרייען קאראול, נאָר א שווייסיקע דלאָניע האָט איר ווידער פאַרשטאָפּט דאָס מויל, שווייסיקע הענט האָבן אַלץ געריסן אירע אין קראמפן צונויפגעפלאָכטענע פיס, ביז זי איז געבליבן אָן אטעם און אָן קויכעס.

א לאנגע צייט האָט זי נאך געהערט ווי היציקע אָטעמס צאפּלען איבער איר פאנים, צאפּלען מיט א גערוך פון סאמאהאָן, מיט איבערגעברענטן עקלדיקן רייעך פון טאבעק, און פון פוילע ציין. געהערט, ווי דער אלטיטשקער האט עמעצן דערלאנגט א פאטש אין באַק און צעשריען זיך, פארוואס מע דערלויבט זיך קריכן אויסער דער ריי, און לעסאָף האָט האַנע אופגעהערט פילן און הערן.

געלעגן איז זי שוין א געכאלעשטע, א פארגליווערטע, און די ריי האט זיך אלץ געצויגן.

באגינען האבן זי צוויי אינגושן גענומען פאר די הענט, צוויי פאר די פיס, אריבערגעטראגן אף דער צווייטער זייט גאס און אוועקגעלייגט באם פלויט.

א פארשלאָפּענער הונט האָט א שמעק געטאָן איר טויטן בלייכן שטערן, א שמעק געטאן די פיס און פארדראָסלעך צעבילט זיך, גלייך ער רופט די דאָרפישע איינוווינער, מע זאל טייקעף פּראָטעסטירן קעגן דערדאזיקער אַוולע.

געקומען צו זיך איז האַנע שוין בא איר מאמען אין בעט. מיט קיינעם האט זי ניט אויסגערעדט קיין ווארט, קיינעם ניט פארטרויט איר שאנד און וויי, נאר אפן פינפטן טאג איז זי אופגעשטאנען, ארייגעלייגט אין זאַק צוויי לעבלעך ברויט, מיט א שטומען טויטן בליק א קוק געטאָן אפן קינד, איבערגעציילעמט דאָס וויגל, איבערגעציילעמט דאס קינד און אוועק פון דאָרף.

איינמאל באגינען, האט א פאטרול פלוצלינג צעשאסן די וואַלדישע שטילקייט, געצוואונגען אנלאָדן די ביקסן, אנזאָטלען די פערד און גרייטן זיך צום שלאכט. נאר אנשטאָט א סוינע, האָט מען צום שטאב גאר צוגעפירט א פויערטע.

פונדערווייטן זע איך עפעס א באקאנטע פיגור, א באקאנטער שאַל. איך דערנעענטער זיך — האַנע.

צוגעקומען, מיט א פארשעמט הארציק שמייכעלע געפאלן אָף איל-קאָס ברוסט, און פלוצלינג ארויסגעכליפעט, אז די קולאקעס האָבן אונ-טערגעצונדן זייער הויז, געסאַמט די פערד און געסאמט די בעהיימע.

אילקאָ האָט הילכיק א קריץ געטאָן מיט די ציין, אָפגענומען זי פון ברוסט און איינגעשטאָכן זיך אין אירע אויגן:

— טאקע אף טויט?..

פון אונטער די צונויפגעוואקסענע געדיכטע ברעמען האבן אָבער זיינע קאַרע אויגן נאר איין בייזן בליץ געטאָן, און טייקעף ווידער אופגע-שמייכלט זאָרגלאָז און פריילעך:

— נו, זאָרג ניט, האַנע, אינגיכן וועט אלץ זיין אונדזערס, אלץ, און מיט די קולאקעס וועלן מיר נאָך האָבן א שמועס.

דעם גאנצן טאג איז דער אָטריאד געווען פריילעך, אופגעלעבט, אופגעהערט מאכן יופעס, מיט שטילן אָפּשיי געקוקט אף זייער קאָמאַנדיר, אף אילקאָ קאסיאנען, און געדרייט זיך ארום האַנען מיט א צארט שמייכעלע אין די אויגן, און מיט א העפלעך וואָרט אף די ליפּן.

צו אָוונט האט מען פון ערגעץ געבראכט א הארמאָשקע, געבראכט א פאגאָט, א גראמאָפאָן און א וועליאנטשעל.

דער הונדערטיאָריקער שווארצער וואלד האָט שוין געהערט דאָס געזאנג פון פויגל, דאָס געזאנג פון הארמאטן און שראפנעלן, געהערט דעם לעצטן כריפּ פון פארוווּנדעטע פארטיזאנער, און איצט, לעקאָוועד האַנעס קומען, האָט ער דערלעבט הערן א פארטיזאנישן טורניר צווישן א גראמאָפאָן מיט א פאגאָט, א טורניר צווישן א הארמאָשקע מיט א וועליאנטשעל.

ביז שפּעט אין נאכט האבן די פארטיזאַנער געהוליעט, אלץ געפלייסט זיך אויסצוזונעמען בא האַנען מיט זייערע טענץ און געזאנג.

לעכאטכילע איז זי אויך באהערשט געוואָרן פון דער פריילעכער שטימונג און געזונגען און געטאנצט.

בא האלבער נאכט האט זי זיך אוועקגעזעצט אף א וואָרצל פון א דעמב, אונטערגעשפּארט די קאָפּ מיטביידע הענט און מיט אן אפּגעשיידטן פארגליווערטן בליק אלץ געקוקט אפן ברענענדיקן שייטער.

דאָס געזאנג, די טענץ זיינען שוין ניט דערגאנגען צו איר געהער, געזעסן איז זי א פארטיפטע, א פארקלעמטע און אפילע ניט געהערט, ווען אילקאָ איז צוגעגאנגען און זי ארומגענומען.

דערפילט האָט זי נאָר, אז עמעצער אָטעמט אף איר מיט א גערייעך פון סאמאָהאָן, פונקט מיט אזא גערייעך, ווי אין יענער נאכט אין קלוניע בא די אינגושן. און פלוצלינג האָט זי זיך א ריס געטאָן פון ארט און מיט א ווילד געשריי „קאראול, מע פארגוואלדעוועט" געלאָזט זיך לויפן איבערן וואלד.

## VII

טעג — אין אנפאַלן, אין שיסערייען, אין קאָרטנשפּיל; נעכט — אין טענץ און אין געזאנג האָבן זיך אלץ געצויגן און געצויגן.

האַנע איז געוואָרן אופגעבונדן מיטן גאנצן אטריאַד, פון גראָזן געקאָכט רעפּועס פאר די פארוווּנדעטע, געוואַשן האָנטעכעס און געלאַטעט.

אין שאָטן פון אַ הונדערטיאָריקן דעמב זיינען אף די שפּיץ פינגער געזעסן האַלב נאקעטע פארטיזאנער, מיט הילכיקע פּעטש געטריבן די פליגן פונעם פארברוינטן לייב, מיט דאנקבארקייט געקוקט, ווי האַנע לאטעט

זייער איינציק העמד, א העמד, ווי א בלעך, א האַרטס פון ברויט און פון שווייס. און אינאַוונט, בא צעלייגטע שייטערן האָט מען געהעפּעט פּאָלקעס ביז דער טיפער נאַכט אַריין.

איינמאָל, נאָך א טאַנץ מיט מיר, האָט זי מיך אָפּגעפירט אין א זייט און מיט א פינקלענדיקן, האַרציקן בליק א קוק געטאָן אויף מיר:

— זייט מיר מוחל, כאַווער, מיין נאַרישע ווייבערשע קאָפּ האָט פריער גאַרניט פאַרשטאַנען, גאָרניט פאַרשטאַנען, — און אויף אירע באַקן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט גרויסע פינקלענדיקע טרערן.

דאָ, צווישן אונדז, איז האַנע געוואָרן גאָר אן אַנדער מענטש. מיט א שמייכל איבערגעטראָגן, אַז מע האָט צו צוויי מעסלעס ניט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל. טאָג און נאַכט געפּאָטיעט אַרום די פאַרוווּנדעטע, פאַר אַלעמען געזאָרגט, און דאַכט זיך פאַרגעסן, אַז דאָ, צווישן די פאַר־טיזאַנער געפינט זיך איר מאַן.

האָט מען געדאַרפט מאַכן א סאַקאָנעדיקע ערנסטע אויסשפּירונג — איז געגאַנגען האַנע; איז מען געקומען מידע פון שלאַכט און ס'האָבן פאַרפעלט מענטשן אין פּאַטרול, האָט האַנע אָנגעטאָן א ביקס און א גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט אין וואַלדישן כווישעך.

אין די שלאַכטן איז זי אַלע מאָל געווען מיט אונדז און געשלעפּט אויף זיך די פאַרוווּנדעטע פון אונטערן פייער. נאָר אין לעצטן אָנפאַל איז זי פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס, און אילקאָ איז צוגעשטאַנען, זי זאָל פאַר־לאָזן דעם אָטריאַד.

צעזעגנט האָבן מיר זיך בא א באַנסטאַנציע. אן אומצופרידענע, א פאַר־טרויערטע איז האַנע אוועק צו איר היים און קינד, מיר — אין א שווערן דויערנדיקן אָנגריף.

גאַנץ אוקראַינע האָט זיך געבאָדן אין סרייפעס, געשפּיגן מיט בליי, און געצאָלט מיט יונגע אומשולדיקע קאָרבאָנעס פאַרן מינדסטן באַגער אַראָפּצוואַרפן דעם אַלטן יאָך.

ווי געררירטע פון זיינען זייערע איבער אַלע וועגן געלאָפן צעשלאָגענע אָטריאַדן מאַכנאָווצעס, צעשלאָגענע אָטריאַדן ווייסגוואַרדייער. אין יעדן דאָרף, אין יעדער שטאָט געלאָזן א בלוטיקן אָנדענק, און געמיסטיקט די טראַקטן מיט צענערעגטע אָבאָזן, מיט געפּייגערטע פערד, מיט געלאָזענע האַרמאַטן און מיט מייסים.

און מיר, דורך טעג און נעכט, מיט הייסע, פאַרוויכערטע ביקסן האָבן אַלץ געצייטלט און געטריבן זיי פון לינקן ברעג דניעפּער.

סאָף יוני האָבן מיר זיך דערנעענט צו אונדזערע היימען און געלאָזט זיך מיטן וועג צו אילקאַ קאַסיאַנס דאָרף. נאָר פון א זייטיקן טראַקט זיינען אנגעקומען באַקאַנטע היימישע פּויערים און געמאָלדן, אַז די ווייסע זיינען ערשט באַגינען אָפּגעטראָטן, אָנגעטאָן גרויסע רעציכעס און פון דער קרענעצע פליען שטיינער.

אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז מע האָט עמעצן אַריינגעוואָרפן אין קרענעצע און מיט די שטיינער רופט ער, מע זאָל אים ראַטעווען.

א פּאָר צענדליק אַרמייער אויף די פערד, א פּאָר צענדליק בא די פּויערים אויף די וואָגנס, און מיט אַ שטויביקן גאַלאָפּ — צו דער קרענעצע.

אַז מיר זיינען צוגעפאָרן, זיינען שוין קיין שטיינער ניט געפלויגן. אַרום — א זאַטע, א פעלדישע שטילקייט, אין טיף פון דער קרענעצע — א שוואַרצער רויקער גלאַנץ. מיר קוקן, מיר רופן, מיר שרייען, נאָר די קרענעצע ענטפערט מיט א קילער פּוסטער טיפקייט.

עמעצער האָט אַראָפּגענומען די שטעלוואַגע פון וואָגן, צוגעבונדן גראָבע שטריק און איך האָב זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין קרענעצע. נאָר וואָס טיפער איך לאָז זיך אַראָפּ, אַלץ מערער דאַכט מיר, אַז צוזאַמען מיט מיר זינקט אין קרענעצע אויך דער הימל און מע פאַרשרויפט מיך מיט א לאַנגן בלויען שרויף.

פּלוצלינג — א קאַלטער ברי. כ'האָב אָנגעהויבן נישטערן — געפונען אַן עמער, א צווייטן עמער, און . . . א מעס.

אַלע מיינע גלידער האָט דורכגעפּיבערט א קאַלטער גרויל. איך וויקל די שטריק אַרום מעס, און די ציינער ציטערן פון איימע.

— שלע־פּט! — האָב איך א געשריי געטאָן און בין אַליין פאַרהילכט געוואָרן פונעם ווידערקאָל.

מע האָט מיך אָנגעהויבן אַרויסציען לאַנגזאַם, העכער, העכער. איך זע שוין פּענימער, פון די פאַלנדיקע טראָפּנס — א גרויליקער טויטער געהילך. עפּעס ציט מיך א קוק טאָן, ווער איז דער מעס. נאָר ווי איך גיב א בויג דעם קאָפּ — באַפאַלט מיך א איימע:

— סטאָפּ!

איך בין אראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד, און נאָר געגרייכט דערזען, ווי אילקאָ האָט זיך שיקער א וויג געטאָן, איבעראַשט צוגעפאלן צום מעס, אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, און מיט א טויטן, מיט א גרויל־געזאַפּטן קאָל האָט ער א געשריי געטאָן:

— האַ־גע!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָ, באַ דער קרענעצע, צווישן צעטראָטענע רייפע זאַנגען האָבן מיר באַגראָבן האַנען, באַגראָבן און טייקעף אוועק פארנעמען די נאָענטסטע באַנ־סטאַנציע.

פאַר דער נאַכט זיינען מיר פיר מאָל געגאַנגען אין אטאַקעס, און פאָרויס פון אלעמען איז געגאַנגען אילקאָ. פאַר דער נאַכט זיינען אים די באקן איינגעפאלן, דער בליק איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. מיט קיינעם האָט ער ניט גערעדט קיין וואָרט. און נאָר בעיס די אטאַקעס, פלעגן זיינע באַפעלן אופקלינגען מיטן זעלבן טויטן גרויל, ווי דענסט־מאָל, ווען ער האָט אויסגעשריען:

— האַנע!

## VIII

מער האָב איך אילקאָ קאסיאנען ניט געזעען. כ׳האָב נאָר געהערט, אז באַ פערעקאָפּ איז ער געווען צווישן די ערשטע, און אז איצט איז ער א דירעקטער פון א זאַוואָד אַף דאָנבאַס.

איבער דיזעלבע וועגן, איבער דיזעלבע פעלדער שפּאַן איך איצט די צווייטע וואָך.

אופגעשטעלט שוין אלע בריקן, מיט נייעם שטרוי געדעקט די דע־כער, און דיזעלבע פוסטע סטעפּעס, וווּ ערשט ניט לאַנג האָב איך גע־שפּאַנט באַלאָדן מיט ביקס און מיט סיבע, — אין דיזעלבע סטעפּעס, זיינען איצט אויסגעוואַקסן צענדליקער נייע יידישע דערפער, צענדליקער נייע אוקראַינישע דערפער, און איבער זיי — דיזעלבע הויכע הייסע זון.

איך שפּאַן.

מיין נאַס העמד איז צוגעקלעפּט צום לייב, טרוקן דער גומען, די ליפּן פאַרשמאַכט. בײַ יעדער קרענעצע ווילט זיך מיר אַרויסציען אַ קאַלטן טרונק, נאָר ווי איך גיי צו, גיב אַ קוק אין שוואַרצן שפּיגל, דאַכט מיר — פון יעדער קרענעצע קוקט אַרויס: דאָ — אַ האַנע, דאָרט — אַ מאָטל.

איך שפּאַן. די צווייטע וואָך איך שפּאַן פון דאָרף צו דאָרף.

איבער מיין קאָפּ — אַ בלייכער, הויכער הימל אַ פאַרכאַלעשטער פון זון, אונטער מיינע פיס — אַ הייסע, אַ שוואַנגערע ערד.

ווו איך קער זיך, ווו איך ווענד זיך, — נייע, אָקאָרשט אויסגעשניטענע וועגן, און טראַקטערס וועקן די שטילקייט פון סטעפּ מיט שטאָלענע יונגע ניגונים.

# אַ פאַרזאַמלונג

דער צימער פונעם יידישן יישעוו־ראט איז שוין פול געווען מיט אָפּגעריבענע פּעלצלעך, מיט אויסגעטראָטענע וואָליקעס און מיט א געדיכטן מאַכאָרקע־רויך, נאָר דער אוילעם איז נאָך אַלץ געגאנגען.

יעדער ניי־אריינגעקומענער האט מיטגעבראכט א גרוס פון א שטארקן פראָסט, מיט האַנאָע א רייב געטאָן די פארפרוירענע הענט און דערזעענדיק אף דער וואַנט דעם גרויסן, פון האנט געשריבענעם פּלאַקאַט, האט ער אָנגעהויבן לייענען אַפן קאָל:

## מוי־דאָ־ע.

„פרייטיק דעם 19־טן וועט פאר מענער דעם ערשטן מאָל געהייצט ווערן די באָד, פאר ווייבער — דאָנערשטיק. אין נאָמען פון דער ראטנמאַכט, אין נאמען פון דער פּראָלעטארישער דיקטאַטור ווערן געבעטן אלע האָרעפּאשניקעס, ווי אויך די דעקלאַסירטע עלעמענטן, זיי זאָלן קומען אין באָד.

סעקרעטאר פון יישעוו־ראט יוילעק בערנפעלד״.

בלויז פון דער מוידאָע האבן די אָפּגעריבענע פּעלצלעך דערפילט דעם טאם פון א בעזעמל אף דער אויבערשטער באנק אין באָד, און באצייטנס געקראַצט זיך:

— אַז מע לעבט — דערלעבט מען!

אינמיטן צימער איז געשטאנען א הויכער פּלייציקער קוסטאר און אַרויסגעוויזן גרויס בעקיעס אין פּאָליטיק:

— פוילן? — אויך מיר א לאַנד. וויכטיק איז ענגל־לאנד, וויכטיק איז אמעריטשקע גאַנעוו, אט די פעטע פּעמפּיקעס דאַרף דער אינטערנאַצאַל נעמען פאַר דער מאשינקע, דעמאָלט וועט ווערן פריילעך.

פון זיין געזונטן פליישיקן פּנים, פון זיין שוואַרצער פּאַלטאָ און קאַראַקולינער היטל האָט אַראָפּגעווייעט זאַטקייט און שטאָלץ.

ארום אים איז געשטאַנען א רעדל אָרעמע קוסטארן און איינער פון זיי האט זיך אלץ באקלאָגט, אז דער ראטנמאַכט פעלט עפּעס, ערגעץ נאָגט זי א וואָרעם, וועהאָראיע — פון מאָל צו מאָל איז אלץ שווערער צו קריגן אביסל רויוואַרג; דער פויער איז אזוי צעבאַלעוועט געוואָרן, אז וואס דער קוסטאר טראָגט ניט ארויס אפן מארק, געפעלט אים ניט, און סאָפּקאָלסאָף וועט מען מוזן איבערגיין אַף ערדארבעט.

דער וווקסיקער קוסטאר האט פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס און א קוק געטאָן אפן קלאָגער פון אויבן אַראָפּ:

— זאָג נאָר, קלאָג־מוטער, שאַבעס פרעסטו א הינדל?

— נו, איז וואָס!

— דאַכט זיך, אז א טרונק בראָנפן כאַפּסטו אריין אפילע אינדער־וואָכן?

— נו, איז וואס! איז וואָס!

— און אַז אין שטעטל קומט אַראָפּ א כאַזן, לויפסטו דער ערשטער נעמען א בילעט און דאפקע אויבנאָן, אין מיזרעך. אנדערש שטייט דיר ניט אָן. זאג זשע מיר נאָר, פּאָטאָמסטווענער קאפּצן, וואס קלאָגסטו, וואס האסטו דערלייגט צו דער ראטנמאכט? — דער באבעס יערושע?..

באם קליינעם טישעלע איז געזעסן דער פּאָרזיצער פון יישעוו־ראט — א יידל מיט גרוילעכע וואָנצעס, מיט ראָזע יונגע בעקעלעך און מיט א מונטערן בליק. און אַרום אים — די פּראַקציע פון יישעוו־ראָט: א באַיאָרטער מיל־אַרבעטער מיט א מעכעטייסע־שמייכעלע אין די קליינע צוניפגעזשמורעטע אייגעלעך; א דאַרער שניידער מיט א געל אויסגעוויקט פּאָנים, און א האָרבאטער שוסטער מיט א שטאַרק אַראָפּגעלאָזטן אַקסל, גלייך ער האלט אין איין פאלן אף דער לינקער זייט; נעבן אים איז געזעסן א געשוירן מיידל מיט א געשנירטן נידעריקן שטערן און ווי א מאריאנעטקע פלינק געדרייט דעם קאָפּ אַף רעכטס און לינקס.

געקוקט האט זי אף די כאווירים מיט אזאַ אָנגעשטרענגטן אומרויקן בליק, גלייך די גאנצע רעוואָליוציע שטייט אין א גרויסער סאַקאָנע, אויב מע וועט היינט ניט אָנעמען קיין געהעריקע רעזאָליוציע.

אינדערשטיל האט זיך די פראַקציע געאַמפּערט און אַלץ געוואָלט דערוויזן, אַז כאָטש דער פּאָרזיצער איז טאַקע א פּאַרטיי־מאַן נאָך פון 1926 יאָר, און זיי זיינען ניט מער ווי קאנדידאַטן, נאָר אַז מע האָט א ווייבל א פוילערטע מיט קליינבירגערלעכע אָפּנויגונגען, דערצו נאָך פיר יאָרקשירער כאַזיירים און 27 רובל גאראַנטירטן כוידעשלעכן געהאַלט אַלס פּאָרזיצער, ווערט מען טאַקע געכאַפּט אויף דער מאיסע און מע פאַרשטייט ניט דעם עמעסן „פּראָצעס".

דער פּאָרזיצער האָט אריבער די אויערן אָנגערוקט דאָס גראָווע באַראַשקענע היטל, פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס פונעם וואַטענעם רעקל און אָן אָנגעבלאָזענער האָט ער ביטלדיק געקוקט אויף דער פראַקציע:

— א פּראָלעטאַרישע ליניע וויל איך זען, א קלאָרן מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער באָד, צו דער זעלבסטבאַשטייערונג און צו דער גאַנצער „אינטערנאַציאַלער" לאַגע ביכלאַל.

פון אַזאַ קאַטעגאָרישער פּאָדערונג זיינען טייל „קאַנדידאַטן" שטאַרק מעוווּלבל געוואָרן. גרינג איז אים צו פּאָדערן א מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער באָד און צו דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע ביכלאַל. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז זיי האָבן זיך צו דער פראַגע ניט צוגעגרייט? אויסער דעם, קאָן מען דען פירן אַן ערנסטן מאַרקסיסטישן שמועס, ווען אַרום שטייט אַזאַ גרויסע מאַסע און דערצו נאָך אַן אומפּאַרטייאישע און זי גראַגערט אין די אויערן און טשאַדעט מיט מאַכאָרקע־רויך?..

ניט פאַרלוירן האָט זיך נאָר דאָס געשוירן מיידל. פון דער קאַטעגאָרישער פּאָדערונג איז זי נאָר געוואָרן אומרויקער און שטאַרקער אָנגעהויבן טוקען מיטן פינגער אין טיש:

— איך שווער אייך, כאַווירים, אַז דער פּאָרזיצער לאָזט אונדז אונטער אַביסל דעמאַגאָגיע. ווי אַזוי שטייט דאָרט באַם כאַווער לענין מעקויעך דער לינקער פראַזע און רעכטע מאַיסים? האַ! קיינער געדענקט ניט ווי אַזוי סע שטייט?

צום טישעלע איז צוגעגאַנגען דער געזונטער וווקסיקער קוסטאַר און גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם הויקער אין אַקסל:

— מע בעבעט, אַז דו האָסט שוין א פּאַרנאָסע־ביכעלע, האַ? מע האָט דיך טאַקע שוין אריינגענומען אין פּאַרטיע?..

דער הויקער איז געוואָרן אָנגעצונדן און אַראָפּגעריסן די האַנט פונעם אַקסל:

— וואס דרייסטו א ספּאָדעק, זעסט ניט, אַז מע באַהאַנדלט?

א שמייכלדיקער האט זיך דער קוסטאַר אויסגעדרייט צום אוילעם און צעשריגן זיך:

— סמאָלע קעפּ! פאַרמאַכט דעם מאַינע־לאָשן, די פּראַקציע באַ־האנדלט!

דער אוילעם האט אונטערגעכאַפּט די כאָכמע, געלאַכט און געפּלאַפּלט, ביז דער פּאָרזיצער האט אַ קלונג געטאָן אין גלעקל און געמאלדן, אַז די פאַרזאַמלונג איז געעפנט.

דער מיל־אַרבעטער האט זיך אופגעשטעלט, א קראַץ געטאָן אונטערן אויער און עטלעכע מאָל אויסגעהוסט זיך:

— כאַווערים! היינט דאַרפן מיר צעקייען א פּראַגע, נאר גאָר און גאָר אַ האַרבע, דעריבער דאַרף זיין שטילקייט, „אָבדירנונג״, און דאָס וואָרט באַקומט דער פּאָרזיצער פון ראַט כאַווער אָסטרינסקי. סאַקראַטאַר! עפּשער וואָלסטו אופגעהערט מאַלעגיירען און געזעצט זיך צום טיש מיט א פען אין האַנט?

— איך מוז שטיין באַם טיר.

— פאַרוואָס עפּעס באם טיר?

— אַרום ראַט דרייען זיך אַרום די סאָכרימלעך און זיי קאָנען זיך נאָך אַריינכאפּן אַף דער פאַרזאַמלונג.

אלע האבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער און אומרויק א קוק געטאָן צום טיר, גלייך די טומע האט זיך טאַקע שוין אַריינגעריסן אַף דער פאַרזאַמלונג.

דער מיל־אַרבעטער איז בייז געוואָרן און ווידער א קלונג געטאָן אין גלעקל:

— אָבדירנונג, אָבדירנונג! אלע מאָל וועט ער עפּעס א זאג טאָן אַזוינס, עס זאָל געמען באַם לעבער. וואס הייסט זיי וועלן זיך דערלויבן אריינ־גיין אין ראַט, ווען עס קומט פאָר א פאַרזאמלונג פון האָרעפּאַשניקעס? כאַווער אָסטרינסקי! דאַבער.

ערשט נאָך דעם, ווי אלע האבן זיך אויסגעהוסט און אויסגעשנייצט די נעזער, האט דער פּאָרזיצער טיפער אָנגערוקט דאס היטל אַריבער די

אויערן און מיט א רויק באַלעבאַטיש הוסטעלע א פּרווו געטאָן די שטים:

— לאַנג בראַיען האב איך ניט וואס. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט ס'אַראַ געבראָטענע צאָרעס מיר זיינען אויסגעשטאַנען פונעם קאָנטר־רעוואָליוציאָנער דעניקין, און פונעם ענגלישן סוואָלעטש—פון טשעמבערלענען. אבער סאָפּקאָלסאָף האבן זיי אָנגעלייגט מיטן קאָפּ און מיר בויען סאָציליזם. נאָר די אַלוועלטלעכע ספּעקטאַטערס קאָנען זיך ניט צוזאַמענלעבן מיטן געדאַנק, אַז אונדזער שטעטעלע האָט שוין אויסגעבויט אַ באָד, האט שוין אייגענע לעקטרי, און מיר זיינען פאָטער געוואָרן פון די בלעכענע לעמפּלעך מיט די פאַרויכערטע גלעזלעך, וואס פלעגן פּלאַצן אַלע מיט־וואָך און דאָנערשטיק. מו־סאָ־לי־ניע קאָן ניט אנטשלאָפן ווערן פון אונדזערע ניצכוינעס, פּילסודסקי קוקט אַף אונדז מיט בלוטיקע אויגן, זעען זעט ער, ווי אין אלע הייזלעך פון אונדזער שטעטל ברענט שוין די ערשטע זון פון סאָציליזם. נאָך א יאָר, נאָך צוויי און מיר וועלן אויך אריינשיינען אין דאָרף. כאַ־ווי־רים! נאָענט איז דער גרויסער טאָג פון אלוועלטלעכן ניצאָכן, נאָענט איז די שאָ, ווען די פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער וועלן קומען צו אונדז אין שטעטל לערנען זיך ווי אַזוי צו בויען דעם עמעסן, דעם אינטערנאצאלן סאציליזם. נאָר אַז מע באַקוקט די אַלגעמיינע לאַגע מיט דער „פּריספּעקטיוו" פון אן עמעסן פּראָלעטאַרישן „שטאַנפּוּנק", ווערט, כאַוויירים, אַביסל קאַלעמוטנע אפן האַרצן. אונדזער פּינפּיאָריקע שול געפינט זיך נאָך אין אַ שלעכטער געביידע. כוץ אינעם ראַיספּירקאָם איז דאָך אין גאַנץ שטעטל ניטאָ, זאָלט איר מיר מויכל זיין, קיין איין אָפּטרעט. און ווו איז דאָס, כאַוויירים, געהערט געוואָרן, אַז אַן עמעסער האָרעפּאַשניק פון א פּראָלעטאַריש לאַנד, וואס איז געוועזן אַף די פּראָנטן קעגן דעניקינען, קעגן קאָלטשאַקן און קעגן דער אלוועלטלעכער אַנטאַנטע,—אַזאַ האָרעפּאַשניק זאָל מוזן יעדן פּרימאָרגן לויפן אין ראַיספּירקאָם?.. כאַוויירים! איך פרעג אייך, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז אין אַזאַ שטעטל זאָל ניט זיין קיין איין יאַסלי, נעמענדיק דערביי אין אכט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון אונדזערע קוסטאַרן צו געבוירן יעדעס יאָר א קינד? כאַוויירים! אונדזער פּראָלעטאַריש לאַנד איז באַפעסטיקט מיט אונדזער בלוט, מיט אונדזערע האָרעפּאַשנע פינגער האָבן מיר זי אַרויסגעריסן פון די

ספּלאַטאַטערישע נעגל, אויסגערייניקט, ווי דער כאַווער מארקס זאָגט, פון אַלע פּאַראַזיטן, און איך בין זיכער, אַז קיין איין קוסטאַר וועט זיך ניט דערוועגן עפענען דעם פּיסק קעגן דער זעלבסטבאַשטייערונג. איך בין זיכער, אַז ווי עמעסע קעמפער פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור וועלן מיר הויך אופהויבן די הענט פאַר דער זעלבסטבאַשטייערונג אַף צעפּיקעניש אַלע טשעמבערלענעס און אלע מוסוליניעס, וואָס האָבן גע־הארגעט אונדזערע בעסטע כאַווירים פונעם דריטן אינטערנאַצאַל, קאַרל ליבקנעכטן און ראָזע ליוקסעמבורג.

דער פּאָרזיצער האט אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שוויס, געזעצט זיך, און א קלונג געטאָן אין גלעקל:

— ווער וויל אַ וואָרט?..

גראָד איצט איז אלעמען באַפאַלן אַ הוסט און אַ שטאַרקע דורשט נאָך א ציגאַר. האט ער אַ ווײַלע צוגעוואַרט, א צווייטן מאָל פּאָרגע־לייגט מע זאָל נעמען א וואָרט, נאָר דער אוילעם שווייגט!..

— נו, אויב מע וויל ניט הרעדן, שטעל איך צו דער שטימונג: ווער איז פאר דער זעלבסטבאַשטייערונג? איינס, צוויי, דריי, פּיר, פינף און אויס! ווער זשע איז קעגן? קיינער ניט? וואָס זשע — סאַבאטאַזש? פּאָרזיצער פון קוסטאַרן־פּאַריין! איר זייט אויך אַ פּאַרעווער?

— כאָלילע — האט ערגעץ א כריפּע געטאָן אַ פאַרקילטע שטימע — איך האלט זיך איין.

א דאַר נידעריק יידל מיט אַ ציגן בערדל האָט זיך אופגעשטעלט און אויסגעשטרעקט די האנט:

— איך האָב אַ פּאָרלייג, אַ קליינינקן פּאָרלייג.

— אַ פּאָרשלאַג? נו, לאָמיר הערן ווערטער.

דאס יידל האט אַ פידל געטאָן מיטן פינגער אונטער דער נאָז און מיט די עלנבויגן דורכגעריבן די זייטן;

— אַזוי ווי דאָס שטעטל איז אָרעם און די פּאַרנאָסע איז געשלאָגן, לייג איך פּאָר: מיר זאָלן אַרויסטראָגן אַ ראַזאָליוציע, אַז מיר באַגריסן פונעם גאנצן האַרצן אונדזער טייערע פּראָלעטאַרישע מאַכט, וואָס קעמפּט פּאַרן קאפּצן און לאָזט ניט דעם נעפּמאַן אופהויבן די קאָפּ — און מיט דער ראַזאָליוציע זאָלן מיר אָפּקומען.

דער געזונטער וווקסיקער קוסטאַר האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, צוגעגאַנגען צום טישל און פֿאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט:

— ווי געפֿעלט אייך נאָר דער וואַיזאָסי, און נאָך אַ קוסטאַר! אַלע שטעטלעך וועלן זיך באַשטייערן, און מיר וועלן אָפּקומען מיט שיפֿע, און דערנאָך זאָל די גאַנצע וועלט טייטלען אויף אונדז מיט די פֿינגער. איך פֿרעג אַבסאָליוטנע קאַטעגאָריש: אַ באָד, אַן אָפּטרעט, לעקטרי, אַ גוטע שול־געביידע דאַרף מען? צי עפּשער כאָלעמט זיך אייך דער ביידער מיטן רעבן? האַ! וועל איך אייך באַלד אָפּשפּילן אַ וויוועדל, אַז ס׳וועט אייך ווערן פֿינצטער און ביטער. נאָכאַמאָל שטעלט צו דער שטימונג, און איך בין אַ באַלן זען, ווער וועט מאַכן ציגיינערשע שטיק!

אויף אַ לאַנגער צייט איז דער צימער פֿאַרהילכט געוואָרן מיט היציקע וויקוכים, מיט „אין טאַטנס־טאַטן", מיט געפֿעפֿערטע מישעבייערעכס און מיט אַ קלינגען פֿונעם גלעקל.

ערשט, אַז אַלץ איז שטיל געוואָרן, און דער פֿאָרשלאַג וועגן דער זעלבסטבאַשטייערונג איז אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך דער פֿאָרזיצער צופֿרידן צעשמייכלט און טיפֿער אַראָפּגערוקט די באַראַשקענע היטל:

— ווען טשעמבערלען מיט אַלע פּיריליסטן זאָלן וויסן ווי זיי האַלטן, וואָלטן זיי זיך באַדאַרפֿט באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אונדזערע קוסטאַרן האָבן דערוויזן ווער זיי זיינען; אונדזערע קוסטאַרן, וואָס זיינען אַלע מאָל געווען דער אַוואַנגאַרד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, שטאָלץ געטראָגן די רויטע פֿאָן איבער די אַלוועלטלעכע פֿראָנטן פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, — זיי האָבן איצט אַ לעצטן מאָל דערוויזן, אַז די רעוואָליוציע איז אין זיכערע הענט און מיר מעגן אַ זינג טאָן דעם אינטערנאַצאַל.

אַלע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, אַראָפּגענומען די היטלען, און דער צימער איז פֿול געוואָרן מיט געזאַנג.

צום אָפּגעגאַנגענעם פֿענצטער האָט זיך אָבער פּלוצלינג צוגעקלעפּט אַ געל באַוואַקסן פּאָנים מיט רויטע קראַנקע וויעס, און עמעצן געצוווּנגען מאַפּסיק זיין:

— נו, אָ, אָ!

דער פֿאָרזיצער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזעען אין פֿענצטער דעם אָרטיקן מעל־הענדלער. קאַסדיק האָט ער איין מאָל אַ גלאַנץ געטאָן צום געלן מעל־הענדלער, אַ צווייטן מאָל באַפֿעלעריש אַ טרייסל געטאָן

מיטן האַנט, ער זאָל אָפּציִען בעשאַס די שטעטלדיקע האָרעפּאַשניקעס זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

נאָר דער נעפּמאַן — קוקט.

איז דער פּאָרזיצער אויפגעבראַכט געוואָרן און אַ שליידער געטאָן אין פּענצטער זיין באַראַשקן היטל.

אַף די געשרומפּענע, פאַרהאָרעוועטע פּענימער איז דורכגעשווימען אַ צופרידן שמייכלע, און די פאַרוויכערטע הייזעריקע שטימען האבן זיך נאָך שטאַרקער צעקלונגען, אַז:

— „דאס איז דער לעצטער און אנטשיידענער שטרייט".

# אַ לעוואַיע

איבערן שטאָט איז נאָך געהאַנגען אַ שווערע אויסגעמאָלקענע כמאַרע און דונעריש געבורטשעט נאָר אין יענעם ווינקל, ווו די זאַוואָדן זייַנען געשטאַנען מיט לאַנגע פאַריסענע העלדזער און כוואַסטעוואטע געקרייזלט די רויכעווידיקע טשובן.

דאָרט — אַרום די קוימענס, האט אָפּט און שטאַרק געבליצט, גלייך דע הימל ווילט זיך פארווארפן אַ בלאַנקענדיקן אַרקאַן אַף די שטאָלן פאַרהויבענע קוימענס, און אַהין, צום בורטשענדיקן ווינקל, ארופשלעפּן כאָטש איין אַזעסניק. פון מאָל צו מאָל פלעגט אַ דאָמענע־אויוון צעעפענען דעם ברייטן פּיסק, אָפּבריען דעם כמורנעם הימל מיט אַ רויטן האָזעדיקן שמייכל און דערמיט געבן צו וויסן, אַז זיי, די זאַוואָדן, שטייען אף דער ערד מיט פעסטע שטיינערנע פיס און יעדער רעגע זיינען זיי גרייט צו פארמעסטן זיך מיט אלע זיינע דונערן און בליצן.

נאָך האלבן טאָג איז אַרויס א יונגע אויסגעבאָדענע זון, מיט איין בליק אַראָפּגעווישט פון דער שטאָט דעם שווערן שטיינערנעם אומעט און דערזעען, אַז די אַרבעטער זיינען שוין פארזאַמלט נעבן טויער פון פאַבריק.

געשטאַנען איז מען קרייזלעכווייז, די פאַרטעכער פאַרוקט אונטער די רעקלעך און פארווונדערט אַלץ איבערגעפרעגט באַם אלטן בערלען, ווי אַזוי דאס איז געשען.

— הערסט דאָך, — האָט בערל צענדליקער מאָל איבערדערציילט, — ביידע אַרבעטן מיר באַם ווערסטאַט, איך כאָכמע זיך, דאָוויד שמייכלט, זאָגט אויך אַמאָל אַ ווערטעלע און קאַכיקעט אינדערשטיל. פּלוצלינג, אַז סע גיט אַ פליוך דאס בלוט פון זיין האלדז, און איידער וואָס, ווער, ווען — איז ער אויסגעגאנגען נעבן שטיצער.

בערלס אויגן האבן געקוקט ניט אַפּן אוילעם, נאָר אין זיך, גלייך ער בלעטערט אין זיקאָרן אלע מאָמענטן, ווי אזוי דאָוויד איז געשטאָרבן,

און די רויטע שטרייפעלעך אַף די ווייסלעך ווערן גרעסער, דיקער, און עס דאַכט זיך, אַז ער ווייגט מיט פּאַסיקלעך בלוט.

שפּעטער פון אַלעמען איז צום טויער צוגעפאָרן „מאָטל קנאַק" און ווילינגעריש אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע.

דער אונטערגעהויבענער לינקער אַקסל, די קעפּקע אַ פּאַרוקטע אַף דער פּאָטיליצע, און די צעפינקלטע אייגעלעך,— האָבן טייקעף געלאָזט וויסן, אַז דעם הייזעריקן קאָל האט שוין מאָטל ערגעץ אָפּגעבריט מיט ספּירט, און ער איז שוין ווידער פריילעך און זאָרגלאָז:

— ט'מאָרגן! וואָס זאָגט איר כאָטש אַף אונדזער יאָט? הא! אַ כאָ־כעם, ווי איך בין אַ יידענע, אַ כאָכעם, גענומען און געשטאָרבן.

אַ האַמעטן שמייכעלע איז שעמעוודיק אַרויסגעקראָכן פון אונטער צאַלעס אָנגעברויזטע ברעמען, שעמעוודיק פּאַרגאַנוועט זיך אין די ברוּ־דיקע קנייטשן אַרום נאָז און טייקעף אויסגעגאַנגען אַף זיין מעגושעמ־דיקן פּאָנים:

— וואָ־דען, פון דיר וועט מען דערלעבן נאַכעס?

די געציילטע פּאָר ווערטער האט „צאַלי אייזל" אויסגעבורטשעט צופּע־ליק, אומדערוואַרטעט סאַי פאַר זיך, סאַי פאַרן אוילעם, און קיינעם איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז זיי זיינען געזאָגט געוואָרן טאַקע פון אים, פון צאַלען.

געשטאַנען איז ער אָפּגעזונדערט פונקט ווי פריער, שטום געקראַצט די גראָבע באַוואַקסענע הענט, טעמפּ געקוקט צו דער ערד, גלייך ער פירט מיט איר אַף שטום־לאָשן אַ לאַנגן ערנסטן שמועס, און אינעם ברוינעם האָריקן פאַלטאָ האט ער אויסגעזעען, ווי אַ גרויסער שטומער בער, וואָס שטייט אַף די הינטערשטע פיס.

קיין באַלדאַרשן איז „צאַלע אייזל" קיינמאָל ניט געווען. שווייגנדיק, כאַסענע געהאַט, שווייגנדיק געבוירן קינדער, אַ שווייגנדיקער פלעגט ער זונטיק אַריינקומען אין פאַבריקל, פאַרשאַרצן די אַרבל און, ווי אַ אייזל, שטום און שווער אָפּהאָרעווען די גאַנצע וואָך.

אין באָד איז ער אָבער שאַבעס געקומען דער ערשטער. דאָרט — אַף דער אויבערשטער באַנק, פלעגט ער לאַנג שמייסן דאס גרויסע האָריקע לייב, מיט אַ רויער בערישער שטימע האנאָעדיק אונטערבורטשען: אַי־אַי־אַי־אַי! און נאָכדעם אַ צעפריעטער אָפּשלאָפן אַף דער אויבערשטער באַנק ביז האלבן טאָג.

נאָר וואס מער צאַלע פֿלעגט פֿריען, אַלץ בוילעטער פֿלעגן זיך אַרויסזען די שוואַרצע האָר־וואָרצלען אַף זיין שטערן, אַף די באַקן, אַפֿן נאָז, גלייך אַ מאכנע פֿליגן איז אָקאָרשט אַראָפּגעפֿלויגן פֿון זיין פּאָנים און געלאָזט נאָך זיך אַ שוואַרץ־געפּינטלטן זייכער.

אָט דאָס גרויס זעקל ביינער איז מיטאַמאָל געוואָרן רעדעוודיק און גענומען מאָטלען אַפֿן צימבל:

— נאָר מיילע — האט ער צוגעגעבן — נאָך אַ יאָר אַ קאַפּצן, פּאַטער אונדז אויך א טאָג, און אַ סאָף זאָל דאס נעמען. כ'לעבן, וויפֿל איז ד'ער שיר? אַ הונט אין דיינע יאָרן וואלט שוין לאנג געפּייגערט.

מיטן לינקן אויג האט מאָטל כיטרע אַ ווינק געטאָן צום אוילעם, שווער אַראָפּגעלאָזט אף צאַלעס אַקסל די מאָזאָלעדיקע האַנט, און אַרויסגעשלאָגן אַ דין רויכעלע שטויב פֿון זיין פּאַלטאָ:

— יאַטן! איר הערט כאָטש? בילעמס אייזל האט דאָך אין א מאַזלדיקער שאָ דאס מויל צעעפֿנט! כ'קאָן ניט, צאַלעניו, כ'קאָן ניט שטאַרבן כ'האב געשווירן באַם באַרג סינאַי, אַז פֿריער מוז איך באַגראָבן אלע פּערד און אלע אייזלען.

אלע האבן זיך צעלאַכט, צעפּלאַפּלט און צעוויצלט. ער אָבער — דער אלטער בערל, איז אַ צעוויטיקטער אומגעגאנגען פֿון רעדל צו רעדל, פּארטראכט צוגעטראָגן צום מויל דאס גרויע שפּיציק בערדעלע, געקייט עס מיט צעפּוילטע געלע ציין און געזיפֿצט ווי אַן אלטע איינגעבראָכענע ווערבע:

— אַז ער, דאָוויד, פֿלעגט ארופֿגיין אַף דער „טאַרבונע" פֿון פּאריין און נאָר א זאָג טאָן: „כאַ־ווי־רים, פֿולעטאַריער פֿון אלע לענדער", פֿלעגט דאָך דורכגיין אַ כיעס איבער אלע אייוועריִם, אַ כי־עס.

זיין געלער וועקסענער פּאָנים איז געווען אַזוי צעשרומפּן אין קנייטשן, גלייך יעדער מוסקל איז פֿארקלעמט געוואָרן אין אַ וויינענדיקן גרויל, און וואָס מער ער רעדט, אלץ ווייטיקדיקער שווימען אוף די זיכרוינעס, ווי אַזוי ער, דאָוויד, איז דאָס ערשטע מאָל אַהער אַראָפּגעקומען מיט אַ פּעקל אומלעגאלע ליטעראַטור, דער ערשטער אופֿגעהויבן שטרייקן, דער ערשטער געוויזן אַ וועג. פֿון די דינע ביכעלעך, געדרוקטע אַף ציגאר־פּאַפּיר, איז בערלען קלאָר געוואָרן, ווער עס איז זיין סוינע, ווער עס איז זיין פֿריינט.

צוויי צענדליק יאָר האט זיך בערל צוגעקוקט, ווי דאוויד ברענט, גייט זיין וועג פאַראַקשנט, זיכער; צוויי צענדליק אומרויקע שווערע יאָרן זיינען ניט געווען בעקויעך אונטערצוברעכן דאָווידן, און פּלוצלינג איז געקומען דער טויט, אַ כאַפּ געטאָן באם גאָרגל, און אויס דאָוויד.

פון הויף איז צום אוילעם צוגעגאנגען דער באַלעבאָס פון פאבריקל — איצי מאַלכאַמאָוועס. הויך, בייכיק, אַף די ברייטע פּלייצעס ניט קיין קאָפּ, נאָר אַ גרויסער יאָזש מיט געדיכטע שטעכיקע נאָדלען; ליפּן, ווי אָנגעצונדענע ווונדן, גראָבע, גידיקע, און זיינע גרויסע, אויסגעשטאָרצטע אויגן קוקן ניט, נאָר זיי פּרעסן.

צוגעגאנגען איז ער סאָפּענדיק און מיט אַ שווערן שפּאַן אין דער ברייט, ווי אַ שוואַנגערע פרוי אין לעצטן כוידעש:

— כ'האב אַ קוק געטאָן אַף דעם דאָווידן, מאַמעש אַן אויסגעטריקנטער שטעקן און ניט קיין מענטש. כ'לעבן, אַ ביזאָיען גאר אריינצולייגן אַזוינעם אין קייווער.

מאָטל האט אַ צי געטאָן די קעפּקע פאַרן דאַשעק, ברייט צעשפּרייט די פּיס און גוטברודעריש אַ פּאָר מאָל אַ כלאָפּע געטאָן איבער איצעס בויך:

— אַ פּופּיקל אָפּגעפּאַסעט גאָרניט צו פאַרזינדיקן. זאָרגט ניט, רעב איטשי, פאַראַן צו גאָט אַ האָפענונג, אז מיט אייער פּעמפּעקל וועלן מיר באַ די ווערים ניט פאַרשעמט ווערן, לאָזט זיך נאָר ניט לאַנג בעטן.

דער געדיכטער פּליישיקער געלעכטער איז אַפּאָנים קלינגענדיק אריין צו מאַלכאַמאָוועסן אין בויך און אזוי אים צעטרייסלט, גלייך עמעצער וואָלט אריינגעוואָרפן שווערע שטיינער אין אַן אָפּן פּעסל וואַסער:

— זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, נאָר איך פאַרשטיי דאָס ניט. כ'בין דאָך, ניט פאַר היינט געדאַכט, אמאָל אויך געווען אַן אַרבעטער; עמעס, געהאָרעוועט אַביסעלע מער ווי הייגטיקע קנאַקערס, נאָר כ'האָב טאַקע געהאַט די שיינע צוויי נעקייוועס, באַ איינער גענומען אַ טרונק בראָנפן, באַ דער צווייטער — אַ געבראָטן גענדזל, און כאַי ווי גאָט אין אדעס. אָבער אזא יאָלדיש לעבן פון אַ דאווידן — אַסער אויב איך הויב דאָס גאר אָן צו פאַרשטיין: ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד, טאָג און נאכט געשמייעט, פון פאַרזאמלונגען אין טורמע, פון טורמע אַף פאַרזאַמלונגען, אזוי לאַנג פאַרזאָרגט אַ וועלט, ביז ער האָט טאַקע אויסגעצויגן די ראַגלאַיעם אָן אַ זיי־געזונט.

איציס ברודער, דעם אַלטן בערלען, האָבן די ווערטער געשטאָכן.

פֿון די אַרבעטערס שוויס איז איצי געוואָרן רייך און צעשוואָלן. בײַ אים אין פֿאַבריקל איז אַן אַלטער אַרבעטער אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, און איצי שטייט גאָר מיט אַ קאַלטן לונג-און לעבער און דאַרשנט וועגן געכטיקע טעג.

אין זײַנע בלוטיק-געשטרײַפֿטע אויגן איז די אַלטע פֿאַרביטערטע סינע מיטאַמאָל אָנגעצונדן געוואָרן, און בײַפֿאַלן איז אים אַ פֿאַרלאַנג — צוגיין צום לײַבלעכן ברודער און פֿאַרן גאַנצן פּאַך אַרײַנשפּײַען אים אין פּנים אַ גיפֿטיק ווערטעלע.

— דערפֿאַר, — האָט בערל אַ זאָג געטאָן, — אַז דו וועסט פּייגערן, וועט אַ מעשוגענער הונט לאָזן אַף דײַן מאַצײַווע אַ נאַסן זיי-געזונט, אַ מע-שו-גע-נער הונט!

נאָכלעסיק האָט איצי אַ קוק געטאָן אַף בערלען, אַ קוק געטאָן פֿון אונטן אַרויף, און אַזוי ביטלדיק פֿאַרקרימט דאָס פּנים, גלײַך עס שטייט אים גאָרניט אָן צו ענטפֿערן דעם אַלטן אויווערבאָטלניק.

— און ווייסט איר כאָטש, וואָס פֿאַר אַ יערושע, ער, דער וועלט פֿאַרזאָרגער, האָט געלאָזט? — אַ מאַטמען, מאַמעש אַ מאַטמען: — אַ צײַן-בערשטעלע און קאַרל מאַרקסעס קאַפּיטאַל ניט קיין צעשניטענעם. כע-כע, געפֿעלט אײַך גאָר אַזאַ יערושע?

פֿון הויף איז דערשוווּמען אַ אײַנזאַם שיטער געוויין, און דער גאַנצער אוילעם האָט זיך געלאָזט צו דער מיטע.

פֿיר עלטערע אַרבעטער האָבן זי אָנגעזאָטלט אַף די אַקסל. און די לעוואַיע איז אַוועק. פֿריער שטיל, ערנסט און לעסאָף שנעלער און בארעדעוודיקער.

אָנגעפֿאָרן זײַנען עטלעכע טראַמוואַיען און קלינגנדיק באַפֿוילן, זיי זאָלן מיט דער מיטע אָפּוואַרטן. אַ פּאָר אַוטאָמאָבילן האָבן הייזעריק געפּאָדערט, די לעוואַיע זאָל אָפּגיין אין אַ זײַט, און פֿאַר דער העפֿלעכקייט באַצאָלט מיט אַ איפּעשדיקן דאַנק.

בײַם עק שטאָט זײַנען צוגעקומען די צוויי עלטסטע אַרבעטער — סעריקאָוו און יאַן. אַף די באָרוועסע פֿיס — אַ שקראַב, אַ קאַלאָש אַ צוגעבונדענער מיט אַ שטריקל. פֿון די ווינטערדיקע היטלען קריכט די קלאָטשע, אַ ברודיקע ווי זייערע גרויע בערדלעך, ביידע — שטאַרק בעגילופֿן און מיט טאַינעס.

— איך רעד צו אים: סעריקאָוו, טרינק ניט, וועסט אמאָל פאַר־ברענט ווערן, און ער — ווי צו דער וואַנט.

דאָס גרויע, ברודיקע בערדל האָט בא סעריקאָוון קאַעסדיק א ציטער געטאָן און פאַרפלאָנטערט אין זיך א שיקערן שפּיי:

— ווי צו דער וואַנט? און ווער האָט דיך געבעטן זאָלסט פאַרשיקערן מיינע שיך? און פאַרוואָס רופט ער מיך מאַמזוער? האַ! אט דאס הייסט האַלטן זיך באַוווסטזיניק פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס?

דער אוילעם האָט זיי ביידן גענומען אפן צימבל און ביזן בייט־האַקוואָרעס אַלץ געהאַט מיט זיי צוטאָן.

צום טויער פון בייסוילעם איז ארויסגעגאַנגען א פעסט געבויטער ייד און אָנגעוויזן דעם וועג צום קייווער.

איבער זיינע אויגן זיינען געהאַנגען גרויסע גראָבע ברעמען, ווי אַראָפּ־געלאָזטע שוואַרצע פאָרהאַנגען, און אין דער שוואַרצער באָרד, אינעם פאַרטראַכטן שוואַרצן בליק, איז, דאַכט זיך, געווען פאַרבאָרגן דער סאָד פון טויט.

ער איז געגאַנגען פאָרויס פון דער לעוואָיע מיט ווייכע, שטילע טריט, גלייך ער שרעקט זיך, צי וועט ער ניט אופוועקן די מייסים. אינ־מיטן וועג האָט ער זיך אויסגעדרייט און סוידעסדיק א זאָג געטאָן צום אוילעם:

— זאָגט יוישעוו בעסייסער.

— מע טאָר ניט — האָט אים מאָטל סוידעסדיק געענטפערט — מע טאָר ניט.

פון אונטער די שוואַרצע פאָרהאַנגען איז ארויסגעשווימען ניט קיין פאַרכידעשטער בליק, נאָר א שוואַרצער בליץ:

— וואָס הייסט מע טאָר ניט?

— דער מעס איז, פאַרשטייט איר מיך, געווען א וועגעטעריאַנעץ, — האָט אים מאָטל אנגעהויבן דערקלערן, — א וועגעטעריאַנעץ. און בעפיירעש פאַרזאגט, מע זאָל קיין יוישעוו בעסייסער ניט זאָגן. נאָר אין וועג האָבן מיר זיך ניט איינגעהאַלטן און פאָרט אריינגעריבן גאַנצע צוויי יוישעוו בעסייסערס. הא, סעריקאָוו, ניט עמעס?

— עמעס, עמעס, — האָט דאָס ברודיק בערדל שיקער א ציטער געטאָן.

דער קוואָרעסמאַן האָט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע און מיט אַ שווערן זייטיקן בליק געקוקט, ווי די כאַליאַסטרע מיט די פּאַרוקטע פּאַרטעכלעך אונטער די רעקלעך, פּאַרשיט דעם קייווער.

— נו, און קאַדיש?

— האַ, קאַדיש! — האָט מאָטל איבערגעפרעגט דעם קוואָרעסמאַן, — קאַדיש? מיטן גרעסטן ביזאָיען. סעריקאָוו! פּאַרקאַטשע נאָר די אַרבל און האַק אַריין אַ קאַדיש.

— טשעפּע זיך אָפּ, איך קען דען די יידישע טפילעס?

מאָטל האָט אים אָנגענומען פאַרן בערדל און צוגעפירט צום קייווער:

— עפּן, זאָגט מען דיר, דעם אָנגעספּירטעוועטן מאַינע־לאָשן און טאַקע פאַרן גאַנצן פאַך.

נידעריקער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע ברעמען און געוואָרן עפּעס מאָדנע באַוועגלעך, גלייך אונטער זיי פינטלען אומרויק די אויגן און קוקן, ווי סעריקאָוו בויגט זיך אַראָפּ צום מאַצייווע־ברעטל און קלאַפּט אָן:

— דאַוויד! קיין יאַלד ביסטו ניט געווען אף דער וועלט, זיי זשע ניט קיין יאַלד אויך אַף יענער וועלט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, באַשטעטיקט, אַז סעריקאָוו קאָן דעם קאַדיש אויסגעצייכנט און געלאָזט זיך פון קייווער.

הינטער זיי איז דער קוואָרעסמאַן געגאַנגען אַ צעטומלטער און גע־ביסן דעם שפּיץ באָרד. פאַר די פערציק יאָר איז אים אויסגעקומען זעען אַלץ, געזעען, ווי מענטשן מאַכן כויזעק פון זיך, מאַכן כויזעק פונעם לעבן. אָבער כויזעק מאַכן פונעם טויט?

עפּעס איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, אומהיימלעך און ס'האָט אַ צי געטאָן אויסדרייען דעם קאָפּ אהין, צום פרישן בערגל ערד, ווו עס ליגט דער אַלטער, האַרציקער כאַווער דאַוויד.

האַרט באַ זיין קייווער איז איינזאַם געשטאַנען דער אַלטער בערל און טרויעריק געוויגט זיך, ווי אַן אַלטע איינגעבראָכענע ווערבע.

— קום, בערל, — האָט אים מאָטל פאַרוואַרגן אַ רוף געטאָן, — קום, כאַווערל!

געגאַנגען איז מען ווידער שטום, פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיכ־רוינגעס וועגן דאַווידן. און אַזוי וואָלט מען מיסטאָם דערשפּאַנט צום שטאָט

און פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ טראַקטיר, איז אבער עמעצן איינגעפֿאַלן צו פרעגן, ווער פון די ארבעטלאָזע וועט זיך שטעלן אַרבעטן אף דאווידס אָרט.

— ווער!

אין מויעך איז דאָס וואָרט געפֿאַלן ווי א שטיין אין א פֿאַרטראַכט שטייענדיק וואַסער, מיטאַמאָל צעטריבן די זיכרוינעס וועגן דאָווידן, און פון די שטילע גרינע קוואָרים איז פּלוצלינג ארויסגעשווומען דאָס אלטעגלעך ביטער לעבן מיט אַלע זיינע פינצטערע זאָרגן און אלעמען א קוק געטאָן אין פּאָנים מיט א שווערן שטיינערנעם ערנסט.

— וואָס הייסט ווער!— האָט איבערגעפרעגט א בלייך פּאָנים מיט רויטע וויעס — דריי כאַדאָשים ניט פֿאַרדינט קיין גראָשן, דאָס וויב ליגט בא מיר אַפן טויטן בעט, פינף פיקערס, ווער זשע איז בילכער?

בילכערע זיינען געווען אָן א שיר, יעדערער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, וויפל צייט ער גייט אום שלינג-און שלאַנג, וויפל וואָכן זיינע קינדערלעך פארזוכן ניט קיין לעפל געקעכץ און וואָס איז פֿאַרזעצט און פֿאַרקויפט געוואָרן.

שטימען זיינען געוואָרן אָנגעשוואָלן מיט ווערגנדיקן ווי און ווינד, פֿאַרקלאָגט זיך, געשריען, געשאָלטן און לעסאָף פֿאַרקנוילט זיך אין א שווערער מאַכלויקעס.

הינטער זיי איז דער קוואָרעסמאן געגאַנגען, ווי אף צעגליטע קוילן, און אלץ געבעטן זיך, מע זאָל פֿאַרלאָזן דעם בייסוילעם. עפּעס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיי פֿאַרשוועכן די בייסאלמישע שטילקייט, און ער וועט פון זיי גאָרניט פּאָטער ווערן.

באַם טויער איז ער שטיין געבליבן און פֿאַרוווּנדערט לאַנג נאָכגעקוקט נאָכן אוילעם.

פֿאַר די פערציק יאָר איז אים אויסגעקומען זען אלץ. דאָ, פלעגן די לעבעדיקע אָפּטרייסלען דעם שטויב פון אַלטעגלעכן; דאָ, פלעגן זיי ווערן קלענער, שטילער, פֿאַרטיפּטער; דאָ, פלעגן זיי שפּאַנען מיט א פּאָרכטיקן אָפּשיי פֿאַרן טויט, און זיי...

— טפו, צו מיינע סאָנימס קעפּ!— א כאַליאסטרע!— און א צעטומלטער, אן אופגערעגטער האָט ער בייז פארהאקט דעם טויער פון בייסוילעם.

# קוקורוזע

ביז האַלבער נאַכט האָבן דאָרע, מידע זאַנגען פֿאַרכאַלעשט געבעטלט אַ טוי, פֿאַרכאַלעשט געבעטלט באַם כמאַריקן הימל אַ שטורעם, אַ רעגן אָדער כאָטש אַ קיל ווינטעלע.

האַרט באַם האָריזאָנט האָט אַ בליץ די גאַנצע צייט אין איין אָרט געוווּנקען, נאָר אַזוי פֿאַראַקשנט און אַזוי גיך, גלייך עס שפּירט פֿון דאָרט אַ נייגעריק אויג און פֿינטלנדיק וויל עס זיך צוקוקן, וווּהין אַן ערעך שפּאַנט עס דער צווייטער באַטאַליאָן פֿון דער זיבעצנטער דיוויזיע.

ווי אַ טויט בעלמעוואַטע אויג פֿלעגט די לעוואָנע טיילמאָל אַ קוק טאָן פֿון אונטער אַ דינעם שיכט כמאַרעס, און ווידער — אַ כוישעך, ווידער אַ פֿאַרשטיקטע, נודנע היץ און אַ קלינגענדיקער אָפּהילך פֿון טריט אויף אַ צערעפּעטער, אויסגעטריקנטער, פֿאַרשמאַכטער ערד.

געגאַנגען איז מען שוין אַ לאַנגע צייט, געגאַנגען אייליק, שווייגנדיק, פֿאַרדעכטיקט אַרייַנגעקוקט אין די טראַנשייען, וואָס זיינען נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע, נייגעריק צוגעהערט זיך צום מינדסטן גערויש אין פֿעלד, און מיט אומרויִקע בליקן געפֿרעסן דעם כוישעך.

אַלעמען האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט באַגעגנט מען די אויסשפּירער און ס׳וועט שוין קלאָר ווערן, ווו דער סוינע געפֿינט זיך. נאָר ביז האַלבער נאַכט איז קיינער נית צוריק געקומען פֿונעם ערשטן צענדליק אויסשפּירער, קיינער איז נית געקומען פֿונעם צווייטן צענדליק אויסשפּירער, און גיי ווייס, צי דער אָפּיצירישער אָטריאַד קאָרנילאָווצעס איז אָפּגעטראָטן צו סטאַנציע פּאָלאָגי, צי ער לויערט באַ צאַרעקאָנסטאַנטינאָווקע, צי ער שפּאַנט אַהער?

פּעסט האָט מען נאָר געוווּסט, אַז וואַנגלען איז געלונגען דורכצורייסן זיך צו סטאַנציע סינעלניקאָווע, און ביז באַגינען מוז מען אים פֿאַרגיין אין טיל.

יעדער „מע מוז" איז פֿאַר די אַרמייער געווען ניט קיין באַפֿעל, נאָר אַ זיכערער אָנזאָג אַף דו; יעדן נייעם אָנגרייף פֿלעגן זיי אופֿנעמען ווי אַ בסורע, אַז גאָר־גאָר אינגיכן וועט מען פֿאָטער ווערן פֿון אַלע סאָנים און — אהיים, צום ווייבל, צום קינד, צום באַלעבאַטישקייט.

די לעצטע פֿאַר כאַדאָשים איז דער באַטאַליאָן ניט אַרויס פֿון שלאַכט, טאָג אַף טאָג — אָן אָנגרייף, אַ צוזאַמענשטויס, אַן אַטאַקע, און אַלע זיינען שוין געווען מיד, צעבראָכן און פֿאַרלייזיקט.

ווי באַלד אָבער „מע מוז" — וועט מען גיין אין פֿייער, ווי נאָר עס וועט באַפֿוילן אָט דער בייטעריקער דראָנג מיטן געפֿאַלבטן ענערגישן פּאָנים און מיט די פֿאַרטראַכטע צווייפֿארביקע אויגן, — אָט דער סוטו־לער טרוקענער דראָנג, וואָס האָט אמאָל געטראָגן א צונעמעניש „יאַנקל די שקאַפֿע" און איצט הייסט ער קאָמאַנדיר שולמאַן.

ער אָבער, יאַנקל שולמאַן, איז א פֿאַרטרויערטער געזעסן אַפֿן פֿערדל, נאָר געזעסן איז ער אַזוי מאָדנע געהויקערט, פּונקט ווי ער פֿלעגט פֿריער זיצן אַפֿן שוסטער־בענקעלע באַם וואַרסטעט.

אין די רייען האָט מען שטיל געפּלאַפּלט, אָפּט געווענדט זיך צו אים מיט א כאָכמעלע, נאָר אַ שטומער, אַ געכמורעטער איז שולמאַן געפֿאָרן פֿאָרויס פֿון באַטאַליאָן, פֿון אופֿרעגונג ווי אַלעמאָל געביסן די אויבערשטע ליפּ און אַלץ ניט געקאָנט זיך מויכל זיין, פֿאַרוואָס ער איז דאָס מאָל געווען אַזוי נאָכגעביק און איינגעשטימט איבערוואַנדערן מיט זיין באַ־טאַליאָן גראָד אַהער, אין דעם ראַיאָן, ווו יעדער דאָרף איז א מאַכנאָ־ווישע נעסט, און ווו פֿיל, פֿיל פּויערים געדענקען נאָך די צייט, ווען ער, יאַנקל שולמאַן, איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון מאַכנאָווישן אָטריאַד און אָפּערירט טאָקע דאָ אין דעמזעלביקן ראַיאָן.

די זיכרוינעס פֿון זיין אַנאַרכיסטישער פֿאַרגאַנגענהייט, דער געדאַנק, אַז די בעסטע צוואַנציק אַרמייער, וואָס זיינען אַוועק אין דער אויס־שפּירונג, אָט די צוואַנציק אַרמייער זיינען באַשטימט אַריינגעפֿאַלן אין געפֿענקעניש, און אַף די ווייסע וועט מען זיך סאָפּקאָלסאָף אָנשטויסן נאָר אומדערוואַרטעט, — דאָס אַלץ האָט אים פֿאַרביטערט, געפּרעסט און געשראָקן.

קיין פּאַכדן איז שולמאַן קיינמאָל ניט געווען, נאָר יעדע אומפֿאַר־שטענדלעכע געשעעניש, יעדע אומקלאָרע מיליטערישע אָפּעראַציע,

פלעגט אים שרעקן, בינדן זיין דרייסט, זיין איניציאַטיוו און זיין ענערגיע.

טייַלמאַל פלעגן אים באַפאַלן שווערע שטימונגען. באַפאַלן פלוצלינג און אָן אַ שום סיבה. אין אַזוינע מאָמענטן פלעגט ער ווערן שרעקעוודיק ווי א קינד, צעבלאָזן יעדער קלייניקייט, מיט אַ דאַרשטיקן פאַרגעניגן שפּינען פינצטערע געדאַנקען און קוויקן זיך דערמיט.

מער פון אלע האט אים איצט געשראָקן דאס אומדערוואַרטעטע. פון די אויסשפּירער קומט ניט אָן קיין ידיעה. די פעלד־טעלעפאָניסטן שווייגן. גראָד איצט איז גענוג, אַז די ווייסע זאָלן מאַכן איין געלונגענעם פלוצלינגן אַנפאַל, און זיינע אַרמייער וועלן ווידער ווערן צעטומלט, בייז און ניט געהאָרכזאַם, ווי באַ אַלע פלוצלינגע אָנפאַלן.

באַזונדער איז דאָס סאַקאָנעדיק איצט, איצט, ווען דער באַטאַליאָן איז שוין עטלעכע באַדאָשים ניט אַרויס פון פייער, יעדער טאָג א נייער „מע מוז". דערצו נאָך זיינען אַלע ארמייער מיד און הונגעריק, באָרוועס און פאַרלייזיקט. גראָד באַ דער איצטיקער שטימונג פון די אַרמייער איז גאָרניט געוווּנשן קיין פלוצלינגער אָנפאַל.

אַ פאַרביטערטער איז שולמאַן געזעסן אַפן פערדל. טייַלמאַל נייגעריק צוגעהערט זיך צום זאַנגען־געפליסטער און אַלץ געטראַכט, אַז דער אנגרייף וועט געוויס ניט געלינגען.

פאַר וואָס, פאַר ווען, וועט דער אנגרייף ניט געלינגען,—אַף דעם וואָלט שולמאַן ניט געקאָנט ענטפערן, אַזוי פילט ער, אַזוי זאָגט אים דאס האַרץ, און דאָס איז שוין גענוג.

קוקנדיק אַף שולמאַנען, וואָלט מען קיינמאָל ניט געקאָנט כוישעד זיין, אַז אין דעם טרוקענעם דראָנג ליגט א בערישע קראַפט.

אויסערלעך — אַ לאַנגע, אָפגעפאַרענע שקאַפּע פון הויט און ביין, נאָר אין סאַקאָנעדיקע מאָמענטן און באַזונדערס פאַר יעדער אַטאַקע, פלעגט די גרוילעכע בלוי פון זיינע אויגן באַקומען א קאַלטן שטאָלענעם אָפּגלאַנץ, און זיין גאַנצע בייניקע פיגור פלעגט ווערן ווי אָנגעקוואָלן מיט בערישער קראַפט, אָנגעקוואָלן מיט אַ פאַרגליווערטער אַקשאָנעס און מיט בלינדער דרייסט.

נאָר דאַפקע אָט דער שולמאַן איז פאַר דער לעצטער צייט באַהערשט געוואָרן פון א מעשונעדיקן פאָרגעפיל, און אַקשאָנעסדיק געגלויבט, אַז

אויב אין אָנפאַנגס וועג באגעגנט ער ניט קיין פעלדער קוקורוזע, — וועט דער אנגרייף ניט געלינגען.

גראָד איצט שפּאַנט מען שוין א היפשע פּאָר שאָ, און ווי אַפּצעלאָ־כעס, אומעטום צעטראָטענע ווייצן, האָבער, נאָר ערגעץ ניט קיין קוקורוזע.

טיילמאָל גיט אַ בלאָז א הייס ווינטעלע, צעוויגן זיך די זאַנגען מיט א מידן פאַרכאלעשטן געפליסטער. פונקט מיטן זעלבן געפליסטער ווי אין יענער ערשטער נאַכט, ווען ער, שולמאַן, איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער אַף אָדעסער מאָלדאַוואַנקע, געכאַפּט דעם ביקס, א קוש גע־טאָן די קינדער און פאַרזיכערט דעם ווייב, אז אין א פּאָר טעג ארום קערט ער זיך אום. נאָר וויפל וואָכן און כאַדאָשים איז שוין אריבער? . .

לויט זיין כעשבן איז אויסגעקומען מער ווי צוויי יאָר, נאָר בענקען בענקט זיך פונקט ווי אין די ערשטע טעג, ווען ער איז אָפּגעטראָטן פון אָדעס מיטן אָטריאַד אַרבעטער פון זיין פאַבריק.

דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען. און פון יענעם אָטריאַד איז נאָר פאַרבליבן טשיזשיקאָוו, כאָלאָדענקע, אַוורעמעלע און גורעוויטש. צי לעבט כאָטש דאס ווייב, צי לעבן די קינדער? . .

האַרט צו שולמאַנען איז צוגעפאָרן דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ראָטע טשיזשיקאָוו און מיט דער האנט אף עפּעס אָנגעוויזן אין פעלד.

שולמאַן האט אָפּגעשטעלט דאס פערד, צוגעבויגן זיך צו זיין האלדז און שאַרפער אָנגעהויבן פאָרשן דעם כוישעך.

דער באטאַליאָן איז אויך געבליבן שטיין.

— עפּעס באַמערקט? —

— וואס פּאָכעט עס, מאַמעש ווי מיט הענט. א גערויש הערט איר?

— וואס? אַ גערויש! — האט דער הויקערדיקער אַוורעמעלע צעטומלט איבערגעפרעגט באַ שולמאַנען — א גערויש? אנו, לאָזט נאָר מיך, איך האב א געהער פון א גאַנעוו. — און ער איז צוגעפאלן מיטן אויער צו דער ערד.

— נו? — האט אים שולמאַן סוידעסדיק א פרעג געטאָן.

— אַז מע גראַגערט ווי די געגנדז. גורעוויטש, כאָלאָדענקע, איר וועט שטום ווערן, צי ניין? יא, א גערויש און, דאַכט זיך, טריט, שטילע, געניייווישע, נאָר טריט.

איבער די רייען איז טייקעף אַװעקגעשװוּמען אַן אומרוּיִקע ידיעה, אַז דאָס גאַנװענען זיך די װייסע, און באַלד װעט מען אַפּאַנים אַרומרינגלען פון אַלע זייטן.

— װאָס דען! — האָט גריצענקע אַנגעהױבן טאַינען — פון אַזױנע קאָמאַנדירן קאָן מען דען דערװאַרטן עפּעס אַנדערש?

— כ'לעבן — איז עמעצער בייז געװאָרן אַף גריצענקען — עפּשער װאָלסטו אָפּגעשטעלט דיין גראַמאָפּאָן און אופגעהערט צו קאַרקען!

— װאָס זשע, עפּשער ניט עמעס? האַרמאַטן־פליישׁ זיינען מיר געװען באַם אַלטן רעזשים, האַרמאַטן־פליישׁ זיינען מיר אויך איצט.

6948

שולמאַן האָט ראַש אויסגעקערעװעט דאָס פערד, אַ געשריי געטאָן — טשיזשיקאָװ זאָל אויספאַרשן װאָס אין סטעפּ פּאַסעט. און אַליין איז ער צוגעפאָרן צו די פאָדערשטע רייען און פונעם פערד אַראָפּגעבויגן זיך צו גריצענקען:

— קיין מאַכנאָװשטשינע זאָלסטו מיר דאָ ניט צעפירן, הער־װסט?

פונעם טאָן, פונעם בליק איז גריצענקע טייקעף פאַרשטומט געװאָרן, און דערפילט, אַז אויב ער װעט ניט פאַרבאָרגן זיין סינע צו שולמאַנען, װעט דער סאָף זיין אַ ביטערער.

— און דער טייװל װייסט אים — האָט זיך עמעצער פאַרכידעשט אַף גריצענקען. — צי אַ נאַטור אַזאַ, צי באַם געבוירן האָט מען אים ניט גוט פאַרבונדן דעם נאָפּל, נאָר שטענדיק בורטשעט ער. דאָ קריכן די װייסע, מע דאַרף סאָלידאַרקייט דאַרף מען און ער בורטשעט װי אַ שטיפמוטער.

אויסערלעך פלעגט שולמאַן קיינמאָל ניט אַרויסװייזן, אַז ער אינטערעסירט זיך, װאָס צװישן די אַרמייער קומט פאָר. באַ זייערע קרייזלעך פלעגט ער זיך ניט אָפּשטעלן, צו די געשפּרעכן קלוימערשט קיינמאָל זיך ניט צוגעהערט, און מע װאָלט געקאָנט מיינען, אַז ער װייסט ניט די שטימונג פון די אַרמייער. שולמאַן איז אָבער געװען פון די, װאָס הערן מיטן אויג.

אַ מינע, אַ בליק, אַ צופעליק װאָרט אָדער פון גאָרניט קיין װיכטיקן טאַט פלעגט ער זיך אויסבילדן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, װאָס אין באַטאַליאָן קומט פאָר, און גענוי געװוּסט מיט װאָס יעדער אַרמייער אָטעמט, אַף װאָס ער איז פעיק און װי אַזוי מע דאַרף אים אויסנוצן.

אומפארשטענדלעך און פארדעכטיק איז פאר אים געווען נאר איין גריצענקע. צווישן די ארמייער — א פרעמדער, שטענדיק פארביטערט, אָנגעבלאזן און אומצופרידן מיט אלץ און מיט אלעמען.

די ניצכוינעס פלעגן אים ניט שטארק פרייען, די מאפּאָלעס ניט שטארק באטריבן. אין שלאכט, צי אף רו, ער, גריצענקע, פּיפּקעט שטענדיק גראָבע ציגארן מאכארקע און כמורעט דעם געשראָמטן נידעריקן שטערן.

וואָסערע געדאנקען לעסטיקן זיין מויעך, דאס איז געווען שווער צו וויסן. שטענדיק א מוטנער, אָנגעשטרענגטער בליק, שטענדיק רויט דער שראם אפן שטערן און עס פלעגט זיך דאכטן, אז א לאנגע שורע בלוטיקע געדאנקען איז ארויסגעטראָטן אף זיין שטערן.

אין באטאליאָן איז ער שוין געווען א פּאָר כאָדאָשים, נאר אף אלע אנפראגן ווער איז ער, פון וואנען, פלעגט גריצענקע טיפער אָנרוקן דאס היטל אריבער די אויגן און טאמעוואטע ענטפערן:

— א פראָלעטאריער פון אלע לענדער.

נאר די שראמען אפן האלדז, אפן שטערן און אף די הענט, זיי האבן געצייגט, אז גריצענקע איז שוין א באשאָסענער, נאָר ווו איז ער געווען? — בא די רויטע פּאַרטיזאנער, בא פּעטליורען, בא מאכנאָען, צי סטאם א באנדיט?

איין - איינציקס מאל איז ער א שיקערער געקומען אין באטאליאָן, אוועקגעזעצט זיך אף דר'ערד, געוויינט, געקריצט מיט די ציין און, רייסנדיק די אייגענע האָר, געשריגן, אז דער גאנצער באטאליאָן איז א זשידאווסקער.

פון דעמדאָזיקן פאל איז שולמאנען קלאָר געוואָרן, אז פון גריצענקען דארף מען פּאָטער ווערן, נאר פון מאל צו מאל אלץ אָפּגעלייגט און געהאָפט, אז ער וועט זיך עפּשער ענדערן. איצט אבער, איצט דארף מען מאכן א סאָף.

צום באטאליאָן איז צוגעפארן טשיזשיקאָוו און געמאָלדן, אז דער געהיימער סוינע, וואס פּאָכעט, איז גאָר אומשולדיקע קוקורוזע.

— קוקורוזע? — האט זיך שולמאן דערפרייט מיט דער ידיעה. — נו, ווי באלד קוקורוזע, איז אויסגעצייכנט. גריצענקע! די ביקס גיב אָפּ דעם קאָמאנדיר פון דיין אָפּטייל און גיי אין אבאָז, דארט איז דיין אָרט. נאר איינס און צוויי. פארטיק? שא - גאָם מאר - רש.

ווידער א שווער געסאַפּעריי, א שטיל געמורמל און א געפלאָנטערטער ריטם פון טריט.

ערגעץ ווייט־ווייט האט עמעצער צעשאָסן די נאכטיקע שטילקייט און די קוילן פינקלען אין כוישעך, ווי צענדליקער גאָלדענע בינען וואלטן ארויסגעפלויגן פון א ווייטן, שווארצן בינשטאָק.

פונעם געשיסעריי איז אלעמען קלאָר געוואָרן, אז די אויסשפּירער האבן זיך אָנגעשטויסן אדער אפן סוינעס וואַך־פּאסט, אדער אַף זיינע אויסשפירער, און מע דאַרף גיין אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס פינקלען די קוילן. נאר איידער שולמאן האט נאך באַוויזן צונויפרעדן זיך מיט די ראָטנע־קאָמאנדירן אף וואס פאר א וועג מע זאָל שפּאנען, האט א פראָזשעקטער א פליוך געטאָן אין פאנים מיט א ווייסער, טויטער ליכטיקייט, אָנגעהויבן לויזן דעם כוישעך און אנטפּלעקט א ברייטן סטעפּ מיט סטויגן שטרוי, א סטעפּ ווי מיט בראָדעוועס באזעצט, איינזאַמע ווינטמילן ווי געקרייצטע מיט צעשפּרייטע הענט, און אַף די נאענטע באשטאנעס — טשוטשעלעס אין היטלען.

דער באטאליאָן האט זיך איילינק צעטיילט אף צוויי אָטריאַדן און מיט צעשאָטענע רייען אַוועק איבער פארשיידענע וועגן: טשיזשיקאָוו — אין שפּיץ פון רעכטן פלאַנג, יאַנקל שולמאַן — אין שפּיץ פון לינקן.

א לאנגע צייט איז מען רייענווייז אלץ איבערגעלאָפן פון אָרט צו אָרט, געגאַנוועט זיך אין די טוועס, געקראָכן אף אלע פיר, און געשפּילט מיטן פראָזשעקטער אין באַהאלטעניש. נאר איבער די קעפּ איז פלוצלינג דורכגעפלויגן אן ארטילירישער סנאריאַד, און דער סטעפּ איז פול געוואָרן מיט שיין, מיט פייער און מיט גרויל.

יעדער סנאריאַד פליט דורך מיט א דראָענדיקן קלאָקעט, זידט אוף די לופט, וואלגערט די צעכוואליעטע טוועס און שפּרינגט אָפּ פון דער ערד מיט זיילן שטויב און פייער.

הינטן — ברענען אָנגעצונדענע סטויגן שטרוי, פון פאָרנט — דער פּראָזשעקטער. זיין לאנגער שיינענדיקער בעזעם פּויזעט פאַראקשנט איבערן סטעפּ, און וויל אלץ אָנטאפן, מיט וועלכע וועגן שפּאנען די צוויי אָטריאַדן. נאָר רייען גאנוועָנען זיך צווישן טוועס, פאלן אָפּט קוירים, קריכן אף אלע פיר און פירן פאַרן נאָז דעם סוינעס ארטילעריע.

ווי נאָר דער אָטריאַד פֿלעגט אַרופֿלױפֿן אַף א קוקורוזן פֿעלד, פֿלעגט שולמאַן ווערן אופגעלייגט, און פֿריילעך וואָרענען:

— כעוורע! פיק איז קאָזער, און ניט געזאָרגט זיך.

מיט א גרויזאַמען געהויל איז א סנאַריאַד דורכגעפֿלויגן גאָר נידעריק איבער די קעפּ און געפֿאַלן ערגעץ נעבן די רייען.

— אוורעמעלע! — האָט עמעץ א געשריי געטאָן — פֿאַרגראָב דעם הויקער, א סנאַריאַד קאָן זיך נאָך פֿאַרטשעפּען פֿאַר דיין בארג סינאַי און אָפשטשערבען דעם שפּיץ.

דאָס קליין געהויקערט נעפּעשל האָט זיך אופגעשטעלט, באַקוקט ווי ווייט פֿון די רייען פֿאַלן די סנאַריאַדן, און זאָרגלאָז א פֿייף געטאָן:

— די ווייסע וועלן נעבעך ווידער מוזן זיך מאַטריען זיין און א קוש טאָן אונדז אין יענעם אָרט, ווו די יידן האָבן געהאַט א דניאָוועקע, גייענדיק פֿון מיצראַיעם. געזען כאַטש ווי פֿינקטלעך עס פֿאַלן זייערע גאָמעלקעס? אַזאַ מאַזל אַפֿן טאַטן.

און ווידער אַ איבערלויף פֿון אָרט צו אָרט, א געפּראַל קוירים, אָדער א געקריכערײַ אַף אַלע פיר.

II

באַגינען איז די אַרטילעריע פֿאַרשטומט געוואָרן.

ביידע פֿלאַנגען זיינען שוין דערגאַנגען גאָר נאָענט צום דאָרף, און וואַרטנדיק אַף די יעדיעס פֿון די אויסשפּירער, האָט מען זיך נייגעריק צוגעהערט צום פֿאַרדעכטיקן שיסערײַ, וואָס ברעכט אויס פֿון מאָל צו מאָל אין פֿאַרשיידענע עקן דאָרף.

אין צעשאָטענע רייען זיינען די אַרמייער געלעגן מידע, פֿאַרשטויבטע, אָפּגעצערטע, געכראָמטשעט אָקאָרשט-אויסגעריסענע גרינע אוגערקעס און געפּלאַפּלט, אַז אין דאָרף אָפּערירט מיסטאַם א פּאַרטיזאַניש אָטריאַדל, ער באַשיסט עס די ווייסע און מע וואַלט באַדאַרפט טייקעף אָנהייבן די אַטאַקע.

אין טאָל, אונטער א געדיכטן טויאַיק-ווייסן נעפּל, איז דאָס דאָרף געלעגן ווי א באַשנייטע. און ווי נאָר די שיסערײַ הערט אויף, דערשוימט פֿון דאָרף א הילכיקער קוקערעקו פֿון טויזנטער הענער.

אַף אַלע פיר איז אוורעמעלע צוגעקראָכן צום דרעמלדיקן גורעוויטשן און ווי א יונג הענדל א קריי געטאָן אים אין אויער.

— הויקער! — האט שולמאַן א שטורכע געטאָן אַוורעמעלען מיט דער פוס, — וועסט עפשער איינעמען א פאָרציע שטומעניש, צי דו ווילסט זיך באַקענען מיט א ביקסן־קאָלבע?

האלטנדיק מיט איין האנט די ביקס, איז דאס הויקערל געבליבן שטיין אף די קני, מעשונעדיק פארקרימט דעם באַוואַקסענעם מאלפישן פּאָנים און מיט דער צווייטער האנט געוויזן שולמאנען א נאָז:

— געֶנוג פון מיר, וואס איך קען דיך פאר א קאָמאנדיר.

— דעם טאטן דיינעם דעם שיקער שטייט ניט אָן דער קאָוועד? — לאַ־טוטניק!

— וואס זשע? געדאַרפט טאקע מאכן א רעוואָליוציע, שאַפן אן ארמיי, און האבן פאר א קאָמאנדיר אזא אָפגעפּאָרענע שקאַפּע ווי דו. פאַר־טאַטש! ס'איז דאָך א ביזאָיען פארן סוינע.

— ניש־קאָ־שע — האט זיך גורעוויטש שטאָלץ צעשמייכלט און אָנגע־הויבן איבערוויקלען די שטויביקע קראַיקעס פון די פיס, — די ווייסע וואלטן פאר זיין פעלכל באַצאָלט א שיינע פרייז.

— פאַר זיין פעל? — כאַי קאַק סערעבראָם מיט א הארטן האלדז און גאַקן צוגאָב. געזען? אזא ציאַ־צע!

טייל ארמייער האבן זיך נייגעריק צוגעהערט צום אומפאַרשטענדלעכן געשפּרעך, און גוטמוטיק איבערגעקרימט די יידישע ווערטער. ער אָבער, גריצענקע, איז געוואָרן אָנגעצונדן און אָנגעהויבן בורטשען:

— האַרר־האַרר, האַרר־האַרר, און גיי פאַרשטיי וועגן וואס זיי פלאַפּ־לען אַף זייער שפּראַך.

שמייכלען פלעגט שולמאן קינדעריש, פארשעמט, און נאר מיט די מויל־ווינקלען. איצט אָבער איז א צופרידן ליכטיק שמייכעלע צעשווי־מען איבערן גאנצן פּאָנים, און מיטאמאל איז אים קלאָר געווארן, אַז גריצענקעס פרעמדקייט צווישן די ארמייער, זיין גלייכגילטיקייט צו די ניצכוינעס און מאפּאָלעס פונעם באַטאַליאָן און זיין גאַנץ פאַרביטערט־קייט, — דאס אלץ שטאמט נאר פון דעם, וואס ער געפינט זיך אין אזא באטאליאָן, ווו עס זיינען פאַראן אסאך יידן, און ער, גריצענקע, קאָן זיי ניט אנקוקן. ער גלויבט זיי ניט, און טרויט זיי ניט.

דאָ ליגט דער סאָד פון זיין גאנצער פארביטערטקייט. ווען מע פירט אים אָבער איבער אין אזא באטאליאָן, ווו קיין יידישע ארמייער זיינען ניטאָ, און ווו דער קאָמאַנדיר איז אויך ניט קיין ייד, דאָרטן וואלט דאָך דערזעלבער גריצענקע געווען א דרייסטער טרייער ארמייער, פונקט ווי אלע אנדערע.

מיטן געדאַנק האט שולמאַן פאַרשטאַנען די סיבעס פון זיין סינע. דוירעסלאנג איז די סינע איינגעפלאנצט געוואָרן אין מיליאָנען פינצ־טערע מויכעס, און ביז זי וועט זיך אויסוועפן, וועט נאָך דורכגיין אַ היפּש ביסל יאָרן. א היפּש שטיקל צייט וועלן נאָך די גריצענקעס אומגיין מיט בעלמעס אַף די אויגן, און ס׳איז אייגנטלעך א גרויס ראַכ־מאָנעס אַף אַזוינע פארסאמטע אומשולדיקע נעשאָמעס, וואס קאָנען נאָך ניט ארויסשפּרונגען פון דער אייגענער הויט.

טראַכטנדיק וועגן גריצענקען, האט אָבער שולמאן דערפילט, אז אין געדאַנק באַדויערט ער אים, נאָר טיף אין אייגענעם האַרץ לויערט שוין פונלאַנג א פאַרבאָרגענע סינע צו גריצענקען, אבער ניט צו גריצענקען דעם שלעכטן אַרמייער, נאָר א סינע צו גריצענקען, וואס האַסט שול־מאַנען אלס יידן.

אַן אומצופרידענער, וואס אין זיך אַליין האט שולמאן אַנדעקט פונקט דיזעלבע קליינלעכקייט, פונקט דעמזעלבן פלעק, וואס אין גריצענ־קען — האט ער אָנגעברויזט די אויסגעקראָכענע ווייסע ברעמען, אַוועק־געשפּאַנט הין און צוריק, און אלץ געטראַכט, צי די סינע זיינע צו גריצענקען איז א באַרעכטיקטע, צי ניין; צי דאַרף א קאָמוניסט אַזוי באַציען זיך צו א פאַרפינצטערטן אנטיסעמיט, צי אין זיין סינע צו גרי־צענקען שרייט פון אים ארויס דער אלטער באַליידיקטער ייד?

פון דאָרף איז פּלוצלינג דערשווימען א הילפלאָזן געשריי פון עטלעכע פרויען:

— קאַ־ראַ־אול, ראַ־טע־וועט, ראַ־טע־וועט!

אף זייער געשריי האבן זיך טייקעף אָפּגערופן צוויי קוילנוואַרפער און מיט א דאָפּלטער עכאָ געמאָלדן דער ראָזלעך־רויכיקער ווייטקייט, אז זיי, די פרויען, זיי וועלן שוין מער ניט שרייען. נאָר פון די פאַר־שטומטע גוואלד־געשרייען זיינען די פּענימער בא די אַרמייער געוואָרן גרין און פאַרביטערט:

— נו, אין זייער פראַנצעוואַטן גאָט אַריין! — האט כאַלאדענקע א קריץ געטאָן מיט די ציין און קאַעסנדיק א שליידער געטאָן דאָס היטל, — סאַידן זיי וועלן זיך ניט פאקן צו מיר אין די הענט. שטיקער וועל איך רייסן, שטי־קער!

זיין גוטמוטיק שמייכעלע, זיינע פריילעכע פלוטעוואטע אויגן האבן לאַכלוטן ניט געשטימט מיט דער בייזער דאָרשט נאָך נעקאָמע, וואָס פלעגט אים אָפט באַהערשן און צעוועקן אין אים אַ פאַרלאַנג אומצו־ברענגען אַלע, וואס לעבן ניט פון אייגענער מי; ניט שוינען די מענער, ניט שוינען די קינדער, און אַף יעדער אויסגעפוצטער, אויסגעקעכלטער פרוי אָנשיקן א גאנצע ראָטע אַרמייער און זאָלן זיי שענדן און זאָלן זיי פייניקן.

געוווסט האט ער, אז זיינע טירישע פאַרלאנגען וועט ער קיינמאָל ניט בעקויען זיין צו פאַרווירקלעכן. אָט דער הויכער כאַלאָדענקע, מיטן פאריסענעם רויטן פיצל נעזל און ברייטן פליישיקן מויל, וואס האט שוין א יאָר פינף ניט אַראָפּגענומען די ביקס פון אַקסל — אָט דערזעלבער כאַלאָדענקע פלעגט ניט קאָנען פאַרטראָגן קיין בלוט און קיין טויטע. פוןביידן פלעגט אים קערן ברעכן, און קיינעם וואלט ער ניט געקאָנט שענדן און קיינעם וואָלט ער ניט געקאָנט צעשיסן אויסער אין אָפענעם שלאכט, נאָר שטענדיק געטרוימט, געגאַרט, געפלאפלט וועגן דעם און געהאָפט, אז אמאל וועט עס אומבאדינגט געשעען.

פארטרייבן די ווייסע פון צענדליקער ראיאָנען, באַפעסטיקן די ראַטנ־מאַכט, אָפּהאַלטן איבערן סוינע די גרעסטע ניצחונעס — דאס אַלץ איז פאר כאַלאָדענקען געווען נאָר אן אָנהויב, נאָר א זיכערער אנזאג אַף יענעם טאג, ווען צום יאם וועט מען צודריקן אלע ווייסע, אלע וואס לעבן ניט פון אייגענער מי, און אומברענגען ביזן לעצטן, עס זאל ניט בלייבן קיין איינער, וואס קאָן שטערן אופצובויען דאָס נייע לעבן.

— קאָ־מו־ניסט — האט זיך שולמאן אויסגעדרייט צו אים מיטן בײ־גאָקל אף די אויגן — גייסט נעקאָמע נעמען, צי דו גייסט צערעכענען זיך מיט א גאנצער וועלט פאר דער „קספלאטאציע”?

פון שולמאנס ווערטער איז כאַלאָדענקע נאָך מער פארביטערט גע־וואָרן, שטום אנגעבויגן זיך נאכן היטל און ביז אָפּגעשלאָגן דעם שטויב זיינעם אָן דער צעשפרייטער דלאָניע.

אין געדאַנק איז ער איינגאַנצן מאַסקים געווען מיט שולמאַנען; מאַס־קים געווען, אז די נעקאָמע־געפילן טאר מען ניט איינפלעכטן אינעם כעשבן מיטן דווירעסדיקן סוינע, נאר ווי אזוי באצווינגט מען דאס צע־רייצטע הארץ, ווי אזוי באפעלט מען דעם, עס זאָל ניט גאַרן קיין נעקאָמע פאַרן דאָלעס, פאר דער קנעכטשאפט, פארן פינצטערן לעבן פון אזוי פיל מיליאָנען? און אלס בייזער, אומבאהאָלפענער פראָטעסט קעגן דעם ווידערשפרוך צווישן זיינע געפילן אלס מענטש, און זיינע פליכטן אלס קאָמוניסט און ארמייער, האט ער ווידער ביין א שליידער געטאָן דאס היטל.

מיט א לאנגער סטענגע פאַטראָנעס אפן האנט איז גריצענקע גע־שטאַנען איינגעבויגן איבער א קוילנווארפער און גאַליק איבערגעקרימט שולמאנס ווערטער:

— ספלאָ־טאַ־ציע, שמאַ־טאַ־ציע, אַלץ איז באַ זיי מיט דריידלעך.

ווער זיינען עס די „זיי”, צי שולמאַנס די קאָמוניסטן, צי שולמאַנס די יידן? — דאָס איז שווער געווען צו וויסן, און איבערפרעגן ווען מיינט ער — דאָס איז שולמאַן ניט געווען געשטימט. זאָל ער פלאַפלען.

גריצענקע איז אבער געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן קוילנוואַרפער, עמעצן באַשולדיקט אין פאַראַט, געשאָלטן און געדראָט. נאָר דערפילנדיק, אַז שולמאַן קוקט אף אים מיט יענעם צוניפגעזשמורעטן שטאָלענעם בליק, מיט וועלכן ער פלעגט זיך דער ערשטער לאָזן אין אַטאקע און שיסן אַף רעכטס און לינקס, — האָט זיך גריצענקע האָזעדיק אופגעשטעלט און מיט א גרינער סינע אין די גרויע קעצישע אויגן אַזוי פאַרניכטנדיק אַ קוק געטאָן אף שולמאַנען, פונקט ווי ער וואָלט געקוקט אף א נידער־טרעכטיקן פאַרעטער, וואָס פאַרטיידיקט די ווייסע און צוימט כאלאָדנע־קעס צאָרן, ער זאָל זיך ניט דערוועגן נעמען קיין נעקאָמע פאר די צעשאָסענע פרויען:

— עפשער וועסטו באַפוילן קוקן זיי אין די ציין? „טאר־נאַ־צאַ־נאָל!..

פון גריצענקעס בליק, פונעם גיפטיקן שטעכווערטעלע „טאַרנאַצאַנאַל” איז שולמאַנען קלאָר געוואָרן, אַז ער איז זיך טויע, גריצענקעס סינע איז אַסאַך טיפער, ווי ער שטעלט זיך פאָר. אַלע זיינע געדאנקען אַרבעטן אין איין ריכטונג, אלץ זעט ער אין איין פאַרב, און ווען מע פירט אים

אַפילע איבער אין א צווייטן באַטאַליאָן, וועט פון אים קיין אַרמייער מעמיילע ניט זיין.

אַף אַ קליין דאָרפיש פערדל איז צוגעפאָרן טשיזשיקאָוו און מיטגע־בראַכט א באַיאָרנטן באָרוועסן פויער. טייל אַרמייער האָבן אים פריידיק אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן צעפרעגן זיך וואָס אין דאָרף קומט פאָר.

פון זיינע יעדיעס איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָרנילאָווצעס זיינען אָפּגעטראָטן, אין דאָרף איז פארבליבן אַ קליינער אַריערגאַרד, און גרופּ־קעס פויערים און באַנאַרבעטער באַשיסן דעם אַריערגאַרד אין פאַרשיי־דענע עקן דאָרף.

ווי אַ גרויסע, רונדע באָמבע איז פון האָריזאָנט אַרויסגעקראָכן א רויטע זון און מיט זילבערנע פונקען אָנגעצונדן די טויאיקע גראָזן.

גלעטנדיק מיטן האַנט דעם פערדס קרופּ, איז שולמאַן געשטאַנען אַ פאַרטיפטער, מיט די ציין געביסן די אויבערשטע ליפּ, געקוקט ווי דאָס דערפל שיילט זיך אויס פון טויאיקן נעפל, און אין געדאַנק געבויט דעם פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכן די אטאַקע. דערנעבן איז געשטאַנען דער באָר־וועסער פויער און ליבלעך און פריידיק געקוקט אַף שולמאַנס גרויס־ביייניקער פיגור, אַף זיין געשנירלטן אָנגעשטרענגטן שטערן, און אַפן קאַלטן פאַרגליווערטן בליק, וואָס אָטעמט מיט אַקשאָנעס, מיט בערישער קראַפט און מיט זיכערקייט אין ניצאָכן.

— האַנט־גראַנאַטעס, טשיזשיקאָוו, האָסטו? קוילן איז פאַראַן גענוג?

— גענוג.

צייכענענדיק מיטן פינגער אַפן פערדס קרופּ דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער אַטאַקע, האט שולמאַן אָנגעוויזן ווי אַזוי און ווען, ער, טשי־זשיקאָוו, דאַרף אָנפאַלן, און הילכיק אַ פאַטש געטאָן דעם פערד איבערן קרופּ:

— אין אַ־טאַ־קע!

דעם פערדל איז דער באַפעל אפּאָנים ניט געפעלן געוואָרן, און אַרויס־בריקעווענדיק א הויכן זיי־געזונט, איז עס אַוועקגעלאָפן, דרייענדיק אומ־צופרידן מיטן קאָפּ.

ערנסטע, אופגערעגטע זיינען די אַרמייער אופגעשפרונגען, איילים איבערגעלאָדן די ביקסן, אונטערגעצויגן די גאַרטלען און מיט א ברו־מיקן אוראַ אַריינגעריסן זיך אין דאָרף.

אַ פּערטל דאָרף איז טשיזשיקאָווס אָטריאַד דורכגעגאַנגען רויק און אָנגעשטויסן זיך נאָר אַף א פאַרשפּעטיקטן אינגויש מיט אַ גראַמאָפאָן־טרובע אין האַנט, און אַף אַ ווייסגוואַרדייאישן סאָלדאַט אין א פליושענער דאַמען־קאָפּטע מיט א סאַמאָוואַר אַפן פּלייצע.

ווי נאָר דער אָטריאַד איז דערגאַנגען צום שטיינערנעם קלויסטערשן פּלויט, איז פון אַ הויף אַרויסגעלאָפן אַ פויערטע און סוידעסדיק געמאָלדן, אַז אין צווייטן עק קלויסטערשן פּלויט לויערן אָפיצירן.

לענג־אויס דעם שטיינערנעם פּלויט, האָבן זיך די אַרמייער געבויגענע געלאָזט איינס נאָכן צווייטן, פּלוצלינג איבערגעשפּרונגען, און די צוויי יונגע צעטומלטע אָפיצירן האָבן נאָר באַוויזן אויסקערעווען די קוילנ־וואַרפער, צעשיסן די שטילקייט מיט לאַנגע צוויי זאַלפּן, נאָר קיין איין אַרמייער אַפילו ניט פאַרוווּנדעט.

בלייכע, און מיט הענט פאַריסענע אינדערהויך, זיינען די אָפיצירלעך געשטאַנען איינגעוואַקסן אין שטיינערנעם פּלויט און נאָר געצוקט מיט די גאָרגלען, גלייך זיי ווילן אַראָפּשלונגען דעם אָטעם און קאָנען ניט.

אַ טריט פופציק פון די אָפיצירן זיינען געלעגן זיבן צעשאָסענע: פינף יונגע פויערטעס, אַ באָכערל מיט אַן אָפּגעשאָסענעם שטיק שאַרבן, און אַ באַיאָרנטער פויער מיט אַ גרויסער באַראשקענער היטל אינעם פאַרגלי־ווערטן פויסט.

דאָרט אָבער, אַפן לינקן פלאַנג, דאָרטן האָט א קוילנוואַרפער אַלץ געהאָגלט, און א לאַנגע צייט ניט אַריינגעלאָזט שולמאַנען טיף אין דאָרף אַריין.

טייל אַרמייער זיינען געלעגן אונטער פּלויטן און געשאָסן, ניטוויסנ־דיק וווהין. א צווייטער טייל איז לויט דער אָנווייזונג פון די פויערים געניייוויש געקראָכן איבער גערטנער, איבער הויפן, לעסאָף אָנגעשטויסן זיך אַף אַ הייזל, און אַפן דאַך נעבן קוימען דערזען א געזונטן שוואַרצ־בערדיקן אָפיציר באַ א קוילנוואַרפער.

— אַראָפּ פון דאַך! — האָט אַווּרעמעלע הייזעריק א בריל געטאָן, — אַראָפּ, נעווייליע!

פון אַווּרעמעלעס באַפעל איז דער אָפיציר ניט שטאַרק ניספּאָעל גע־וואָרן, קאַלטבלוטיק א שנייק געטאָן אף אים די נאָז און מיט סמאַרק געטראָפן אַווּרעמלען פונקט אין דעם לינקן אויג.

— און אַהער דערלאַנגען ביסטו ניט בעקויעך? שיסער פאַריפּעשטער!

פון דער באַליידיקונג איז אוורעמעלע געוואָרן נאָך מער אופגעקאָכט, און נאָר אַ צי געטאָן דעם ביקסן־שלאָס. איז אבער כאַלאדענקע ארופּ־געקראָכן פון דער צווייטער זייט דאַך, מיט דער קאָלבע דערלאַנגט אים איבער דער פּלייצע, און דער אָפיציר האט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דאַך ווי א שטיק שניי נאָכן ערשטן וואַרעמען רעגן.

גלייך נאָך אים איז אַראָפּגעשפּרונגען כאַלאָדענקע, נאר איידער נאך ער איז געבליבן שטיין אף די פיס, האָט ער פאַרבראָכן דעם פויסט און אַ האַק געטאָן דעם אָפיציר אין די ציין:

— אָט איז דיר, סטיערווע, א צוגאָבּ!

פונעם זעץ איז דער אָפיציר צוגעפאַלן צום וואַנט, אַראָפּגעזעצט זיך אַף דער פּריזבע און אַרויסגעכראַקעט א בלוטיקן שפּיי:

— מיטן פויסט טרעפסטו פּינקטלעך, נאָר שיסער זייט איר טינויפּעס־דיקע. עך, ווייניק אַפּאָנים האב איך אייך צעשאָסן, ווייניק! נו, פירט מיך אין אייער זשידאָווסקן שטאַב.

III

דער גרעסטער טייל אַרמייער איז אוועק נאָכיאָגן די ווייסע און נאָר עטלעכע צענדליק ארמייער האבן אינמיטן גאַס צונויפגעשטעלט די ביקסן, געטריקנט אָנעטשעס, געלויזט די העמדער און געראַנגלט זיך מיט אַ יונג קוויטשענדיק כאַזערל, וואָס איז אַלץ נאך געווען זיכער, אַז אויב עס וועט שטאַרקער קוויטשען, וועט דאס מעסער ניט פארשטאָפּן אים דאס מויל, און דאס אָנגעצונדענע שטרוי וועט פון אים ניט אויסטאָן דאָס האָריק העמדל.

דאָס דאָרפישע קליינוואַרג איז טייקעף באפריינדעט געוואָרן מיט די אַרמייער, פאָרגעלייגט אויסבייטן פּאַטראָנעס אַף אוגערקעס, צערטלעך געטאַפּט די קאַלטע העלדזער בא די קוילנוואַרפער, און אַלץ געבעטן, מע זאָל זיי ווייזן, ווי אזוי עס שיסן אָט דידאזיקע צוויי מאַשינעס, וואָס שטייען באם שטאב ווי אייזערנע זשאַבעס.

בלייכע, ניט אויסגעשלאָפענע פויערים און פויערטעס זיינען רעדלעכ־וויז געשטאַנען ארום די ארמייער און נייגעריק צוגעהערט זיך צו זייערע

רייד, ווי אזוי מע דארף אָרגאניזירן די מאכט און ווי אַזוי מע דאַרף צעטיילן די ערד, קעדיי אָרעם און רייך זאָלן ווערן גלייך.

— פּוסטע מאַיסעס — האט א פּויער פּארצווייפלט אַ מאך געטאָן מיטן האַנט און אנגעהויבן קראַצן די פּאָטיליצע, — פון אזוינע רייד וועט קיין עמעסע ברודערלעכקייט קיינמאל ניט זיין; ניט זיין, זאָג איך אייך, ווייל ווער ס'האט געוואָלט האָרעווען, איז ער אלעמאָל געווען א שיינער באלעבאָס, און א לאָדער, בלייבט א לאָדער, צי מע וועט אים יאָ געבן, צי ניט געבן קיין ערד. וויכטיק איז, צי וועט מען אופהערן באנעמען דעם פּויער, צי וועט נעמען אַ סאָף צו די באַנדעס, וואָס רויבן פערד, בעהיימעס און פּוראַזש. אָט דאָס איז וויכטיק, אָבער ניט בעבען אין דער וועלט אַריין.

גערעדט האט ער רויק, געלאַסן, געזאַיט א וואָרט נאָך א וואָרט, נאר געפאלן זיינען זיי ווי גליענדיקע פונקען און צעפלאַקערט א בייזע מאַכלויקעס צווישן די פּויערים.

אויסגעפּוצטע אין גרויסע רויטע באַנטן און מיט ביקסן אָנגעטאָנענע אַף די רימענס, זיינען צווישן די רעדלעך אומגעגאנגען א צענדליק דאָרפישע באָכערים, אומגעגאנגען מיט שטאָלץ-פּאריסענע קעפּ, געוואַרט, מע זאָל אָפּשאַצן זייערע העלדישע אָנפאלן אף די ווייסע, און ביטלדיק געקוקט אַף יענע פּויערים, וואָס דערוועגן זיך גאָר צו פארגעבן אַזוינע „אַלט-רעזשימנע” פראגן, צי ס'וועט נעמען א סאָף צו די באנדעס, בעשאַס אין דאָרף געפינען זיך אזוינע העלדישע פּאַרטיזאנער ווי זיי.

ניט ווייט פון שטאַב איז אַן ארמייער געשטאַנען נאר מיט איין יונגער פּויערטע, געשטאַנען איז ער פארוואָרפן א פוס איבער א פוס, פון מאָל צו מאָל שטיפעריש געקיצלט די פויערטע און געמיטלעך איר דערקלערט, אז זיי, די רויטע, זיי זיינען אייגנטלעך א פאָלק גאָר אָן א גאָט און אָן אַ נאציע. נאָר וויבאַלד די בורזשויען כאַווערן זיך מיט די „פירליסטן”, וועלן זיי שוין גיין פון לאנד צו לאנד און אַזוי לאנג קעמפן, ביז פון אלע מענטשן וועט ווערן איין ברודערלעכע רויטאַרמייאישע נאַציע.

— האָרעוועסט? — האָט אים כאָלאָדענקע שמייכלדיק א פרעג געטאָן.

— מע אַגיטירט, בראַטישקעלע, מע אַגיטירט אף באַוווסטזיניקייט. — און קעדיי די פויערטע זאָל מאמאָשעסדיק דערפילן זיין רויטאַרמייאישע

ברודערלעכקייט, האט ער זי צוגעפרעסט צו זיך, און מיט די פארברוינטע פינגער איינגעטרונקען זיך אין אירע ברוסטן.

— הער אוף. כ'לעבן, א ביזאָיען — איז זי קלוימערשט באַליידיקט געוואָרן, גוטמוטיק א פאטש געטאן אים איבערן האנט, און א צערייצטע, אַ צעשמייכלטע פעסטער צוגעפרעסט זיך צום אַרמייער: — סע קוקן דאָך מענטשן.

— איז וואָס! זאָל מען, זאָל מען טאַקע זען, אַז דו ביסט מיט דער רויטער ארמיי.

אונטער א שטארקער וואַך זיינען צוגעגאנגען די פינף געפאנגענע.

דער היציקער וויקועך איז מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרן, און א פּאָר צענדליק פויערים זיינען צוגעלאָפן מיט פארבראָכענע פויסטן:

— שלאָג די אָפיצירן! שלאָג, אָן שום געריכט.

עטלעכע ארמייער האבן איילנדיק א כאַפּ געטאָן די ביקסן און אָנגע־צילט אַף די פויערים:

— אָרדענונג, כאַווירים! מיט גוטן בעט מען אייך, קיינע אומאָרדענונ־גען. פון אונדזערע הענט איז קיין אָפיציר טרוקן נאָך קיינמאָל ניט אַרויס.

מיט אויגן אנגעצונדענע פון סינע און נעקאָמע זיינען די פויערים אומצופרידענע געבליבן שטיין און ביזן טיר באגלייט די געפאנגענע מיט פאַרביטערטע קלאָלעס.

אַ נידעריקע דיקע פויערטע האט אבער ניט אויסגעהאַלטן, געכאַפּט אַ שטיק האַרטע בלאָטע און — טראַך דעם שווארצבערדיקן אָפיציר אין פּאָ־טיליצע.

פויל און לאנגזאם האָט דער אָפיציר אויסגעדרייט די קאָפּ, מיט שטאָלצן ביטל באַקוקט די אופגעבראכטע פויערים און בייז אף זיי א כראַקע געטאָן:

— כאַמ־סקע סטיערוועס.

איז די פויערטע נאך מער געוואָרן אנגעצונדן, פאריסן מיטאַמאָל דאס קליידל און אים אויסגעשטעלט דעם נאקעטן הינטן:

— נאַ, קוש, הונטישער פּאָרעץ, קוש.

די בלייכקייט, די סינע, דער אנגעצונדענער צאָרן, אַלץ איז מיטאמאָל אַראָפּגעווישט געוואָרן פון די פּענימער, און איבערן גאַס האט זיך אַוועקגעקייקלט א קרעפטיקער, פריילעכער געלעכטער.

דער געפאנגענער אינגוש, דער סאָלדאט און די דריי געפאנגענע אָפּי־צירן האָבן זיך אויסגעזעצט אַף א לאנגער באנק, און באם טיש אונטער די איקאָנעס — שולמאן מיט טשיזשיקאָוון.

צו די פענצטער פלעגט יעדער רעגע צוגיין אַן אנדער פויער, געכאפּט א קוק, וואָס אין שטיבל קומט פאָר, און איבערגעגעבן דעם אוילעם.

עמעצן איז אבער איינגעפאלן, אז אויב מע וויל זיין זיכער מיטן אורטייל, דארף מען שיקן אין געריכט אריין אַ אייגענעם פאָרשטייער. און ווי נאָר מע איז צוגעטראָטן אויספרעגן די געפאַנגענע, איז אין שטיבל אַריינגעקומען א גרויער פויער, פאַרבראָכן דאָס היטל און טיף א בוק געטאָן זיך פאַר שולמאַנען מיט טשיזשיקאָוון:

— ברידערלעכע כאווײרים! אונדזערע טאַטעס, אונדזערע זיידעס און מיר זיינען געגאַנגען בא די פריצים אין שפּאַן, איצטער איז אַף זיי דאָס עמעסע געריכט געקומען, טאָ באצאלט זיי ווי געהעריק פאַר די באַ־רויבטע פערד, פאַר די באַרויבטע בעהיימעס, און פאַר די זיבן אומשול־דיקע, וואס אָט די יונגע סמאַרקאַטע אָפּיצירלעך האָבן באַגינען צע־שאָסן.

צוגעדריקט די עלנבויגן צו די ליטקעס, איז דער שוואַרצבערדיקער אָפיציר געזעסן איינגעבויגן, מיט די פינגער געדרייט דאָס היטל צווישן די צעשפּרייטע פיס און מיט א פאַרניכטנדיק גיפטיק שמייכעלע פון מאָל צו מאָל געקוקט דאָס אַף די ריכטער, וואָס וועלן אים מישפּעטן; דאס אַפּן פויער, וואָס איז געקומען קאָנטראָלירן, צי וועט מען זיי כאָלילע ניט באַגנעדיקן.

— זאָרג זיך ניט, אַלטיטשקער, — האָט אים דער שוואַרצבערדיקער אָפיציר פאַרזיכערט, — אַף עפּעס רעכטס זיינען זיי ניט פעיק, נאָר אַף אָפיצירן האָבן זיי אָנגעשלאָגן א האַנט, די מעלאָכע קאָנען זיי אויסגע־צייכנט.

— נו, איז טאַקע דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט — האט דער אַלטיטשקער צופרידן צוגעגעבן און ווידער א בוק געטאָן זיך פאַר טשיזשיקאָווען און פאַר שולמאַנען.

אונטערגעשפּאַרט די קעפּ מיט איין האַנט, זיינען די יונגע אָפיצירלעך געזעסן אויסגעדרייט די פּענימער צום באַזוניקטן פענצטער און נייגעריק געקוקט צום בלויען הימל, צו דער גרין־צעבליטער ערד.

אַף זייערע באַקן זיינען געריינען דינע שנירעלעך טרערן און אין די אויגן — אזאַ צעגליטע, נאָגעדיקע בענקשאַפט, גלייך איצט ערשט האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טאַם פון לעבן, די צאַרטע לאַסקעס פון דער זון און דעם שמעקנדיקן כיעס פון דער פעטער, גריינער ערד, וואָס האָט אומזיסט געשפייזט די עלטערזיידעס, די עלטערן און אַפילע זיי באַזאָרגט מיט אַלדעס גוטס אַפן יורידישן פאַקולטעט אין אָדעסער אוניוועריזיטעט.

דערזעענדיק זייער שטימונג, איז דער שוואַרצבערדיקער געוואָרן אופ־געבראַכט, עטלעכע מאָל א ווונק געטאָן, זיי זאָלן פאַר די רויטע ניט אַרויסווייזן זייער פאַכדאָנעס, און לעסאָף אַנטוישט און פאַרביטערט צע־בורטשעט זיך:

— שנע־קעס! אַפילע שטאַרבן ווי אָפיצירן קאָנען זיי ניט.

פונעם וואָרט „שטאַרבן" זיינען די אָפיצירלעך אופגעציטערט געוואָרן, איבערראַשט א קוק געטאָן איינס אַפן צווייטן, פרעגנדיק א קוק געטאָן אַף די ריכטער, צי זיי וועלן טאַקע אומברענגען זייער יונג לעבן, און גרויסע פינקלדיקע טרערן זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערטע, אַף די אָפגעסמאַליעטע, מיט פוך באַדעקטע באַקן.

טיילמאָל פלעגט שולמאַן באַדויערנדיק א קוק טאָן אַף די יונגע אָפי־צירלעך און ווידער פאַרטראַכטן זיך: ווי קומען צו די ווייסע אָט די צוויי געוועזענע סטודענטן, וואָס שטאַמען געוויס פון ניט קיין רייכע על־טערן.

דער שוואַרצבערדיקער האָט אים לאַכלוטן ניט אינטערעסירט, אַ סוינע איז ער אַן אָפענער, א פאַרביטערטער און מיט אַזוינעם איז דער כעשבן א קלאָרער; זיי אָבער, זיי זיינען דאָך באַשטימט אַריינגעפאַלן צו די ווייסע געצוווּנגענע דורך א מאָבּאָליזאַציע, אָדער אַל פּי טאָעס. און וואָלט דען פאַר זיי ניט געווען פיל בעסער, פיל שענער צו זיין אין דער רויטער אַרמיי און דינען דעם פאָלק, איידער גיין מיט אַזוינע באַנ־דיטן ווי ער? — האָט שולמאַן מיטן פינגער אָנגעוויזן אַפן שוואַרצבער־דיקן. — וואָלט דען, פרעג איך אייך, ניט געווען ערלעכער און שענער פאַר אייך צו דינען אין דער רויטער אַרמיי?

דער שוואַרצבערדיקער האָט זיך גיפטיק צעשמייכלט, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און פאַרבויגנדיק אף א זייט די קאָפּ, געקוקט מיט א

יעכידנער נייגעריקייט אף די אָפּיצירלעך, און געוואַרט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער וועלן זיי געבן.

די גאַנצע צייט איז גריצענקע געשטאַנען באַם טיר, וועלפֿיש געקוקט אַף די אָפּיצירן און געפּיפּקעט. ווי נאָר שולמאַן האָט א צווייטן מאָל געווענדט זיך צו די יונגע אָפּיצירלעך מעקויעך דינען אין דער רויטער אַרמיי, איז גריצענקע גרין געוואָרן, ווידער א קוק געטאָן אף שולמאַנען ווי אף א פֿאַרעטער, פּלוצלינג הילכיק א כראָקע געטאָן און ארויס.

עפּעס איז די שטוב פֿול געוואָרן מיט א פֿאַרטראַכטער שטילקייט און מע הערט נאָר, ווי זשומענדיקע פֿליגן שלאָגן זיך אָפּ אין די שויבן. דער פּויער שמאָרעט עפּעס אָפּט מיט דער נאָז, און זיינע פֿינטלדיקע אויגן פֿרעגן פֿאַרכידעשט בא שולמאַנען, ווי אזוי קאָן מען זיך גאָר דערלויבן פֿאָרצולייגן די אָפּיצירלעך אזא פֿראַגע.

— מיט די רויטע? — האט זיך אַן אָפּיצירל אָפּגענויגט פֿון פֿענצטער און צאָרנדיק א קוק געטאָן אַף שולמאַנען. — מיט די, וואָס האבן צע־שאָסן מיין שוואָגער און די עלטערן געלאָזט אין איין העמד? ניין, בע־סער שוין דער...

דאס לעצטע וואָרט איז געבליבן ניט דערזאָגט. און דער פֿאַרוואָרגע־נער גאָרגל האט ווידער אָנגעהויבן צוקן, גלייך ער וויל כאַפּן דעם אָטעם און קאָן ניט.

— אזוי, אזוי — האט דער שוואַרצבערדיקער צופֿרידן א רייב געטאָן די הענט און שעלמיש א ווונק געטאָן צו שולמאַנען — א רוס בלייבט א רוס.

דער אַלטער פּויער איז בייז געוואָרן און א טופּע געטאָן מיטן באָר־וועסן פֿוס:

— א וויסטע מאַפּאָלע אף אזוינע רוסן, וואָס נעמען צו דעם לעצטן פֿערד און צעשיסן פּרויען. אַנ־ציכ־ריסטן.

שולמאַן האָט אַראָפּגעשלונגען א פֿאַרדראָסלעכן זיפֿץ, אָנגעזויגן מיט שליים דעם בליישטיפֿט און אָנגעהויבן באדעקן דאס פּאַפּיר מיט קרומע קאָטשערעס, לעסאָף אָפּגעזיפּצט ווי נאָך א שווערער אַרבעט, אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס און אָנגעהויבן לייענען דעם אורטייל:

— דעם סאַמאָוואַר און די טרובע פֿונעם גראַמאָפֿאָן אומקערן צו ווע־מען דאס געהערט. דעם געפֿאַנגענעם איגנוש און דעם זעלנער, פֿאַר

זייער פינצטערקייט, אַוועקשיקן אין טיל אַף באַוווסטזיניקייט און זאָלן זיי טאַקע דערוויזן, אַז זיי זיינען נישט קיין צויגן, נאָר עמעסע ברידער אין דער אַלוועלטלעכער קייט. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, הער כאַווער, פאַרשטאַנען,— האבן ביידע איינצייטיק געענטפערט.

— טאָ פאַרשרייבט זיך אַפן שטערן און געדענקט, אַז מע טאָר ניט זיין קיין פעל, בעשאַס א גאַנצע וועלט האט צעפראַסקעט די פיסקעס באַ אַלע בלוטזויגער, און האַלט זיך באַ דער קאָמעניסטישער פאַרטיי. נו, און מעקויעך די דריי אָפיצירן, וואס האבן מיט קוילנוואַרפערס אין די הענט דערוויזן, אַז זייער פלאַצפאָרמע איז באַשפריצט מיט בלוט פון צעשאָסענע עמעסע קעמפער, וואָס לייגן אוועק זייערע רעוואָליוציאָנערע קעפּ אַפן וועג צו באַפרייען אַלע אונטערדריקטע, איז אזוינע סאָנים דאַרף מען אַראָפּמעקן פון דער ערד און צעשיסן אָן ראַכמאָנעס.

— ריכטיק,— האט דער אַלטיטשקער באַשטעטיקט,— ריכטיק, אדאַנק איין, ברידערלעכע כאַוויירים.— און געלאָזט זיך פון הייזל, אַלץ בוקנדיק זיך פאַר די ריכטער.

טשיזשיקאָוו האָט גענומען דאס געשריבענע פּאַפּיר, אָנגעבלאָזן זיך ווי א אינדיק, שטרענג עס איבערגעקוקט, און צוגעשטימט מיט א באַלעבאַטישן הוסטעלע:

— הום, יאָ. אַוורעמעלע! דו ווערסט באַשטימט פאַרן עלטסטן, די געפאַנגענע זעלנער מעגן דאָ בלייבן.

דאס הויקערל האָט וווּליונגעריש א הויב געטאָן די דאַרע אַקסל און העפלעך זיך פאַרנויגט פאַר די אָפיצירן:

— זייט זיך מאַטריעך, אייער מאַיעסטעט, אַף א גלעזל קאַווע.

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!— האט דער שוואַרצבערדיקער א בורטשע געטאָן.

— אוהום, אַבי נישט קיין וויסגוואַרדייאישע. שאַ-גאָם ממ-אַרש!

באַם שוועל זיינען די צוויי יונגע אָפיצירלעך געבליבן שטיין, אויסגעדרייט זיך צו דער איקאָנע און גיך, גיך אנגעהויבן ציילעמען זיך.

דער טומלדיקער אוילעם איז מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרן און אָפּגעטראָטן אין א זייט. איין אַלטיטשקער איז אָבער שטיין געבליבן,

אויסגעפּרעגט בא די אַרמייער, צו וואָס מע האט די אָפיצירן פּאַרמיש־פּעט, און פרום זיך איבערגעציילעמט:

— באַרויק, גאָטעניו, זייער זינדיקע נעשאָמעס. סאָבאַקע — סאָבאַטשאַ סמערט.

## IV

אין צווייטן עק דאָרף, גאָרניט ווייט פון וואָקזאַל איז שולמאַן גע־זעסן אין א הייזל, און מיט א גרופּקע דאָרפישע פּאַרטייער און מיט די באַן־אָנגעשטעלטע באַהאנדלט די פראַגע, ווי אזוי צו אָרגאַניזירן די אַר־טיקע מאַכט.

אף דער פאַרזאמלונג איז ער געזעסן א רויקער און פעסט געוווסט, אז די ווייסע זיינען שוין איצט געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אַלץ ווייטער און ווייטער. פאַרן טאָג קאָנען פּאָרקומען נאָך קליינע אַריערגאַרדישע צוזא־מענשטויסן, מיט וועלכע טשיזשיקאָוו וועט קאָנען אָנפירן אָן אים. ער אָבער, וועט דערווייל אָרגאַניזירן די מאַכט, שאפן אַן אָרטיקע וואַך און פאַרנאַכט וועט ער רעקוויזירן עטלעכע פויערשע פורלעך, באזעצן אף זיי זיינע פאַרבליבענע פאָר צענדליק ארמייער און צו אָוונט וועט ער אָנ־יאָגן דעם באַטאַליאָן.

אין שטיבל זיינען יעדעס מאָל אריינגעקומען באוואָפנטע פויערים, אריינגעקומען פאַרשרייבן זיך אין אָרטיקן אָטריאַד, באקומען „סטרוק־ציעס" און דערווייל צוגעזעצט זיך, הערן וועגן וואָס מע שמועסט.

פלוצלינג האבן אָנגעהויבן שטעפּן עטלעכע קוילנוואַרפער, אָפּטער, שטאַרקער און אין פארשיידענע עקן דאָרף.

די באוואָפנטע זיינען טייקעף נעלעם געוואָרן, און באם טיש זיינען געבליבן זיצן נאָר א מאַן פינף, בלייכע, איבעראַשטע, און אין די אויגן א פאַרגלייווערטע טאַינע צו שולמאַנען, ער זאָל דערקלערן, וואס באַ־דייט די שיסעריי.

זיין ברייטער פליישיקער שטערן איז טייקעף אויסגעשנירלט געוואָרן, און פון אונטער די כמורנע אויסגעקראָכענע ווייסע ברעמען — ניט קיין אויגן, נאָר צוויי שמאָלע שפּעלטעלעך, ווי בלאָנקענדיקע שאַרפן פון אָנגעשלייפטע מעסערס.

דער געזשמורעטער בליק איז קלוימערשט געווען געווענדט אַף די צעשראָקענע, געליימטע פּענימער, אַפּן געלן באַן־אָנגעשטעלטן, וואָס וויל מיט די ציטערדיקע פינגער פאַרדרייען א פּאפּיראָס און קאָן ניט. נאָר אין מויעך האט שולמאַן געזען גרייפנדיקע רייען. נאָר ווער, ווער איז דאָס דאָרף באפאַלן? א באַנדע? צי די ווייסע האבן געמאַכט א מאַניעוור און זיינען פארגאנגען דעם באטאליאָן אין טיל?..

אָן אַ היטל איז ער אַרויס פון שטוב און באם טויער דערזען, אז איבערן גאַס לויפן צעשראָקענע מענער, פרויען, קינדער און נאָך זיי מיט ווילדן געפייף און געבריל — רייטער מיט אַנטבלויזטע שאַשקעס.

די אומרו, וואס איז אים באַפאַלן אין דער ערשטער רעגע, איז מיטאַמאָל איינגאַנצן צערונען געוואָרן. אלץ איז קלאָר. דער אָנפאַל איז א געלונגענער, בייקומען איז ניט מעגלעך, און אויב אים וועט ניט געלינגען דערקלייבן זיך צו די פּאָר צענדליק ארמייער און דורכברעכן א וועג אף אָפּצוטרעטן, איז דער טויט אומפאַרמיידלעך סאַי פאַר די אַרמייער, סאַי פאַר אים.

ווי אין אלע סאַקאָנעדיקע מאָמענטן, איז ער אויך איצט באהערשט געוואָרן פון יענער קאַלטער, אָנגעשטרענגטער רויקייט, וואס פלעגט שטענדיק אָפּטויטן אלע איבעריקע געפילן, שאַרף נאָר פאַרשפּיצן דאס געהער און מיט א קאַלטן פיבער טרייבן די געדאַנקען.

פון ווייטן האט ער שוין באַמערקט, אז דאָס זיינען מאַכנאָווצעס, נאָר פונוואַנען זיינען זיי אָנגעקומען? לויט די יעדיעס פון שטאַב, אָפּערירט דאָך מאַכנאָ בא סטאַנציע לאָזאָוואַיע. מיט דעם וועג, וואס ער, שולמאַן, איז געגאַנגען, האט מאַכנאָ ניט געקאָנט אָנקומען. וואס זשע, איז ער אָנגעקומען ערגעץ פון דאַנען, פון דער באַן־ליניע? און שולמאַנס פּאָר צענדליק ארמייער געפינען זיך אין צווייטן עק דאָרף. פונדאָרטן קאָנען זיי, אייגנטלעך, אָפּטרעטן אַפּצוריק. נאָר ווי אזוי דערקלייבט מען זיך צו די אַרמייער?

אַז ער איז צוריק ארייַנגעגאנגען, איז די באַלעבאָסטע אומגעלאָפן א פאַרוויינטע און געבעטן זיך, מע זאָל פאַרלאָזן די שטוב. אלע האבן געטאַינעט, אז אָט־אָט גייען זיי אַרויס, און ניט גערירט זיך פון אָרט.

דער מאַן אירער איז יעדער רעגע צוגעלאָפן צום פענצטער, אַ קוק טאָן, צי די מאַכנאָווצעס רינגלען ניט אַרום די שטוב, און מיט אַ



8. כ. גילדין

פאַרוואָרגערגער שטים געדראָט דעם ווייב, אַז ער וועט איר אויסהאַקן אַלע ציין, אויב זי וועט ניט פאַרשטומט ווערן. נאָר די מוירע האָט צעפּינטלט זיין לינקע ברעם און צעציטערט די צערעפּעטע אונטערשטע ליפּ, וואָס איז געווען פאַרקלעפּט מיט אַ שטיקל ציגאַרפּאַפּיר און אויסגעזעען מאָדנע בלייך.

בייסנדיק די אויבערשטע ליפּ, האָט שולמאַן אָנגעטאָן דאס היטל, ארויס־געשלעפּט דעם רעוואָלווער פון קאבורע, און ציילנדיק מיטן בליק די לעצטע צוויי קוילן, האָט ער אויסגעפרעגט, ווי אַזוי ער קאָן זיך דער־קלייבן צו די אַרמייער. געפרעגט און איינצייטיק געטראַכט, אַז ווערן זיך קעגן די מאַכנאָווצעס איז ניטאָ מיט וואָס, נאָר פאַרן שלייף איז אַ קויל פאַראַנען.

דערזעענדיק ווי שולמאַן פאָרעט זיך מיטן רעוואָלווער און קוקט אַף איר מיט אַ מאָדנעם פאַרגליווערטן בליק אין די צונויפגעזשמורעטע אויגן, איז דעם ווייבל איינגעפאַלן, אז ער צילט זיך אַף איר, און מיט אַ ברייט צעעפנט מויל איז זי געבליבן שטיין ווי אַ געליימטע.

— איז ווי אזוי, זאָגט איר, קאָן איך זיך דערקלייבן צו מיינע כעוורע?

— אָט דאָ איבערן פּלויט, און מיט די גערטנער — האָט אים דער באַ־לעבאָס אַ צופרידענער ארויסגעפירט אין הויף און געוויזן, ווו מע דאַרף אריבערקריכן.

פון צווייטן עק דאַרף האָבן זיך דערהערט עטלעכע ביקסן־זאַלפּן. אַפּאָנים, אַז די פּאָר צענדליק אַרמייער זיינען געקומען צו זיך, און אָנ־געהויבן א קעגן־אַטאַקע. נאָר אַלס ענטפער אַף די זאַלפּן איז די שיסעריי פון די קוילנוואַרפער געוואָרן נאָך שטאַרקער, און די קוילן זשומען גאָר נידעריק איבער שולמאַנס קאָפּ.

פון די זאַלפּן איז שולמאַן דערפרייט געוואָרן. די אַרמייער זיינען, הייסט עס, דערווייל נאָך ניט ארומגערינגלט. ערגעץ אין סאָף דאַרף גע־פונען מיסטאָם א פאַסיקע פּאָזיציע, געעפנט אַ פייער אַף די מאַכנאָווצעס און לאָזן זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע! נאָר צו וואָס שפּאַנען אונ־טערן אָפענעם פייער און נאָך אַריינכאַפּן א קויל אין קאָפּ?.. די קעגן־אַטאַקע גייט דאָך בעמיילע, וועט ער אַ פּאָר מינוט אָפּליגן אין קוקו־רוזע. צענדליקער מאָל איז ער דאָך אַדאַנק קוקורוזע געראַטעוועט געוואָרן פון טויט, צענדליקער מאָל איז קוקורוזע געווען פאַר אים אַ

זיכערער אָנזאָג אַף ניצאָכן, וועט ער אָפּליגן ביז דאָס קוילנוואַרפערישע פייער וועט זיך איבערטראָגן אהין אין עק דאָרף, און דערנאָך — ווידער לויפן.

נאָר ליגנדיק אין דער קוקורוזע, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די מינוטן ציען זיך ווי שאָען. דאָרטן ראנגלען זיך זיינע כאַוויירים אַף לעבן און טויט, אַ פּאָר צענדליק אַרמייער ראנגלען זיך עפּשער מיט אַ פּאָר הונדערט מאַכנאָווצעס, און ער, דער קאָמאַנדיר זייערער, ער ליגט גאָר צווישן קוקורוזע און היט אָפּ זיין אייגענע פעל.

א פארשעמטער איז ער אופגעשפרונגען און אָנגעהויבן גאנווענען זיך צווישן הויכער צוויגיקער קוקורוזע און נידעריקע בייטן קאַרטאָפל. נאר איבערלויפנדיק פון באַשטאַן צו באַשטאַן, האָט ער גאָרניט באַמערקט, אַז ער איז פאַרקראָכן אין אַן אנדער ריכטונג. אַרום — געדיכטע פרוכטן־בוימער און א הויכער געפלאָכטענער פלויט.

א קוק טאָן, וווהין גייט ארויס דער פּלויט — דאָס איז אים ניט איינ־געפאַלן. אַ פּלויט — דארף מען איבערשפּרינגען. נאָר פון צווישן די בוימער איז אומבאַמערקט צוגעלאָפן אַ גרויסער קודלאַטער הונט און מיטן גאַנצן מויל צוין איינגעטרונקען זיך אין שולמאַנס פוס.

דעם ווייטיק האָט ער דערפילט ערשט נאָכן אריבערשפרינגען, נאָר אָנשטאָט ארומקוקן זיך וווהין איז ער אריבערגעשפרונגען, אנשטאָט לויפן ווייטער, האָט אים גאָר א צי געטאָן קאָעסעדיק איינקוקן זיך אין דעם הונט, גלייך ער מוז פארקריצן אין זיקאָרן זיינע בלוטיקע אויגן, זיין פאטלאטע קאָפּ און דעם ווייסן פלעק אַפן שטערן.

מיט די פעדערשטע פיס אַפן פלויט איז דער הונט געשטאַנען אַ ריטשנדיקער, בלוטיק געקוקט אַף שולמאַנען, ווי אף א גלייכן געפערלעכן סוינע, און פונעם צעעפנטן הונטישן מויל איז די שוימיקע שליים גע־רונען, ווי צוויי פאַרגליוערטע שנירלעך האָס.

קעגן אים איז שולמאַן געשטאַנען א פארטויבטער פון קאַעס, א באַ־ליידיקטער, א דערנידעריקטער פונעם ביס, געקוקט אים אין די אויגן, און גראד איצט ערנסט געטראַכט, צי דער הונט איז ניט קיין מעשור־גענער.

אין די אויערן האט געראוישט דאָס אופגעזאָטענע בלוט, יעדער נאָגל איז גרייט געווען איינטרונקען זיך אין זיין האָריקער פעל, און פליקן,

פליקן שטיקער. נאָר דעם ערשטן מאָל אין לעבן איז ער געשטאַנען אזא צעקאָכטער, אַזאַ אומבאַהאָלפענער און ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

אָנכאַפּן באַם גאָרגל, וועט דער הונט אָפּשפּרינגען; אריינהאַקן אים אַ קויל, וועט ער דערמיט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַכנאָווצעס.

די שיסעריי, די באַלאַגערטע אַרמייער,—דאָס אַלץ איז אין דער סע־קונדע איינגאַנצן אויסגערונען פון זיקאָרן, אויסגערונען פונעם געהער, און פאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ נישטיק ריטשענדיק באַשעפעניש מיט א ווייסן פלעק, ווי מיט א ווייס בעלמעוואַט אויג אפן שטערן, און ער, דער גרויסער האָריקער שולמאַן,— ער איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן קעגן אָט דער נישטיקער באשעפעניש.

הינטער זיינע פּלייצעס האָט אָבער אַ באַקאַנטע שטים א ריטשע גע־טאָן: „אט איז ער״! און אינסטינקטיוו איז שולמאַנס האַנט צוגעפאַלן צו דער קאבורע, צוגעפאַלן, איידער נאָך ער האָט זיך אויסגעדרייט, נאר שפּעט.

קעגן שולמאַנען—דריי אָנגעצילטע ביקסן, און א שטרענגער באפעל אופצוהויבן די הענט.

עטלעכע סעקונדן איז ער געשטאַנען א צעטומלטער און ניט פאַר־שטאַנען וואס דא איז געשען: דריי רייטער—צוויי מיט שוואַרצע באנטן אף די ברוסטן, דער דריטער — גריצענקע. שוואַרצע באנטן טראגן דאָך נאר מאַכנאָווצעס, ווי זשע קומט צו זיי גריצענקע?

איידער די פראגע איז פאַר שולמאַנען קלאָר געוואָרן, איז גריצענקע אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, בייז א זעץ געטאָן שולמאנען אין ברוסט און אנגעהויבן אַראָפּרייסן פון אים דעם רעוואָלווער.

אַף איין רעגע זיינען שולמאנס אויגן שטאַרק, שטאַרק צונויפגעזשמור־רעט געוואָרן, און גריצענקע האט אין זיי דערזען יענעם קאַלטן שטאָ־לענעם גלאַנץ, וואס פלעגט שטענדיק גרויזאם אופלויכטן אין שולמאנס אויגן, ווען ער פלעגט זיך דער ערשטער לאָזן אין אטאקע און אנהויבן שעכטן אף רעכטס און לינקס.

— וואס זשמורעסטו אַף מיר דיינע זשידאָווסקע קוקערס? ניט שרעקלעך! אפגעהוליעט אף אונדזערע פּלייצעס? איצט א סאָף. טאַר־נאַ־צאַ־נאַל.

ערשט איצט, אונטער די אָנגעצילטע ביקסן האט שולמאַן דערפילט די עמעסע אומבאהאלפנקייט, און דאס, וואס אים איז ניט געווען

פארשטענדלעך אין דער ערשטער רעגע, דאס איז אים מיטאמאָל קלאָר געוואָרן:

פאראטן. נאָר ווער, איין גריצענקע, צי אלע ארמייער?

— ריר זיך! — האט אים א מאַכנאָוועץ באפוילן גיין און אנגעהויבן אָפּלאַכן פון זיין וווקס, — אַי, א דראָנג, אויסגעוואַקסן מאַמעש ווי אַפּ־צעלאָכעס.

די שיסעריי איז אינגאַנצן פארשטומט געוואָרן. אַפן גאַס — קיין לעבע־דיקער מענטש, נאר ערגעץ ווייט־ווייט א פאַרביטערט הינטיש בילעריי, גלייך די הינט זעצן פאָר די אַטאַקע אף די מאַכנאָווצעס.

די גאנצע צייט איז ער געגאַנגען צווישן די רייטער א פאַרטרויערטער, א דערשלאָגענער און אלץ געטראַכט ווי גרויס איז דער פאראַט: אלע, עטלעכע ארמייער, צי נאָר איין גריצענקע?..

טיילמאָל פלעגט אים דאכטן, אז אינעם אָנפאל זיינען אלע רויטארמייער אומגעקומען, און דער געדאַנק האט אים געפרייט, אומגעקומען זיינען זיי ווי רויטארמייער, אומגעקומען אין אָפענעם קאַמף, נאָר ניט פון מאַכ־נאָס האנט.

וועגן דעם, אַז אים אליין וועט מען באַלד צעשיסן, וועגן דעם האט שולמאן ניט געטראַכט. ערגעץ איז זיין אייגן לעבן פאַרפלאָנטעט גע־ווארן צווישן די אומגעקומענע אַרמייער, און פון זיין גאנץ לעבן איז נאָר פאַרבליבן אין אָדעס א ווייב מיט צוויי קינדער, און אין דער לינ־קער פוס — א בריענדיקער זייכער פון א הונטישן ביס.

טיילמאָל פלעגט ער מיט איין אייגל א קוק טאָן אף גריצענקען, אַ קוק טאָן פון אונטן ארוף און פאַרדריסלעך דערמאָנען זיך, ווי פרעך, ווי פיינטלעך און פרעמד גריצענקע איז די גאנצע צייט געווען אין באַטאַ־ליאָן. כאָדאָשים־לאַנג איז צווישן די ארמייער אומגעגאנגען א פאַרבי־סענער סוינע, געבוירטשעט, געהעצט, געפלאַנצט צווישן די אַרמייער אַ סינע צו יידן, און ער, שולמאן, האט דעם באנדיט ניט צעשאָסן. נאָר פארוואס איז ער צו גריצענקען אַזאַ לאַנגע צייט געווען אַזוי ווייכ־הארציק און ניט צעשאָסן אים? הא, פאַרוואָס? — אויס פאַכדאָנעס, אויס מוירע, די ארמייער זאָלן אים ניט באַשולדיקן, אַז גריצענקען האט ער צעשאָסן, ווייל ער קאָן ניט אָנקוקן קיין יידן? גרויוער געווען האט די אלטע יידישע פאַכדאָנעס, די אלטע קנעכטישע געוווינהייט, אראָפּשלונגען

און פארשווייגן דעם שפּיי אין פּנים? איצט, איצט וועט גריצענקע אים צעשיסן, צעשיסן אלס ייד, אלס קאָמוניסט, אלס קאָמאַנדיר. און ווער ווייסט, צי גריצענקע איז די גאַנצע צייט ניט געווען פאַרבונדען מיט די מאַכנאָווצעס? ווער ווייסט, צי דער איצטיקער אָנפאַל איז ניט קיין רע־זולטאט פון זיין געהיימער ארבעט, און זיי, די ארמייער, זיי זיינען עפּשער געפאלן פון גריצענקעס האנט?

אריינקומענדיק אין וואָקזאַל, האט אבער שולמאן דערזען אלע ארמייער ארעסטירטע, און ארום זיי — א צוואנציק באוואָפנטע מאַכנאָווצעס.

פריער, ווען ער איז געגאַנגען צווישן די רייטער א געפאַנגענער, איז אים גאַרניט איינגעפאַלן צו ווערן זיך: איינער קעגן דריי און דערצו נאך ניט קיין באוואָפנטער, איז א זיכערער טויט. נאר דאָ, צווישן די ארמייער, איז זיין דרייסט ווידער אופגעלעבט געוואָרן און באַפאַלן איז אים א פאַרלאנג, ראַנגלען זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, ראַנגלען זיך אפילע מיט די הוילע פויסטן.

אף זיין סוידעספּולן וווּנק האבן די ארמייער ניט געלייגט קיין מינדסטע אַכט, צוגעטוליעטע ווי א צעשראָקענע הערדע שאָף זיינען זיי געשטאנען דערשלאָגענע, שטומע, פינצטערע. און אין די וואָקזאל־פענצ־טער קוקט אריין אזא הויכער, ברייטער, בלויער הימל. די זון די הייסע שמעקט מיט רייפע טוועס, מיט זאפטיקן גרינס, מיט צאַפּלדיקן לעבן און דאָ, אין וואקזאַל, סאַכאַקל צוואנציק באוואָפנטע מאַכנאָווצעס. נאָר אַזוינע הויכע און געזונטע ווי כאָלאָדענקע זיינען דאָך צווישן די ארמייער פאראן אַ מאַן זעקס. זיינע, שולמאנס, גרויסע, האָריקע הענט, וואס פלעגן ערשטניטלאנג בויגן פּאָדקאָוועס, אָט די הענט זיינען דאָך אויך בעקויעך מיט איין זעץ אומוואַלגערן צוויי מאַכנאָווצעס. פּאַר וואס זשע זאל מען זיך ניט פּרווון דרייסט א שפּרונג טאָן אף די מאַכנאָווצעס, כאָטש בא עטלעכע ארויסרייסן דאָס געווער און — פון וואָקזאַל?

מיט דעם פּלאן איז ער צוגעגאַנגען צו כאָלאָדענקען און סוידעסדיק אָנגעהויבן אים איינרוימען, אז דער טויט איז דאָך אומפאַרמיידלעך. קיין קאָמוניסטן וועט מאַכנאָ ניט שוינען, און מע דארף זיך פּרווון מאַכן אַן אָנפאַל.

נאר כאָלאָדענקע האט א קוק געטאָן אף שולמאנען מיט א שווערן פאַרביטערטן פאָרוואורף און פאַרצווייפלט א מאך געטאָן מיטן האנט.

פון זיין בליק, פון זיין פאַרצווייפלטן מאַך מיטן האַנט איז אָבער שולמאַן געקומען גאָר צו אַנדערע אויספירן: א פאַכדן איז ער, כאָלאָ־דענקע, א פאַכדן. ער מיינט אפּאַנים, אַז עס וועט אים געלינגען אויס־צודרייען זיך פון מאכנאָס הענט און דעריבער וויל ער ניט גיין אף קיין ריזיקאַלן אָנפאַל. טשו־דאַק.

מיטן זעלבן פאָרשלאַג איז ער צוגעגאַנגען צו די איבעריקע ארמייער — א זיכערער, אַז זיי, זיי וועלן דעם פאָרשלאַג אָנעמען מיט פרייד, נאָר אין זייער בליק האט ער דורכגעלייענט א גרעסערן, א מער נאָך פאַר־ביטערטן פאָרוואורף.

פאַרוואס, פאַר וועלכע זינד קומען אים אַזוינע פרעמדע אָנגעשטױ־סענע בליקן? פאַרוואָס דרייט מען אָפּ פון אים די פּענימער, ער, שולמאַן, איז דען אין א בעסערער לאַגע ווי זיי?

צו וואָסער ארמייער ער איז ניט צוגעשטאַנען, מע זאָל אים קלאָר מאַכן, פאַרוואס, פאַר ווען אַזאַ באַציאונג צו אים, נאר אַלע זיינען שטום, בייז און מיט א טיפער פאַראַכטונג אינעם בליק.

אַן אָנגעצונדענער האט ער א כאַפּ געטאָן אַוורעמעלען פאַר די אַקסל, איינגעטרונקען זיך אין זיין פּאָנים מיטן פאַרזשמורעטן שטאָלענעם בליק און אים אָנגעהויבן טרייסלען:

— וואס טוט זיך דאָ, וויל איך וויסן!..

אַ פּאָר סעקונדן איז דער הויקער קעגן אים געשטאַנען מיט א פאַרי־סענער קאָפּ און גיפטיק געפאָרשט יעדער בליק, געפאָרשט יעדער פּינטל פון זיין אויג, און יעדער מינע פון זיין פּאָנים.

— וואס עפּעס פרעגסטו, וואס איצטער טוט זיך? און ווו ביסטו געווען בעשאס דעם אָנפאַל? קאָ־מאַנ־דיר, הא! ווו אַן ערעך ביסטו געווען?

— פּעל־ניק! — האט שולמאַן אַרום זיך דערהערט א בייז דערשטיקט געשריי — אויסגעבאַהאַלטן זיך, און אונדז געלאָזט אַף העפקער.

פון די ווערטער איז שולמאַן פלוצלינג בלייך געוואָרן, געבליבן שטיין צווישן די אַרמייער א באַשפּיגענער, א דערנידעריקטער, און דער־פילט, אַז וואס ער זאָל שוין איצט ניט זאָגן, וועט מען אים ניט גלויבן.

די שרעק פאַרן טויט צווינגט זיי אַף עמעצן ארופוואַרפן די שולד, און דער גורל איז געפאַלן אַף אים. אַלע ארמייער רעכענען, אַז איבער אים

קומען זיי אום, כוישעד איז מען אים, אויב ניט אין פאראט, איז אין נידערטרעכטיקער פאַכדאָנעס, און מיט קיינע פּלענער וועט ער שוין ניט געווינען זייער צוטרוי.

קיינמאָל האט שולמאַן ניט געווינט. אַפילו קינדווייז אין כיידער, ווען דער רעבע פלעגט אים קאַטעווען מיטן קאַנטשיק, אַפילו דעמאָלט פלעגט ער נאָר טרייסלען מיטן קאָפּ ווי אַ באַלוואַנטשיק, און שמייכלענדיק צישן דורך די צונויפגעפּרעסטע ציין. איצט אָבער, איצט איז אים באַ־פאַלן א פארלאנג צו וויינען, וויינען פון ווייטיק, פון ביזאָיען און פון אומבאַהאָלפנקייט.

א פאַרשטויסענער, אַן עלנטער האט ער זיך צוגעשפּאַרט צום ווינקל, פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ, און אָנשטאָט טרערן פון די אויגן, זיינען טראָפּנווייז אַראָפּגערונען רויטע טרערן פון דער צעביסענער ליפּ.

אַף די ווענט אין פאַרשפּיגענעם, שמוציקן וואָקזאַל, זיינען געהאַנגען פּאָרטרעטן, פּלאַקאַטן און לאָזונגען פון אַלע רעגירונגען, פון אַלע פּאַר־טייען און זייערע פירער.

אין ווינקל איז געשטאַנען אן אָפּגעקראָכענע פּיאנינע און איבער איר — א רונדער אופשריפט „אגיטפּונקט".

אונטער לענין און טראָצקיס פּאָרטרעט איז געהאַנגען א לאָזונג — „שלאָגט יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד", אביסל נידעריקער — א צווייטער לאָזונג: „שלאָגט פאר די כיזשענעס, א מילכאָמע די פּאַלאַצן". אונטער דעניקינס פּאָרטרעט — א לאָזונג: „לעבן זאָל דער איינציקער באַלעבאָס פון לאנד, די גרינדונגס פאַרזאַמלונג". בא דער צווייטער זייט — א לאָ־זונג: „פארן גלויבן, פאַרן קייסער און פאַרן פאטערלאנד".

אונטער וואַנגעלס פּאָרטרעט — א גרויסער סאָוועטישער פּלאַקאַט, גע־צייכנט אין בונטע פארבן, ווי אַזוי א צעשוואָלענער, שמייכלדיקער קאַפּיטאַליסט זיצט אַף א העסעבעט ענלעך צו א מיטע, און הונדער־טער סקעלעטן, געשמידטע אין קייטן, טראָגן די העסעבעט. אַרום דעמדאָזיקן פּלאַקאַט — גרויסע, ברייטע לאָזונגען: „לעבן זאָל די אַנאַרכיע, די פאַבריקן פאַר די אַרבעטער, די ערד פאַר די פּויערים. דערשטיקט די בלוטיקע באָלשעוויסטישע גידרע. נידער מיט דער פּראָדראַזוויאָרסטקע".

די אַלע לאָזונגען האבן געצייגט, אז אין דעם ווינקל זיינען איבער־געווען די אַרמייען פון אַלע רעגירונגען. יעדער אַרמיי האט אבער

באַוויזן נאָר אָנצוקלעפּן אירע לאָזונגען, און ניט באַוויזן אפילו אַראָפּ־רייסן דעם סוינעס פּלאַקאַטן. אַלע ארמייען זיינען דאָ געווען צייטווייליק, צופעליק, פּונקט אַזוי צייטווייליק און צופעליק ווי דער איצטיקער מאַכ־נאָווישער אָנפאַל.

אז דער אָנפאַל איז א צופעליקער, אין דעם איז שולמאַן געווען טיף איבערצייגט. סע נאָר אַ פראַגע פון אַ טאָג, פון צוויי, און פאַר דער באַליידיקונג וועט ער זיך מיט די אַרמייער שפּעטער צערעכענען. איצט אָבער, איצט דאַרף ער עפּעס צוטראַכטן, קעדיי צו געווינען כאָטש איין טאָג, ביז מע וועט אין שטאַב דערוויסן, אז זיי זיינען אריינגעפאַלן אין געפענקעניש.

וויפל אָבער ער האט ניט געטראַכט, איז פּאָרט אויסגעקומען, אַז מע מוז זיך פּרוּוון מאַכן אן אָנפאַל. דא אין זאַל איז די וואַך ניט גרויס, אַרום וואָקזאַל זיינען אפאָנים קיין מאַכנאָווצעס ניטאָ, און דער אָנפאַל קאָן געלינגען. וויכטיק איז דער ערשטער קלאַפּ, און געבן דעם קלאַפּ דאַרף ער אָט דעם מאַכנאָוועץ, וואס האלט דעם ביקס צוגעדריקט צום פּאַכווע און דרייט א ציגאַר.

אומערקבאר האט שולמאַן אָנגעהויבן רוקן זיך, רוקן זיך פון ווינקל, און ווי נאָר ער איז דערגאַנגען שוין גאָר נאָענט צום מאַכנאָוועץ, איז פּלוצלינג אריינגעקומען א נייע כאָפּטע מאַכנאָווצעס.

אַלע אויסגעפּוצט אין געשנירטע געטרעס ביז די קני, אין בלויע שאַראָוואַרן, אין שוואַרצע זשופּאַנעס, שוואַרצע פּאָפּאַכעס, און מיט גרויסע, שוואַרצע באַנטן אַף די ברוסטן.

צווישן זיי — א הויכער, פלייציקער פּאַרשוין מיט אַ שוואַרצער סטענגע איבער דער גאַנצער ברוסט. דאָס גוידערדיקע פּאָנים — מערדעריש, די וואנצעלעך — שפּיציק פּאַרדרייט, און די גראָבע אונטערשטע ליפּ הענגט אַראָפּ ווי בא אן אַלט פערד.

צוגעגאַנגען איז דער פּאַרשוין צו דער פּיאַנינע, אַף איר אויבערדעק אוועקגעלייגט די פּאָפּאַכע, פּאַרשארצט די אַרבל און מיט איין פינגער אָנגעהויבן אויסקלאַפּן דעם ניגן פון א האָפּאַק.

— עפּעלע, האווריושע! — זיינען די מאכנאָווצעס צוגעשטאַנען צו אים פון אַלע זייטן — עפּעלע.

אף זיין מערדעריש פּנים איז אופגעשווומען א מאָדנע האַמעט שמייכעלע, נאָר אַזוי קרום, אַזוי געצווונגען, גלייך דאָס געפּאַלבטע פּנים קאָן עס ניט פאַרטראָגן, און דאַכט זיך, אז ער שמייכלט ניט, נאר וויינט. לויט די דוויטע שראַמען אַף זיין געזונטן קאַרק, און לויטן בינטל זילבער-ווייסע האָר פונקט אינמיטן פּאַטיליצע, האט שולמאַן דערקענט, אז דאס איז דער אָנפירער פון מאַכנאָס פערזענלעכער „שווארצער מייע", דער באַוווסטער האַווריושע, וואס פלעגט אליין צעשיסן צענדליקער געפאַנגענע קאָמוניסטן, קאָמיסארן און קאָמאַנדירטע אַף פּראָדראַזוויאָרסטקע. אָט דער האווריושע, וואס פלעג לויט מאַכנאָס ווונק „אַרויסגאַנווענען" פון די אייגענע רייען יענע קאָמאַנדירן, אַף וועלכע מאַכנאָ האט געווארפן א בייזן בליק, און קאַלטבלוטיק צעשיסן זיי.

אין שולמאַנס זיקאָרן זיינען אופגעשווומען אַלע גרויזאַמע בילדער פון האַווריושעס שכיטעס, און באַפאַלן איז אים א פארלאַנג אונטערשפּרונגען צו האַווריושען, א כאַפּ טאָן אים באַם גאָרגל און מיטן קאָפּ אָן דער פּיאַנינע, אָן דער וואנט. לאַנג-לאַנג שלאָגן האַווריושען אויס כאַראָטע, אויס בושע פאַר די וואָכן און כאַדאָשים, וואס שולמאַן איז געווען אין מאַכנאָס אַרמיי; דאס גאַנץ ביטער האַרץ אויסלאָזן צו האַווריושען אויס ווייטיק פאר דער באַליידיקונג פון די אייגענע אַרמייער.

נאר די זאַל איז אַלץ פולער געוואָרן מיט מאַכנאָווצעס און צעשטערט אַלע זיינע האָפענונגען אַף אַן אָנפאַל.

האַווריושע האט דערווייל אונטערגעקליבן די טענער פון עפּעלע און הייזעריק צעזונגען זיך:

„עך, ע-פּע-לע, לאַנג נאָך וועל דיך גאַרן.
אונדזער אַטאַמאַן מאַכנאָ,
בענקט נאָך קאָמיסאַרן.

א פּאָר סעקונדן זיינען די מאַכנאָווצעס געשטאַנען אויסגעדרייט די פּנימער צו שולמאַנען, מיט א שפּאָטישער גאַיווע געקוקט, צי פאַרשטייט ער די בלוטיקע אָנצוהערעניש פון די אָקאָרשט-פאַרפּאַסטע קופּלעטן, פלוצלינג צעהירזשעט זיך און אַלע צוזאַמען אונטערגעכאַפּט דעם ניגן:

אונדזער אַ-טאַ-מאן מאַכ-נאָ,
בענקט נאָך קאָמיסאַרן.

פֿונעם געלעכטער, פֿון זייערע בליקן און שיקערן געזאַנג איז שולמאַנען נאָך קעלטערער געוואָרן אין אַלע גלידער.

אָט שטייט פֿאַר זיינע אויגן דער גאַנצער מאַכנאָווישער שטאַב. וואָלט צווישן זיי געווען כאָטש איין אָנשטענדיק מענטשלעך פּאָנים. אַלע פֿרעכע, שיקערע, גיריקע נאָך בלוט. פּונקט פֿאַר אַזוינע באַנדיטן איז דער אַנאַרכיזם אַנגעמאָסטן. נאָר זיי, זיי קאָנען זיין אָנהענגער פֿון א געזעלשאַפֿט אָן געזעצן, אָן א מאַכט, אָן א דיסציפּלין. און מיט אָט די באַנדיטן איז דאָך שולמאַן א גאַנץ יאָר אָפּגעשטאַנען אין איינע רייען. ווו זשע איז זיין סייכל פֿריער געווען?

דער זאַל איז פֿול געוואָרן מיט געזאַנג און מיט משוגעדיקע טענץ. צום טאַקט פֿון ניגן פֿליעסקען הענט, צום טאַקט פֿון ניגן קלאַפּן געקאָוועטע אָפּצאַסן, קלאַפּן ביקסן־קאָלבן, פֿיגורן דרייען זיך און שווינדלען וויכריש, וויגן מיט די הענט, הוקען ווילד, זעצן זיך צו און שפּרונגען אונטער, און וואָס רווישיקער עס ווערט דער טאַנץ, אַלץ פֿינצטערער ווערן די פּענימער באַ די אַרמייער, גלייך עס שווינדן פֿאַר זייערע אויגן ניט קיין טאַנצנדיקע מענטשן, נאָר דער טויט, דער טויט—אָן אויסגעפּוצטער אין שוואַרצן און מיט גרויסע מאַוזערן אין די קאַבורעס. ער, דער טויט, פֿליעסקעט מיט די הענט, קלאַפּט מיט אָפּצאַסן, קלאַפּט מיט די קאָלבן, ווי מיט טרוקענע ביינער, און דאָ, אַפֿן צייטווייליקן וואָקזאַל פֿון לעבן, — דא פֿלייסט ער זיך רווישיקער אָפּהוליען זיין לעצטן טאַנץ.

קוקנדיק אף די טאַנצנדיקע, איז שולמאַנען איינגעפֿאַלן, אַז איצט איז די עמעסע צייט. פּונקט איצט דאַרף ער אָנפֿאַלן, פּונקט איצט קאָן זיך אים איינגעבן אַראָפּרייסן פֿון עמעצן דעם מאַוזער, און אויב ניט אַלע געפֿאַנגענע וועט געלינגען באַפֿרייען זיך, נאָר אין דער סומאַטאָכע וועלן זיך עטלעכע באַשטימט אַרויסרייסן פֿון וואָקזאַל.

מיטן בליק האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם שעטעך ביז דער טיר, אָנגעמערקט א מאַכנאָוועץ, וואָס איז געשטאַנען מיט א צעעפֿנט שמייכלדיק מויל און פֿאַרגאַפֿט געקוקט אַף די טאַנצנדיקע.

פֿון ווינקל איז ער אָפּגעגאַנגען אומבאַמערקט און אָנגעהויבן אַראָפּבויגן זיך אַלץ נידעריקער, נידעריקער, גלייך ער וויל די קויכעס זיינע אופֿזאַמלען אין איין קנויל, און פּלוצלינג א שפּרונג געטאָן אַפֿן מאַכנאָוועץ.

זיין איינגעבויגנקייט האט באַמערקט נאָר כאַלאָדענקע און אַוורעמעלע. באַמערקט, איינס מיטן צווייטן איבערגעקוקט זיך, פאַרשטאַנען נאָך וואס שולמאַן רוקט זיך, און ווי באַצוווונגענע פון זיין צונויפגעזשמורעטן שטאָלענעם בליק, האָבן זיי אָנגעמערקט צוויי אַנדערע מאַכנאָווצעס און אויך אנגעהויבן זיך רוקן נעענטער, נעענטער. נאָך זיי — דריי אַנדערע רויטע אַרמייער. אט באלד וועט אויסברעכן א בלוטיק געראַנגל אף טויט און לעבן. אָט באלד וועלן זיי אָדער באַפרייט ווערן אָדער אומקומען.

פלוצלינג — אויס טאַנץ, און די זאַל איז פאַרהילכט געוואָרן פון א קלינגענדיקן באַפעל:

— געפאַנגענע, גייט אַרויס אַפן פעראָן!

אונטער א שטאַרקער וואַך זיינען אַלע געפאַנגענע אַרויס אַפן פעראָן און לויטן באַפעל אויסגעשטעלט זיך פאַרלעכווייז.

דאָס גאַנצע בלוט איז שולמאַנען היציק צוגעשווומען צו די שלייפן, און דאס אויער, דאס אויער הערט ווי הילכיק און ווי גיך עס קלאפט דאס הארץ.

הינטער שולמאַנען איז כאַלאָדענקע געשטאַנען מיט בלינד-פארגלעזטע אויגן, מאָדנע געמרוקעט, געדרייט מיטן קין, און אַפאָנים געפלייסט זיך פאַרהאלטן דאָס כליפעדיקע געוויין. זיין קורצער, קאלטער אָטעם האט פראַסטיק געבריט שולמאַנס פאַטיליצע, געבריט, און ווי מיט קאַלטע פויזנדע מערעשקעלעך באַשאָטן זיין רוקנביין.

פון פאַרנט פאר די אויגן — אַ לאַנגע ריי מאכנאָווצעס, הויכע, נידעריקע, דאַרע און דיקע, נאר אלע עפעס מיט איין פאָנים, בא אַלעמען אַזוינע גיפטיקע שמייכלען, אַזוינע גיריקע, וועלפישע בליקן. אין שולמאנס באטאליאָן פלעגט מען דאָך אויך ניט שוינען קיין סוינע, נאָר פאַר שולמאַנען איז יעדער טויט-אורטייל געווען אַ לעצט-ברייירע, געהאַט אַ ציל, געהאט אַ זין, און דאָ — גיריקע, וועלפישע בליקן. די כאַיעשע האנאָע פונעם בלוט, וואס וועט באלד פאַרגאָסן ווערן, אָט די כאַיעשע האנאָע פינקלט שיקערלעך אין זייערע אויגן. שעכטן, רויבן און צינדן, דאס איז זייער ציל, זייער באַרוף, דער גאַנצער זין פון זייער לעבן און קאַמף.

עפעס איז די שטילקייט פאַרגליווערט געוואָרן, אין די אויערן הילכט נאָר דאָס גיכע קלאַפן פון הערצער, און פאַר די אויגן — ניט קיין

מענטשן, נאָר אַ לאַנגע שורע שוואַרצע ליכט. אומבאַוועגלעך שטייט די שורע מיט די ביקסן אַף גרייט און וואַרט נאָר אַפן באַפעל.

פלוצלינג — אופגעקלונגען:

— קאָמיסאַרן, קאָמאַנדירן און קאָמוניסטן, אַ טראָט פאָרויס!

א מאַן צען איז אַרויס פון ריי. און מיט שווערע, ריטמישע צוויי שפאַן צעשראָקן די פאַרשטאָרבענע שטילקייט.

— פאַרטיק, — איז אין שולמאַנס מויעך דורכגעשווינדן. דער לעצטער טראָט צום טויט איז געמאַכט געוואָרן. איצט — אַ סאָף. נאָר אנשטאָט קאַלטן, פראָסטיקן גרויל, — א מאָדנע בריענדיקע היץ אין אַלע גלידער, מאַמעש ווי מע וואָלט אים אַריינגעזעצט אין זודיקן אָקרעפּ. און פון דער היץ זיינען אַלע פּענימער צערונען, נעלעם געוואָרן, און זעען זעט ער גאָר אַ שטיבל אַף אָדעסער מאלדאוואנקע, אין צימער — צוויי קינדער שפּילן מיט קוביקעס, באַם פרימוס — פּאָרעט זיך דאָס ווייב. און דאָ, פון פאָרנט, אַף דער צווייטער ליניע — רויטע טיעפּלושקעס, א לאַנגע קייט רויטע טיעפּלושקעס מיט מיילער צעעפנטע ווי קוואָרים.

אָט דאָ באַ די טיעפּלושקעס וועט מען צעשיסן. און גראַד איצט, ווען מען זעט ניט קיין איין מאַכנאָוועץ, גראָד איצט וואָלט שולמאַן געדאַרפט זיך אַ ריס טאָן אונטער די טיעפּלושקעס און מאַכן פּלייטע. נאָר וואָס מער ער קוקט אף זיי, אַלץ ברייטער, העכער און צעשוואָלענער ווערן די טיעפּלושקעס, און די גאַנצע וועלט, די בלויע הויך — איז פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט צעעפנטע רויטע טיעפּלושקעס.

אופגעמינטערט האָט שולמאַנען א שטאַרקער זעץ אין ברוסט און אַ הייזעריקער אויסגעשריי:

— דיר איז געזאָגט געוואָרן? צויג, טו זיך אויס!

א רעגע איז ער געשטאַנען אַ צעטומלטער, פינטלענדיק געקוקט אַפן מאַכנאָוועץ, געקוקט ווי די אַרמייער טוען זיך אויס, לעסאָף אויך אָנגע־הויבן אויסטאָן איין אַרבל, און ערשט איצט באַמערקט, אַז כאָלאָדענקע און גורעוויטש, אָט די צוויי קאָמוניסטן זיינען לויטן באַפעל ניט אַרויס־געגאַנגען אין דער פאָדערשטער ריי.

פאַרוואָס זיינען זיי ניט אַרויס, מיט א קיוון? צי אויס פּאַכדאָנעס?

דער צענדליק אַרמייער פון דער פאָדערשטער ריי איז שוין געשטאַ־נען אין אונטערשטן וועש, און עטלעכע מאַכנאָוצעס האָבן נייגעריק

באַטאַפּט זייערע שטיוול, אנטקעגן דער זון צענומען זייערע גימנאַסטיאָרקעס, די הויזן, און ערנסט געפּאָרשט, צי זיי זיינען ניט צעלעכערט.

ער, שולמאַן, איז אָבער אַלץ נאָך געשטאַנען מיט איין אויסגעטאָנענעם אַרבל, געביסן די אויבערשטע ליפּ און געטראַכט, אַז באַגאַנגען איז ער א גרויסע נאַרישקייט. ווען ער רירט זיך ניט פון דער ריי, פּונקט ווי כאָלאָדענקע און גורעוויטש, וואָלט מען אים אויך פאַרעכנט פאַר אַ געווינלעכן אַרמייער, און עפּשער ניט צעשאָסן. איצט, איצט וועט ער אומקומען איבער זיין נארישער ערלעכקייט. און ווער נויטיקט זיך אין איר, וועמען וועט זיין טויט ברענגען נוצן, צו וואָס שטאָלצירן מיט ערלעכקייט, ווען דער סוינע צילט אַף דיר דעם ביקס?

צווישן די מאַכנאָווצעס איז עפּעס געוואָרן אן אומרויקע באַוועגונג. די, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן די אויסגעטאָנענע אַרמייער, זיינען אָפּגעשפּרונגען, אויסגעשטעלט זיך אין דער ריי און אויסגעדרייט די קעפּ אַף לינקס:

— סמיר־נאָ, אַ־טאַ־מאַן!

שולמאַן האָט אויך אויסגעדרייט די קאָפּ און דערזעענדיק מאַכנאָען, פּלוצלינג דערמאָנט זיך די קאַמער אין קאַטערינאָסלאַווער טיורמע, ווו ער איז געזעסן צוזאַמען מיט מאַכנאָען; דערמאָנט זיך די נאַרעס מיט די שטרויענע מאַטראַצן, און דערפילט דעם איפּעש פון דער גרויסער הילצערנער פּאַראַשע, וואָס מע פלעגט אַריינשטעלן אין קאַמער אַף אַ גאַנצער נאַכט.

פון לינקס איז מאַכנאָ געגאַנגען מיט אַ פּאַריסענער קאָפּ, מיט גיכע, אומרויקע, דריבנע טריט, און אין דער האַנט געשפּילט מיט אַ נאהאַיקע.

אָנדערהאַלבן יאָר האָט שולמאַן ניט געזען מאַכנאָען און פונדערווייטנס באַמערקט דיזעלבע שווינדזיכטיקע געלקייט אַף די איינגעפאַלענע באַקן, דיזעלבע ניט־פּראָפּאָרציאָנעל לאַנגע סאַבליע, און דיזעלבע קינסטלעכע אָנגעשטרענגטקייט אין דער פיגור, גלייך ער רייסט זיך פון זיין נידעריקן ווּקס און וויל אויסזען העכער ווי ער איז.

ווי נאָר מאַכנאָ איז צוגעגאַנגען צו האַווריושען און אויסגעהערט פון אים דעם ראַפּאָרט, איז גריצענקע פון ערגעץ אויסגעוואָקסן נעבן מאַכנאָען, האכנאָעדיק פּארנויגט זיך, עפּעס אַ בורטשע געטאָן, און מיטן פינגער אָנגעוויזן אַף שולמאַנען, אַף כאָלאָדענקען און אף גורעוויטשן.

— גע־זע־ען ? — האָט מאַכנאָ גאַיוועדיק אַ קוק געטאָן אַף האַוור־ רוזשען — מיך ווילן זיי נאַרן ? סוואָ־לאָ־טשעס! — און לויט זיין וווּנק זיינען צוויי מאַכנאָווצעס צוגעלאָפן צו גורעוויטשן און צו כאַלאָדענקען, אַ כאַפּ געטאָן זיי פאַר דער ברוסט און ארויסגעשלעפּט אין דער פאָ־ דערשטער ריי.

פון דער הינטערשטער ריי, ווו עס זיינען געשטאַנען די געפאַנגענע אַרמייער, פון דאָרט איז אָבער פלוצלינג ארויסגעשפּרונגען דער הויקער־ דיקער אוורעמעלע, און הילכיק ארייַנגעכראַקעט גריצענקען אין פּאָנים:

— אט איז דיר, פאַרקויפטע פעל!

פון פרייד האָט זיך שולמאַן צעלאַכט און אָנגעהויבן צוריק אָנטאָן דעם פרענטש.

יאָרן איז ער מיט אַווורעמלען אָפּגעזעסן באַ איין ווערסטעט, געקענט אים פאר א לעך, פאר א וויצלער, אָבער קיינמאָל ניט כוישעד געווען אין אים קיין העלדישקייט, ערשט נאַ דיר גאָר אַזאַ שפּיצל.

מאַכנאָ איז אַפּאָנים אויך איבעראשט געוואָרן פון אַווורעמעלעס שפּיצל, נאַפּאַלעאָניש פאַרפלאָכטן די הענט אַף דער ברוסט, מיט אַ פלוטעוואַטן אומרויקן בליק שמייכלענדיק אַ קוק געטאָן, ווי גריצענקע ווישט דאָס פאַרשפּיגענע פּאָנים, און שמייכלענדיק געווענדט זיך צו אוורעמלען.

— ביסט אַ דויטאַרמייער ?

— נו, אז אַן ארמייער איז וואס ? — האָט אַווורעמעלע בייז איבערגע־ פרעגט, און אויסדרייענדיק זיך מיטן הויקער צו מאַכנאָען, איז ער אוועק צוריק אַף זיין אָרט.

— אַ פיפיקער יאַט — האָט מאַכנאָ צופרידן צוגעגעבן — א פּי־פּי־קער! און אַוועק לענג־אויס דער ריי.

נעבן שולמאַנען איז מאַכנאָ געבליבן שטיין, פאַרלייגט די הענט אַף די קלובעס, אויסגעשטעלט די לינקע פוס און מיט אַן אומרויק־פרעסנ־ דיקן בליק אפּגעמאָסטן אים פון אונטן אַרויף:

— ניט געוואָרט באַגעגענען דיך דאָ. וואָס זשע, שולמאַן, פון אַנאַר־ כיסט געוואָרן א סאָוועטישער אונטערלעקער ?

פון אונטער די אויסגעקראָכענע כמורנע ברעמען האָבן אַף מאַכנאָען שטום געקוקט צוויי שמאָלע פאסיקלעך ווי בלאַנקענדיקע שאַרפן פון אָנגעשלייפטע מעסערס, געקוקט אַף זיין געלן סקולאסטן פּאָנים, אַף

דער גאַליקער פאַרביטערטקייט, וואָס ליגט אינעם לינקן עטוואָס קרומ־ לעכן מויל־ווינקל, געקוקט אַף זיין גאַליפּע אין די לאַקירטע שטיוועלעך, און דערבײַ געטראַכט, אַז ער, מאַכנאָ, ער שיידט זיך ניט אָפּ פון זיינע באַנדיטן לאַכלוטן מיט גאַרניט: פּונקט אַזאַ אויסגעפּוצטע קוקלע, פּונקט אַזאַ כאַיעשער בליק ווי בײַ אַלע זיינע אָנהענגער, און מיט דער אָ קוקלע איז דאָך אמאָל שולמאַן געזעסן אַ געשמידטער אין איין קאַמער, צוזאַמען געטרוימט וועגן דער רעוואַליוציע. אָט דער קוקלע האָט דאָך שולמאַן אַמאָל געגלויבט, פאַרגעטערט, מיטגעהאָלפן צו ווערן א פירער, און איצט וועט מאַכנאָ אים צעשיסן. איז עפּשער וואָלט ער אים א כאַפּ געטאָן באַם גאָרגל און...

אין מאַכנאָס זיקאָרן איז שולמאַנס צונויפגעזשמורעטער בליק פאַר־ בליבן נאָך פון יענעם טאָג, ווען אין דער קאַטערינאָסלאַווער טיורמע איז קלאָר געווארן דער נאָמען פון דעם פּראָוואָקאַטער, וואס גיט אויס די פּאָליטישע.

פון קאמער זיינען זיי נאָך מיטאָג אַרויסגעגאנגען צוזאַמען, מאַכנאָ — מיט דער שוואַרבע אין האַנט, שולמאַן — מיטן שווערן הילצערנעם באַק, אין וועלכן מע פלעגט ברענגען דעם מיטאג.

אַף די טרעפּ איז אַנטקעגן אנגעקומען דער פּראָוואָקאַטער. פלוצלינג זיינען בײַ שולמאַנען די אויגן שאַרף, שאַרף צונויפגעזשמורעט געוואָרן, די האַנט האט א הויב געטאָן דעם באַק און מיט איין זעץ איבערן קאָפּ אַוועקגעלייגט דעם פּראָוואקאַטער. אַוועקגעלייגט און טייקעף אַוועק צום טיורמע־שעף און געמאָלדן וועגן זיין שטיקל אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

איצט, קוקנדיק אַף שולמאַנס צונויפגעזשמורעטן בליק, האט מאַכנא אַפּאָנים פארשטאַנען זיין געדאנק. אָט דער סוטולער דראָנג קאָן אַזוי פלינק א כאַפּ טאָן באַם גארגל, מע זאָל אַפילע ניט גרייכן א ווינק טאָן. און אומרויק האט ער זיך אָנגעהויבן אומקוקן, צי האַווריושע איז נעבן אים.

א טריט פופצן פון מאַכנאָען איז האַווריושע געשטאַנען נעבן גרי־ צענקען און באַקוקט דעם רעוואָלווער, וואָס מע האט צוגענומען בײַ שולמאַנען.

אן אומרויקער איז מאַכנא גיך־גיך אָפּגעגאנגען פון שולמאַנען, איין מאָל אומגעקוקט זיך, אַ צווייטן מאל אומגעקוקט זיך, און אַ זיכערער,

אַז שולמאַן לויפט אים ניט נאָך, האָט ער מיט אַ פרעכער אָנגעבלאָזענער גאַיווע באַקוקט די ארמייער און גרילצנדיק אַ געשריי געטאָן:

— האווריושע! יענע אומפּארטייאישע ארמייער, וואָס ווילן ניט פאַרזוכן קיין בליי, קאָנען ארייננטרעטן צו מיר אין די אָטריאַדן, און זיי — האָט ער אָנגעוויזן אַפן צענדליק געפאנגענע פון דער ערשטער ריי, — זיי, „אין דוכאָנינס שטאַב".

פונעם וואָרט „אין דוכאָנינס שטאַב" איז שולמאַן פארטויבט געוואָרן, און דערפילט, אז די ערד אַנטרונט פון אונטער זיינע פיס.

„אין דוכאָנינס שטאַב", דאָס איז דאָך מאכנאָס פאראָל, וואס פלעגט שטענדיק דינען אלס באפעל צו צעשיסן אַלע זיינע געגנער. באַלד וועט דאָס געשען. אָנגעצילט זיינען שוין אף זיי די ביקסן. באַלד וועט מען זיי אויסשטעלן בא די רויטע טיעפּלושקעס און — א סאָף.

פלוצלינג האט זיך מאכנאָ אויסגעדרייט און מיטן פינגער אָנגעוויזן אַף שולמאנען:

— און אים — צו מיר אין שטאב!

דאס הארץ איז אינגאנצן פארשטומט געוואָרן... קיין קלאַפּ, קיין איינציקער צאַפּל. נאר צום געהער איז פלוצלינג דאס בלוט צוגעשוומען מיט אַ פאַרטויבנדיק גערויש, און שולמאַן האט ניט געהערט און ניט פארשטאנען מאַכנאָס באפעל.

אַז האַווריושע האָט אים פאַרן האַנט אַ צעטומלטן אַרויסגעפירט פון דער ריי, האָט שולמאַן ערשט דערזען, אַז פון די אַרמייאישע צוויי רייען קוקן אַף אים אויסגעגלאָצטע אויגן פולע מיט האַס און מיט פאראַכטונג.

V

פוןביידע זייטן וועג — פעלדער מיט צייטיקע שיטערע ווייצן. אין טייל ערטער האָט דאס ווילד-גראָז פארכאפט אַ האַלב פעלד, און אָנשטאָט ווייצן — בונטיקן זיך קאָרן-בלומען, פויגל-מילך און רויטער מאָן.

טייל פעלדער זיינען געווען אדער אינגאנצן צעטראָטן, אָדער מיט אָפּגעגעסענע זאַנגען. נאָר ווו-ניט-ווו זיינען פונעם בירגער-קריג געשוינט געוואָרן איינציקע פעלד-רויזן ווי אין געלע קאַפּערן, און אָפּגעפליקטע שטאמען גרינער קוקורוזע.

באַם וועג זיינען געלעגן געפייגערטע פערד, טיילן פון האַרמאַטן און קעסטלעך פון קוילן.

פונעם גאַנצן סטעפּ האָט געווייעט מיט גרויל, מיט כורבן און מיט פאַרלאָזנקייט.

די זון בריט, פון דער צערפּעטעטער ערד שלאָגט מיט א דושנער היץ, און דוכטן דוכט זיך, אז פאַרכאַלעשט גרילצן אין די טוועס ניט קיין היישעריקן, נאָר די זון ריזלט פונעם וויס-צעגליטן פאַרשמאַכטן הימל, און זי, זי גרילצט עס.

— פוןביידע זייטן — צוויי קאָנוואָירן. רעכטס — א געשטופּלטער, באַיאָרנטער פויער אין א דייטשישער קאַסקע, לינקס — אַ געזונטער יונגער פויער מיט אויסגעשטארצטע פליישיקע ליפּן און מיט אַזאַ צעפּלעטשטער נאָז, גלייך זי באַשטייט בלויז פון ברייטע נאָזלעכער.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין גרינע סאַמעטענע שאַראַוואַרן, אין א שוואַרצן פּליסענעם פּרענטש און א לאַנג זילבערן קייטל ביז דער אויבערשטער קעשענע.

טיילמאָל פלעגט דער געשטופּלטער א קוק טאָן אַף זיין גרויסן טשוב, וואָס קרייזלט זיך אַרויס פון אונטער דער ווייסער פּאַפּאכע, א קוק טאָן אַף זיינע קליידער און קינעדיק אָפּזיפצן:

— מענטשן האָבן מאַזל, מענטשן קאָנען אָפּשפּאָרן שיינע קליידער, אַ פיינע באַלעבאַטישקייט, און איך, איך בין עפּעס אַ שלימאַזל.

— אַף דערוף איז א רעוואָלוציע — האָט אים דער פויער שטאָלץ געענטפערט — געגעך נישט, וועסטו אויך אָפּשפּאָרן.

צווישן די צוויי קאָנוואָירן איז שולמאַן געגאַנגען מיט אַן אראָפּגעלאָזטער קאָפּ און מיט הענט פאַרלייגטע אַף הינטן.

וווהין גייט ער, נאָך וואָס גייט ער, — דאס איז אים געווען לאַכלוטן אַלציינס. פאַר די אויגן זיינען נאָך געשטאַנען די רויטע טיעפּלושקעס, און ס'האָט געצויגן — שפּאַנען, שפּאַנען, וואָס ווייטער פון די רויטע טיעפּלושקעס, שפּאַנען און הערן דעם קלאַנג פונעם אייגענעם לעבעדיקן טראָט.

פון מאַכנאָס באַפעל איז אין זיינע אויערן פאַרבליבן נאר אן אומפאַרשטענדלעך גערויש, און אין מויעך — א מעשונעדיקער פּלאָנטער פון אַ געוועזענער אַטאַקע אף אַ דאָרף, פון א זיצונג אין א שטיבל, פון טענץ

אַף אַ וואָקזאַל, און פון אַ שערענגע מיט אָנגעצילטע ביקסן. צי איז עס אָבער געשען מיט אים אַפן וואָר, צי איז, עס נאר א זייכער פון א שווערן כאָלעם, — דאָס האט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין די גאנצע צייט.

אין די אויערן רוישט, פון אַלע זיינע שפּונטן וועפּט זיך אויס א מאָדנער פיבער, נאָר אַזאַ שווערער, מאַמעש ווי ער וואָלט א לאַנגע צייט געלעגן א פאַרפרוירענער און ערשט איצט גייט ער אָפּ פון דער גע־פרוירנקייט, דערפילט ביסלעכווייז דאס אייגן לייב, דעם ווייטיק אין דער לינקער פוס און א פראָסטיקן געשמעק אין פּאָטיליצע. נאָר ווער שפּאַנט דען הינטער אים און אָטעמט פראָסטיק?

הינטן — פוסטע פעלדער, פונפאָרנט — פוסטע פעלדער, נאָר פאַר די אויגן, פאַר די אויגן שטייט גאר מאַכנאָ מיט הענט פארלייגטע אף די קלובעס, עפּעס רעדט ער צו אים מיט א גיפטיק שמייכעלע, און פון זיין לאַנגער סאַבליע, פונעם גרויסן מאַוזער, פון דער לאַנגער פּאַטלע האָר, פונקט ווי פון אַלע זיינע טנועס, ווייעט מיט קוראַזש פון א קליין נישטיק מענ־טשעלע, וואָס רוישט נאָר, קעדיי מע זאָל אים באַמערקן.

צווישן אים און מאַכנאָען איז דאָך עפּעס פאָרגעקומען. נאָר וואָס?

טייל מאָל פלעגן די קאָנוואָירן פּרווון פאַרפירן מיט אים א געשפּרעך, ווער איז ער און פונוואַנען קען אים דער אַטאַמאַן, נאָר אָנשטאָט אַן ענטפער, פלעגט שולמאַן אָנהויבן קוקן פארכידעשט אַף די קאָנוואָירן און דערביי פינטלען, וויגן מיט די ווייסע אויסגעקראָכענע ברעמען, גלייך ער וויל זיך עפּעס דערמאנען, וויל פאַרשטיין, וואָס טוט זיך מיט אים און קאָן ניט.

ווי נאָר מע איז ארויס פון טאָל, האט זיך פון לינקס ווידער באוויזן די באַנסטאַנציע מיט דער לאַנגער קייט רויטע טיעפּלושקעס.

— וווהין פירט איר מיך? — איז שולמאַן געבליבן שטיין און מיט א פאַרגליווערטער שרעק אין די אויגן א קוק געטאָן אַף די קאָנוואָירן.

— וואָס הייס וווהין? אין דאָרף גוסאַרקי — האט דער געשטופּלטער קאַלטבלוטיק געענטפערט, — אין גוסאַרקי.

אָט די רויקע קאַלטבלוטיקייט איז אים ניט געפעלן געוואָרן, עפּעס מאַכן זיי זיך טאַמעוואַטע. זיי מיינען אפאָנים, אַז ער געדענקט ניט, אַז עס איז געווען א באפעל אַלע קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן און קאָמוניסטן זאָלן זיך אויסשטעלן אין דער פּאָדערשטער ריי. מע פירט דאָך אים צעשיסן.

אָט דאָ באַ א קאַנאַווע וועט מען אים מיסטאַם אוועקשטעלן און—א סאָף. וואָס זשע איז עס פאר א מאַיסע מיט א גוסאַרקי?

— אין שטאַב, אין שטאַב, — האט דער געשטופלטער איבערגעכאַזוערט,— אַליין דער באַטקע מאַכנאָ האָט באַפוילן, ער אַליין. א פריינטל זייט איר אים, צי גלאַט אזוי' א כאַווער?

פון יענעם ווינקל, וווּ עס ליגט די באַנסטאַנציע, איז פלוצלינג דער־שווימען אַן עכאָ פון אַ זאַלפּ און דרייפאַכיק אָפּגעקלונגען אין דער סטעפּישער שטילקייט.

דער געשטופלטער מאַכנאָוועץ האָט אויסגעטאָן די קאַסקע און קוקנדיק אַף שולמאַנען, פרום זיך איבערגעציילעמט:

— נו, די קאָמיסאַרלעך אייערע האָט מען שוין יענע מאַיסע... אַ שנאָל געטאָן!..

שולמאַן האט אופגעציטערט, מיטן האַנט א כאַפּ געטאָן זיך פארן שטערן און א צעוויגטער אַף א רעגע געבליבן שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן.

— ריר זיך, ברודערל, ריר זיך!—האָט אים דער באַיאָרנטער א מינטער געטאָן באם האַנט,— מיר האָבן נאך צו שפּאַנען. עך, ערדעלע, ערדעלע! פאַרכראַקעט האט מען דיך מיט בלוט און מיט ביינדלעך פארמיסטיקט און ווער איז דאָ געדעכט, ווייסט אפילע ניט דער שעד.

פון אונטער די צונויפגעפּרעסטע ציין האָט דער יונגער אַרויסגעשפּריצט אַ צוקנדיקן שפּיי, צוגעלייגט א פינגער צום רעכטן נאָז-פליגל, צום לינקן נאָז-פליגל און הילכיק אויסגעשנייצט די נאָז:

— דעם עמעס זאָגן, איז קיין ריכטיקער פאָלק ווי די באָלשעוויקעס גאָר ניטאָ אַף דער וועלט. נאָר די קאָמוניע, די קאָמוניע האָט זיי פאַר־פאַסקודעט. איר, כאַווער, וועט אויך זיין פון די באָלשעוויקעס, צי נאָר אַ קאָמאַנדיר?

אַלץ, וואָס מיט שולמאַנען איז געשען פארן טאָג: די זיצונג אין הייזל, זיין ליגן אין קוקורוזע, דער הונט, כאָלאָדענקעס פאַרביטערטער פאַר־ווורף אינעם בליק, די אָנגעשטויסענע ארמייער, אלץ איז פלוצלינג אופ־געשווימען אין זיקאָרן און ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די אַרמייער זיינען געווען גערעכט. ער, שולמאַן, ער איז שולדיק אין זייער טויט. ווען ער פאַרדרייט זיך ניט די קאָפּ מיט דער פארזאַמלונג, ווען ער רייסט זיך ניט אָפּ פון די ארמייער, ווען ער בלייבט ניט ליגן אין

קוקורוזע, וואָלט ער דאָך צו דער צייט געקומען צו די אַרמייער, און אַלס געניטער קאָמאַנדיר געפינען אן אויסוועג, ווי אזוי אָפּצוטרעטן. ווען ער באַהאַלט זיך ניט אין קוקורוזע, קעדיי צו פארהיטן די אייגענע פעל, וואָלטן דאך די אַרמייער ניט אַריינגעפאלן אין געפענקעניש און ניט אומגעקומען. איצט, איצט ליגן זיי בא די טיעפּלושקעס מיט צעלעכערטע ברוסטן. אין דער לעצטער ריגע פארשעלטן זיי זיין נאָמען, און ער, שולמאַן, ער—א געזונטער, א לעבעדיקער שפּאַנט צו נעסטער מאַכנאָען, ער שפּאַנט צו דעם, וואָס האָט באַפוילן, מע זאָל זיי צעשיסן. נאָר נאָך וואָס שפּאַנט ער צו מאַכנאָען? וועקן זיין ראַכמאָנעס? אפן טמאַך פון זייער אַמאָליקער פריינטשאַפט אויסבעטלען פאר זיך דאס לעבן? נאָר באַ וועמען וועט ער בעטלען? באַ מאַכנאָען? ער ווייס דען ניט נעסטערן, ער קען ניט אָט דעם בלוטיקן באַלנויקעם? דער טויט איז דאך אומפארמיידלעך. צי היינט, צי מאָרגן, נאָר מאַכנאָ וועט דאָך אים באַשטימט צעשיסן. פאַרוואָס זשע איז ער ניט געבליבן באַ די טיעפּלושקעס און ניט אומגעקומען צוגלייך מיט אַלע קאָמוניסטן?

פון מאָל צו מאָל איז דערשוווּמען די עכאָ פון איינזאַמע שאָסן און אָנגעזאָגט, אַז מע מאַכט א סאָף מיט יענע, וואָס זיינען נאך ניט אויסגעגאַנגען.

פון יעדער שאָס פלעגט ער אופציטערן און פאַר די אויגן דערזען דאָס דעם, דאָס יענעם ארמייער, ווי ער גויסעט. נאָר אונטער דער שוועל פון זיין באוווּסטזיין איז געוואַקסן א פארבאָרגענע פרייד, וואָס ער, שולמאַן, לעבט. און אינסטינקטיוו האָבן די הענט געטאַפּט דאָס לייב, קעדיי איבערצייגן זיך, צי לעבט ער טאַקע, צי סע נאר א כאָלעם.

לעכאַטכילע איז ער פארשעמט געוואָרן פון דעם געפיל, און נאָך מער איבערצייגט זיך, אַז ער איז קליינלעך, נישטיק. דארטן גויסען זיינע כאַווירים, איבער אים זיינען זיי אומגעקומען, און ער, ער פרייט זיך מיט דעם, וואָס ער איז געבליבן לעבן. נאָר וויפל וועט זיין לעבן דויערן?—נאָך אַ שאָ, נאָך צוויי און ניט מער. מאַכנאָס באפעל איז דאך ניט מער ווי אַ שפּיצל. באפוילן האָט ער ברענגען אים אין שטאַב, נאָר קעדיי שטאַרקער נויקעם זיין זיך אין שולמאַנען דערפאַר, וואָס ער איז אָפּגעגאנגען פון די אַנאַרכיסטן און געוואָרן אַ קאָמוניסט, געוואָרן א קאָמאנדיר אין דער רויטער ארמיי.

נאָר וואָס מער שולמאַן האט געטראכט וועגן זיין טויט, אלץ שאַרפער איז ארויסגעשווומען דאס פארבאָרגן געפיל פון פרייד און פארשיקערט דאָס האַרץ און דעם מויעך.

די זון איז נאך הויך אין הימל, דערווייל לעבט ער נאָך, דאָ אין פעלד וועט מען אים באשטימט ניט צעשיסן, און ביז נאַכט קאָן מען נאָך עפּעס אופטאָן.

וואָס און ווי אַזוי וועט ער עפּעס אופטאָן — איז אים נאך ניט קלאָר געוועזן. און אפילע טראכטן וועגן דעם איז ער אויך ניט געווען אימשטאַנד.

פון רעגע צו רעגע איז אין האַרצן אלץ מער צעוואקסן א היציקע פרייד, אז ער לעבט, ער איז נאך ניט באזיגט, און ביז אָוונט, ביז אָוונט קאָן ער זיך נאך אַף עמעצן פארמעסטן און עפּעס אופטאָן.

אַ באַרוישטער פון דידאזיקע געפילן און געדאנקען איז ער אוועק מיט גיכערע טריט, אוועק די קאָפּ פאריסן, די אויגן געווענדט צו דער ווייט, גלייך ער קוקט אף עפּעס ארויס אין פוסטן סטעפּ.

צעפריטע פון היץ זיינען בא די זייטן געגאנגען די קאָנוואָירן, אָפּט געווישט דעם שווייס, געמיטלעך געשמועסט, און לעסאָף אַראָפּגענומען די ביקסן פון די אַקסל און אָנגעטאָן זיי אף די רימענס.

נאָר מיטן ווינקל־אויג האָט שולמאַן זייטיק א קוק געטאָן, ווי די קאָנ־וואָירן טוען אָן די ביקסן אַף די רימענס, און פאַרטראַכט זיך, צי לוינט אים גיין אין גוסאַרקי, דארט איז דאָך דער טויט אומפאַרמיידלעך, איז עפשער וואָלט ער אַ האַק געטאָן דעם געשטופלטן גלייך אין פּאָנים אַריין, און ביז דער צווייטער וועט אַראָפּשלעפּן די ביקס פון אַקסל, וועט אים עפשער געלינגען צונעמען די ביקס באַם געשטופלטן?

דעם בליק זיינעם האָט אבער דער געשטופלטער טייקעף באַמערקט, אַרופגעלייגט דעם ביקס צוריק אַפן אַקסל, און שולמאַנען איז קלאָר גע־וואָרן, אַז סע לוינט ניט ריזיקירן. בייקומען ביידע קאָנוואָירן וועט אים ניט געלינגען, דערצו נאָך איז אין פוסטן סטעפּ ניטאָ ווו צו באַהאַלטן זיך, וועט ער רויק דערגיין ביז צו גוסאַרקי, און דאָרט, דאָרט וועט אים עפשער געלינגען אויסדרייען זיך אָן סאַקאָנעדיקע פּלייטעס.

אין מויעך איז ניט אופגעשווומען קיין איין קאָנקרעטער געדאַנק, ווי אַזוי וועט ער זיך אויסדרייען, נאָר געוואָלט האט זיך גלויבן, האָפן, אַז „עפשער”, און מיטן „עפשער” איז ער דערגאנגען צו גוסאַרקי,

פונקט אינמיטן גאַס זיינען געשטאַנען געזאָטלטע פערד, צונויפגע־שטעלטע ביקסן און צענדליקער טאַטשאַנקעס, באַוואָפנטע מיט קוילנ־וואַרפערס.

קופּקעסווייז זיינען טייל מאַכנאָווצעס געזעסן אַף די טאַטשאַנקעס, טייל — אין שאָטן אונטער די טאַטשאַנקעס, און מיט קווערטלעך געשעפּט סאַמאַהאָן פון די עמערס.

צוזאַמען מיט די מאַכנאָווצעס זיינען געזעסן און געלעגן שיכּורע פּויערטעס, געקושט זיך, געאַרעמט זיך און קוויטשענדיק געזונגען.

אַרום א טאַטשאַנקע איז געשטאַנען א גרויס רעדל, געקוקט מיט שיכּער צעשמייכלטע אויגן, ווי איינער שפּילט אַף א האַרמאָשקע, אַ צווייטער פּויקט צום טאַקט אין אַן עמער, און א מאַכנאָוועץ מיט א פּויערטע טאַנצן אַ האָפּאַק.

טיילמאָל פלעגט זי טאַנצנדיק פּלוצלינג פאַרייסן דאָס קליידל, אנט־פּלעקן דאָס נאַקעטע לייב און אַרויסרופן א פּעטן, שיכּערן געלעכטער.

— אָט איז זי, די עמעסע מאַכנאָווטשטשינע — האָט שולמאַן געטראַכט, שפּאַנענדיק צווישן די טאַטשאַנקעס — אָט זיינען די קעמפער פאַר דער פרייער אַנאַרכיסטישער אָרדענונג! שיכּערע גייען זיי אין שלאַכט, פאַרגיסן אייגן און פרעמד בלוט, ניט ווייסנדיק פאַרוואָס. אין זנוס און אין שיכּרעס פאַרברענגען זיי זייער רו, און מיט אָט דער באַנדע פירט דאָך אָן אַ מענטש, וואָס איז יאָרן געזעסן א געשמידטער אין קייטן און געטרוימט וועגן דער רעוואָליוציע.

— עי, בראַטישקעלעך! — האָט עמעץ א געשריי געטאָן צו די קאָנ־וואָירן, — פונוואַנען איז די פּיירע? א באָל־שע־וויקעלע?

די קאָנוואָירן האָבן גאָרניט געענטפערט און אַריינגעפירט שולמאַנען אין שטאַב.

בא אַ טישל איז געזעסן א גרופּקע מאַכנאָווצעס און געשפּילט אין קאָרטן.

ווי א גרויסער האָריקער בער, אָנגעטאָן אין א ברודיקער מאַטראָסקע איז איבערן צווייטן טיש הויקערדיק געזעסן א מאַטראָס מיט א זילבערן אוירינגל אין לינקן אויער, מיט דער פעדער אָפּט געקלאַפּט אין דנאָ פון טינטער און עפּעס געשריבן.

נאַכלעסיק צעוואָרפן אַפן בענקל איז באַם דריטן טיש געזעסן נעסטערס ברודער, גרישקע מאַכנאָ — אַ צעשוווּמענער, בלאָנדער מאָפּס, אין אַ קאַראַקולינער הויכער פּאַפּאַכע און אין אַ שוואַרצער טשומאַרקע.

פון זיין צעכראַסטעטער העמד האָט אַרויסגעקוקט אַ פעטע, האָריקע ברוסט, און אין מויל האָט זיך געוויגט אַ לאַנגער טשיביק, ווי אַן אויסגעבויגענער גאָרגל פון אַ גאַנדז.

נעבן אים באַ איין עק טיש איז געשטאַנען אַ פויער אַ יאָר דרייסיק, און געקאָמקעט אין האַנט דאָס היטל. באַם צווייטן עק טיש איז געזעסן אַ יונגע פויערטע, מיט די פינגער אָפּט געווישט די מויל-ווינקלען און גיך-גיך פאַרקלאָגט זיך, אַז דער מאַן לאָזט איר ניט אופהויבן די קאָפּ.

פון מאָל צו מאָל פלעגט גרישקע אַ קוק טאָן אַף דער פויערטע מיט אַ פעטן, שיקערן בליק, מיטן האַנט גלעטן אירע ליטקעס און באַוואונדערן דעם מאַנס אַכזאָריעס:

— אַזאַ טי-ראַן! געזעען? שטערן דעם ווייב צו לעבן פריי. אַזוינע אַלטערעזשימנע שפּיצלעך וועלן מיר ניט דערלאָזן. איוואַניצע — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום מאַטראָס, — שרייב נאָר אָן דעם ווייבל אַ פּאַפּירל, אַז זי איז געגעט. וואָס, צו מיר דער אַרעסטירטער? — האָט ער ניי־געריק אַ קוק געטאָן אַף שולמאַנען.

— ניין, נעסטער איוואַנאָוויטש דאַרף מיט מיר רעדן.

— נו, ווייבאַלד נעסטער, איז פּירט אים דערווייל אין קאָמענדאַנטור, ביז נעסטער וועט קומען, — און מיטן האַנט אָנגעוויזן אין הויף אַפן נידעריקן הייזעלע פאַר די אַרעסטירטע.

## VI

אינעם קליינעם פינצטערן קלאַדאָווקעלע האָט געאַיפּעשט מיט הינער-קויט, מיט שימל און מיט פאַרפוילטער איבערגעזייערטער קרויט.

אין טיר — אַן אויסגעשניטענע לאָך פאַר אַ שייבל. ווי נאָר מע צעעפנט די טיר פון פּאָדער-הויז, ווינקט אַריין אין קלאַדאָווקעלע אַ טראָפּן שיין. פאַרמאַכט מען די טיר — ווידער אַ געדיכטער פאַריפּעשטער כוישעך.

מיט די הענט האָט שולמאַן אויסגעטאַפּט די גרויס פון דער קלאַדאָווקעלע, אוועקגעזעצט זיך אַפן אויסגעבעטן שטרוי, און פאַרפלעכטנדיק די הענט אַף די קני אַראָפּגעלאָזט אַף זיי די קאָפּ.

דאָ, אין אומהיימלעכן כּישעך זיינען די געדאַנקען זיינע אויך געוואָרן אומהיימלעך און פינצטער.

ווידער איז ארויסגעשווומען די קוקורוזע, ווו ער איז געלעגן, דער וואָקזאל, די צוויי שערענגעס ארמייער, דאס ווייב, די קינדער און דער הונט מיטן ווייסן פלעק אפן שטערן.

ערשט איצט האט ער דערפילט ווי שטאַרק דער ביס בריט אים די פוס, ניט אנדערש, אז דער הונט איז געווען א מעשוגענער, און אויב אים וועט אפילע געלינגען אויסדרייען זיך פון מאַכנאָס האַנט, וועט ער פונעם ביס רירן זיך פון זינען.

פאַלן אין שלאַכט, פאַלן אפילע פון מאַכנאָס האנט, — דאס איז אים געווען פארשטענדלעך, נאָר יאָרן אָפּזיצן אין די טיורמעס, באטייליקן זיך אין די שווערסטע שלאַכטן אף אלע פראָנטן און לעסאָף אומקומען פון א מעשוגענעם הונט? — מיט דעם האָט דער געדאַנק ניט געוואָלט צוזאַמענלעבן זיך.

אַ לאנגע צייט איז ער געזעסן א געהויקערטער און געקוויקט זיך מיט די פינצטערע געדאַנקען. נאָר לעכאטכילע איז צו אים נאָך דערשווימען א געסקריפּ פון א טיר, דערשווימען טריט פונעם וועכטער און א געזאַגג פון פיל שטימען. לעסאָף איז אָבער אלץ פארשטומט געווארן. ליגן ליגט ער גאָרניט אין דער פינצטערער קלאדאָווקעלע, נאָר באַ זיך אין צימערל אף אָדעסער מאָלדאוואנקע.ביידע קינדער זיצן אף אים רייטנדיק, און דאס ווייב טרייסלט אים גאָר פאר די אקסל און שרייט אים אין אויער:

— בראַטישקע, א, בראטישקע!

— וואָס! האַ, טיעפּלושקעס?

— ניין, ניט קיין טיעפּלושקעס — האָט אים דער געשטופּלטער מאַכנאָוועץ געענטפערט. — דער באטקע מאַכנאָ רופט.

בלויז פונעם געדאַנק, אז באַלד וועט ער זיך באגעגענען מיט דעם, וואָס וועט באפוילן מע זאָל אים צעשיסן איידער נאָך ער האָט עפּעס צוגעטראַכט, ווי אזוי אויסצודרייען זיך פון טויט, — בלויז פון אט דעם געדאַנק איז אים קאַלט געוואָרן אין אלע גלידער, און א געהויקערטער איז ער אוועק אין דער באגלייטונג פונעם געשטופּלטן און נאָך פון צוויי מאַכנאָוועצעס, אוועק מיט א שיקער - געפלאָנטערטן טראָט.

ארום — א שיקערער געזאַנג. עס ליאַרעמען האַרמאָשקעס, ערגעץ גרימ־פּלען באַלאַלאַיקעס, ערגעץ רעווען בעהיימעס, און דער טאָג, מיט אַ שמייכל פון א שווינדזיכטיקן דער טאג גייט אויס ווי א געקרייצטער אפן באַגילטן קלויסטערישן ציילעם.

קלויסטערשע צלאָמים, קלויסטערשע גלאָקן פּלעג שולמאַן ניט קאָנען פארטראָגן. זייער גאָלדערנער געבלאַנק, זייער נאַבאַטישער געקלאַנג פּלעגט שטענדיק אופקאָכן זיין בלוט, פארביטערן זיין שטימונג און צע־וועקן די זיכרוינעס פון זיינע קינדעריאָרן אין שטעטלע, ווען יעדער פּאַסכע, יעדער טרויצע, יעדער ראַזשדעסטוואָ פּלעגן אלע יידן ליגן דער־שראָקענע אין די הייזער און ציטערן פאר א פּאָגראָם.

פון קינדווייז אָן איז באַ אים פארבליבן א פארביטערטע סינע צו קלויסטערס, און אפילע אף די פראָנטן פּלעגט ער ניט קאָנען באפרייען זיך פון דער סינע. יעדער קלויסטער מיט זיינע צלאָמים איז פאַר שול־מאנען געווען אן עשאפּאָט מיט גאָלדענע טליעס. יעדער רעגע זיינען דאָך די עשאפּאָטן גרייט אופצוהענגען די רעוואָליוציע אף זייערע אופגע־שטעלטע גאָלדענע טליעס. צו וואָס זשע לאָזט מען זיי שטיין? פארוואָס ציטערט מען אָנצורירן די קלויסטערס? דעם גלויבן אין קייסער, די קנעכ־טישע אָפּשיי פארן גוויר האָט מען צעשאָסן, און די קלויסטערס געלאָזט.

— וויט נאָך צו שפּאנען?

— אָן, צום גאלעכס הויז, וואָס מיט בלעך געדעקט,— האָט אים דער געשטופּלטער אָנגעוויזן.

ארייַנגייענדיק אין פאָדערהויז האָט שולמאַן דערהערט אַ געשמאַקן רייעך פון געבראָטנס, און ערשט איצט דערפילט, אַז ער איז שטארק הונגעריק.

אין קיך איז געשטאנען א פעטע, בליענדיקע גאַלעכטע און עפּעס גע־בראָטן. נעבן איר איז דער גאַלעך געשטאַנען צוגעבויגן צו דער סקאָוואָ־ראָדע און דורך די ברילן ערנסט און הייליק געקוקט, צי דאָס געבראָטנס ווערט כאָלילע ניט אונטערגעברענט.

קוקנדיק אף זייערע ערנסטע, פארפלאָמטע פּנימער, האָט זיך שולמאַן אינערלעך צעלאכט. זיי, דער גאַלעך מיט דער גאַלעכטע, זיי גרייטן קיבעד פאר מאַכנאָ דעם אַנאַרכיסט. זיי שפּייזן אים, ער זאָל האָבן קויעך צו קעמפן מיט די קאָמוניסטן.

מיט א זייט איז נעסטער מאכנאָ געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און געגלעט א פעטע שוואַרצע קאַץ.

שולמאַנס אריינקומען האָט ער גוט באמערקט, נאָר אַ לאַנגע צייט געמאַכט זיך ניטוויסנדיק.

געשטאַנען איז ער אראָפּגעבויגן צו דער קאַץ, געקיצלט זי אין נאָז מיטן אייגענעם עק און שמייכלענדיק געקוקט, ווי די קאַץ פּאָרשקעט און דרייט אומצופרידן מיטן קאָפּ.

אַז דער קאַץ איז נימעס געוואָרן דאָס קיצלען און אין אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן בייזע גרינע פייערלעך, איז מאַכנאָ פּלוצים אופגעבראַכט געוואָרן, קאַעסדיק ארויסגעשליידערט די קאַץ דורכן פענצטער, און פאַרוקנדיק די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אוועקגעשפּאַנט מיט גיכע, דריבנע, אויפגערעגטע טריט, אוועקגעשפּאַנט אַן אָנגעצונדענער אַף דער קאַץ פאַר איר האָזע.

אינמיטן צימער איז מאַכנאָ געבליבן שטיין, פון אונטן ארויף אָפּגעמאָסטן שולמאַנס גרויסע ביינעריקע פיגור און איינצייטיק אָנגעהויבן אָפּשפּילען די קאָבורע פון רעוואָלווער.

קינע, דראָונג און פאַראַכטונג, פאַרביטערטע סינע, און פאַריסענע, פּריכבע גאַיווע — אַלץ איז געווען אין דעם לאַנגן דורכדרינגלעכן בליק.

מער פון אַלץ איז אָבער אינעם בליק געווען קינע, א פאַרביסענע דאָרשטיקע קינע צו שולמאַנס הויך, צו זיינע טרוקענע ביינעריקע פלייצעס און פאַרבאָרגענע בערישער קראַפט.

דערזעענדיק, אַז מאַכנאָ שפּילעט אָפּ די קאָבורע פון רעוואָלווער, איז אין שולמאַנס מויעך דורכגעשווינדן, אַז ער וויל אים צעשיסן טאַקע דאָ, דאָ אין צימער.

צו דער פּאָטיליצע איז דער געדאַנק דערשוווּמען מיט א פּראָסטיקן ברי, יעדער מוסקל אַף זיין פּאָנים איז פּלוצלינג אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט א פאַרגליווערטער קעגן־קראַפט צו ראַנגלען זיך, ראַנגלען זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און אין מאַכנאָס פאַנים האָבן זיך איינגעטרונקען ניט קיין צונויפגעזשמורעטע אויגן, נאָר שמאָלע צוויי פּאַסיקלעך, ווי קאַלטע בלאַנקענדיקע שאַרפן פון אָקאָרשט־אָנגעשליפטן מעסער.

נאר איין רעגע זיינען זיי געשטאנען איינער קעגן צווייטן און גע־מאָסטן זיך מיט די קוקעס. פּלוצלינג האט זיך מאַכנאָ צעלאַכט און אָפּ־געגאַנגען פון שולמאַנען:

— אייערע רויטע העלדן זוכן מיך באַ דער סטאַנציע לאזאוואַיאַ, און איך בין גאר פּלוצלינג אויסגעוואקסן באַ דיר אונטערן נאָז. כאַ, כאַ, כאַ. ניט געוואַרט? זעץ זיך שולמאַן. הא! ניט געווארט אף אַזאַ גאַסט? נו, זעץ זיך, זאגט מען דיר. צי דיין קאָמוניסטישער שטאָלץ דערלויבט דיר ניט אַפילע פאַרברענגען א מינוט מיט מאַכנאָ דעם אַנאַרכיסט?

פון זיין טאָן איז שולמאַן פאַרכידעשט געוואָרן. אָקאָרשט אַזאַ פייַנטלע־כער בליק, און פּלוצלינג איז מאַכנאָ גאָר געוואָרן גוטמוטיק און אופגעלייגט צו שולמאַנען. וואס זשע, איז ער שיקער? ניין, עפּעס ניט צו מערקן. שולמאַן אָבער קען דאך אָט די כיטרע בעסטיע, אָן א ציל וועט דאָך מאַכנאָ ניט זאָגן און ניט טאָן קיין זאַך, הייסט עס, אז אינעם טאָן ליגט עפּעס א באַזונדערע קאַוואָנע. און מיט א פאַרשאַרפטער אופמערקזאַמקייט האט ער זיך צוגעזעצט צום טיש.

מאַכנאָ איז אלץ אומגעגאַנגען אַהין און צוריק. מיט די פינגער אָפּט געקעמט די לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע, און רייבנדיק א האַנט אָן א האַנט, געשמייכלט צו זיך אליין:

— טראָצקי באַשיסט מיך מיט פּאַמפלעטן! טאָג אף טאָג האלט ער מיך אין איין דיסקרעדיטירן, און איז זיכער, אז אויס מאַכנאָ. קאַפּוט. ערשט מאַכנאָ איז באַליבט, מאַכנאָ פאַרמאָגט א גרויסע ארמיי און לאַכט פון אייך, דע־מאַ־גאָ־גן.

אַז מאַכנאָ איז אייגנטליבלעך, אז מאכנאָ גלויבט ערנסט אין זיינע מיליטערישע גרויסע פעיקייטן און האט ליב צו כוואַסטען — דאס איז שולמאַנען געווען באַוווסט נאָך פון יענער צייט, ווען ער איז געווען אין זיין ארמיי.

מאכנאָס כאַראקטער האט שולמאַן גוט געקאָנט און געוווסט, אז עפּעס פּוילן בא מאַכנאָן קאָן מען אָדער מיט כניפע, אָדער אז מע באַפאַלט אים און מע אנטפּלעקט זיין מענטשלעכע נישטיקייט.

קיין גרעסערן, קיין דרייסטערן פון זיך פלעגט מאַכנאָ ניט פאַרטראָגן. דעם, וואס מאַכנאָ איז נאָר כוישעד געווען, אז ער זעט אלע זיינע כעס־רוינעס, — פּאַר אזוינעם פלעגט מאַכנאָ קנעכטיש ציטערן, און אויב אים

איז ניט געלונגען „אַפּצוראַמען״ אזוינעם פונעם וועג, פלעג ער ביז א צייט באַגיין זיך מיט אים אזוי העפלעך, אזוי פאָרזיכטיק און נאָכגעביק, גלייך ער איז גרייט צו באַצאָלן מיט אַלץ, אבי נאָר אויסצומיידן דעם מינדסטן צוזאַמענשטויס מיט דעם, וואָס זעט אים אָפּ דורך און דורך.

איצט, זיצנדיק באַם טיש, האָט שולמאַן געטראַכט, ווי אזוי זאָל ער זיך האַלטן. זיין לעבן איז אין מאַכנאָס הענט. ער קאָן אים צעשיסן באַלד, קאָן אים צעשיסן מאָרגן, איבערמאָרגן. און שולמאַן דאַרף געווינען כאָטש א טאָג אדער צוויי, ביז מע וועט אין שטאַב דערוויסן, אז ער איז געפאַנגען.

ווי זשע האַלט מען זיך? כאַנפענען? לויבן זיין העלדישקייט און זיי־נע סטראַטעגישע פעיקייטן, באַוווּנדערן ווי פלינק ער וואַנדערט איבער פון איין ראַיאָן אין צווייטן, און איבעראַשט דערמיט אלע זיינע געגנער?

זאָל ער זיך פּרוּוון פאַרוויגן אים מיט כניפעס און אָף אזא אויפן אָפּ־ציען דעם טויט כאָטש נאָר אָף איין־איינציקן טאָג? צי עפּשער אריינ־שפּייען אים אין פּאָנים, אלץ וואָס שולמאַן ווייסט וועגן אים? דערוויזן אים, אז ער, מאַכנאָ, איז גאָרניט קיין אַנאַרכיסט, נאָר א איינפאַכער באַנדיט, א קאַריעריסט, א נידערטרעכטיקער באַלנויקעם, וואָס איז גרייט אַפילע אומברענגען זיין אייגענע פרוי, אויב נאָר אז עס וועט זיך ארויס־ווייזן, אז זי פאַרשטייט אים, אָדער שטייט עטוואָס העכער פון אים.

זיין כניפעס וועט מאַכנאָ עפּשער ניט גלויבן. קלוג און כיטרע איז ער דאָך פון אלע מאָל געווען. נאָר שולמאַן ווייסט דאָך, אז מאַכנאָ שעמט זיך מיט זיינע כעסרוינעס; שולמאַן ווייסט דאך, אז מאַכנאָ וויל ארויס־שפּרונגען פון זיין אייגענער הויט און קאָן ניט. וועט ער אים צעטרעטן, דערנידעריקן אין זיינע אייגענע אויגן, אַראָפּרייסן זיין אופגעבלאָזענע גאַדלעס, און זאָל זיך מאַכנאָ פאַרטיידיקן, זאָל ער דערווייזן, אז אלץ, אין וואָס שולמאַן באשולדיקט אים, איז ליגן. נאָר אָף אזא אויפן וועט ער אים צווינגען כאָטש איין מאָל דערשטיקן אין זיך דעם קליינלעכן באַל־נויקעם; נאָר אָף אזא אויפן וועט ער אים עפּשער צווינגען כאָטש איין־איינציק מאָל ווערן מענטשלעך, און כאַוועריש באַגיין זיך מיט זיין איצ־טיקן געגנער, מיט שולמאַנען, מיט וועמען מאַכנאָ איז צוזאמען געזעסן א געשמידטער און צוזאַמען געגאַנגען אין שלאַכט?

אָפּן דאָרפישן קלויסטער האבן זיך אָנגעהויבן איבערקלינגען דריי קליינע גלעקער. זייער יעכידנער איינגעגעסענער קלאַנג האט אָבער שול־מאַנען דערמאנט, ווי אזוי קינדווייז פלעגן די שטעטלדיקע שקאָצימלעך אריינעמען די היטלען אין די ציין און פונקט אזוי יעכידנע רייצן אים און שרייען:

— זשיד, כאם, דוליו דאָם!

— זשיד, כאם, דוליו דאָם!

דאס גאַנצע לעבן איז שולמאַן געלאָפן פון קלויסטערשע קלאַנגען. קוים דערלעבט, די רעוואָליוציע זאָל כאָטש שטילער מאכן זייער פּאָ־גראָמישן נאבאַט, און גראָד אין די ערטער, ווו עס באפעסטיקט זיך דער אנאַרכיסט מאַכנאָ, גראד אין די ערטער ווערן די קלויסטערס די ערשטע אופגעלעבט, און צעפלאַפלען זיך מיט דערזועלבער פרעכער האָזע, ווי פאַר דער רעוואָליוציע.

פון די קלויסטערשע קלאַנגען איז שולמאַן געוואָרן אופגערייצט און פאַרלוירן אלע געדאַנקען, ווי אזוי צו האַלטן זיך פאַר מאַכנאָען.

— פריי זיך, אנאַרכיסט, פריי זיך,— האט שולמאן אזוי בייז און שטאַרק א שפיי געטאָן אין פענצטער, גלייך ער וויל פון צימער טרעפן גלייך אין קלויסטער אריין,— גאָטס באַפולמעכטיקטע בענטשן דיך מיט מע־שענע ציינגער.

מאַכנאָ האט זיך געמאכט ניטהערנדיק, ארויסגענומען פון בופעט א פלעשל מיט צוויי גלעזער, אָנגעגאָסן סאַמאָהאָן און געזעצט זיך צום טיש קעגן שולמאנען.

אַן אויסגעפוצטע אין א ווייס־געשפרינקלט קלייד און מיט א הויך־פאַרדרייטן גיישע־קובליק איז אין צימער אריינגעגאַנגען די גאַלעכטע, אוועקגעשטעלט א געבראָטן הינדל אף א בלויודע און עפעס אָנגעהויבן זוכן דאָס אין בופעט, דאָס אף די פענצטער, דאָס ארום טיש.

אומגעגאנגען איז זי ווי אונטערטאַנצנדיק און פון איר צעפלאַמטן פּאָנים, פון דעם קאָקעטישן, קלוימערשט פאַרשעמטן בליק, האט צו מאַכ־נאָען ארויסגעוווּנקען איין געבעט: „באפויל נאָר, הערשער, באפויל נאָר און איך בין גרייט אף אלץ".

אין טיר איז דער גאַלעך געשטאַנען ווי א הונט מיט א צעעפנט מויל, און גליקלעך געקוקט, ווי זי באַדעקט דעם טיש מיט א ווייסן טישטעך

און ווי מאַכנאָ קוקט אף איר מיט א שמייכלענדיק צונויפגעזשמורעט אייגל.

— א ווילע יע־פיי־פע־לע — האט מאַכנאָ שעלמיש א ווונק געטאָן צו שולמאַנען, ווי נאָר די גאַלעכטע איז ארויס פון צימער — א ווייבעלע מיט זאַפט. נו, שולמאַן, טרינק.

— איך טרינק ניט.

— וואָס זשע, אין דער רויטער ארמיי ביזטו אפאָנים געוואָרן א מאָנאַך? טראָצקי האט אייך גוט גענומען אין די הענט: קיין בראָנפן טרינקט איר ניט, דעם סאָציאַליזם בויט איר ניט. בוררר, ווי ביטער און ווי איפּעשדיק איז דער סאַמאָהאָן, און פאָטער ווערן פון דעם סאַמאָהאָן קאָן איך ניט. נו, טרינק זאָגט מען דיר!

אין זיינע רונדע דורכדרינגלעכע שוואַרצע שפּאַרבער־אויגן איז אופגעשווומען א בייזער שטעכעוודיקער גלאַנץ, און אינעם קרומלעכן לינקן מויל־ווינקל — די אַלטע גאַליקע פאַרביטערטקייט.

פון דער גלאָז סאַמאָהאָן, פון מאַכנאָס בליק איז שולמאַן נאָך מער אופגערייצט געוואָרן, עפּעס קוקט ער ניט, נאָר עגבערט, גראבלט מיט קאַלטע נעגל, און דער בליק זיינער גליטשט זיך אַראָפּ אין האַרץ אריין, ווי א שטעכעוודיקער יאָזש.

א רעגע זיינען שולמאַנס אויגן אומגעקראָכן איבערן צימער, געפּרווט בלייבן הענגען אף דער צאַנקענדיקער איקאָנע, און אלץ געפילט, אז מאכנאָס בליק טאַפּט, גראבלט און פּויזעט איבער אים, ווי קאַלטע קלעפּיקע שמוץ.

מאַכנאָ האט זיך אָבער אריבערגעבויגן איבערן טיש און שולמאַנען א צי געטאָן פאַרן פרענטש:

— קוק מיר נאָר גלייך אין די אויגן און זאָג, וואס טראַכט איר זיך: קאָמוניזם? ווו זשע איז דער קאָמוניזם אייערער, האַ? טשעקאַ? מיך וויל מען פאַרוויגן פאַר א קאָנטר־רעוואָליוציאָנער און אליין פירט איר איין די רעאקציאָנערסטע אָרדענונג. אנשטאט צעטיילן די גאַנצע ערד די פּויערים און זאָל זיך יעדער פּויער זייען וויפל ער וויל, מאכט איר גאָר ראַטן־ווירטשאַפטן; די מאַכט וויל פאַרכאַפּן אלע רייכטימער פון לאַנד, ווערן אליין דער גרעסטער עקספּלואטאַטער, און אַפן פּויער זעצט מען זיך אָן מיט פּראָדראַזוויאָרסטקעס. אזוי בויט איר דאס דעם סאָציאליזם?

צוליב דעם, שולמאַן, זיינען מיר געזעסן אין די טיורמעס און געטרוימט און געוואַרט אויף דער רעוואָליוציע? ווו, פרעג איך דיך, איז אייער קאָפּ? איר פאַרשטייט צו וואָס איר וועט דערגיין? טרינק!

פון זיין לינקן מויל־ווינקל איז פאַרשוווּנדן די גאַליקע פאַרביטערט־קייט, פונעם בליק — די דורכדרינגלעכע ברודיקע שטעכעוודיקייט, און אויף איין רגע האָט שולמאַן פאַר זיך דערזען יענעם מאַכנאָען, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געזעסן אין טיורמע, מאַכנאָ דעם טרוימער, מאַכנאָ דעם יונגן באַגייסטערטן רעוואָליוציאָנער מיטן גליענדיקן פייערלעכן גלויבן אין די רונדע שוואַרצע שפּאַרבער־אויגן.

אויף א רגע איז שולמאַנען עפּעס וואַרעמער געוואָרן אין אלע גלי־דער, נאָר פאַרביי פענצטער איז דורכגעגאַנגען האַוורישע און קלוימערשט צופעליק א קוק געטאָן, וואָס אין צימער טוט זיך.

אין שולמאַנס זיקאָרן זיינען פלוצלינג אויפגעשוווּמען אלע איינצלהייטן פון די גרויזאַמע שכיטעס, וואָס האַוורישע פלעגט מאַכן לויט מאַכנאָס באַפעל.

אויפגעשוווּמען זיינען אין זיקאָרן די שיקערע וואַקכאַנאַליעס, וואָס מאַכנאָ פלעגט מאַכן אין יעדער שטאָט, אין יעדער דאָרף, ווו נאָר ער פלעגט אריינקומען מיט זיין באַנדע, און אנשטאָט מאַכנאָ דעם יונגן טרוימער, אָנשטאָט מאַכנאָ דעם באַגייסטערטן רעוואָליוציאָנער, איז איצט פאַר אים ווידער געזעסן א קליין נישטיק מענטשעלע מיט א גרויסער שוואַרצער פאַטלע האָר, ווי א קודלאַטער הונט; א מענטש, וואָס האָט אמאָל געהאַט אלע אייגנשאַפטן צו זיין א באַגייסטערטער שיינער קעמ־פער, נאָר אנשטאָט פאַרבונדן זיין אייגענעם גורל מיטן גורל פון די, וואָס זיינען באַרופן צו צעשטערן און צו בויען, איז ער גאָר אוועק מיט די האַווורישעס, אוועק אָן א וועג און א שטעג, באַטרונקען געוואָרן פונעם בילקן רום, פאַרשיקערט זיינע ליכטיקע טרוימען, אויסגעגליטשט זיך אין אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, און אט דער מאַכנאָ, וואָס באַפליגלט יעדער אופשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט, שטאָלצירט מיטן באַנדיטיזם, ווי מיט דער פאָן פון זיין ציל — ער דערוועגט זיך נאָך האָבן טאַינעס צו די קאָמוניסטן, ער דערוועגט זיך נאָך פרעגן, ווו איז דער סאָציאַליזם?

אלץ, וואָס פאַרן טאָג איז אָנגעזאָמלט געוואָרן אַפן האַרצן, האָט זיך געריסן צום צונג, נאָר אין מויעך איז ערגעץ געלעגן א פאַרנעפּלטער

געדאַנק, אז זיין לעבן איז אין מאכנאָס הענט און ער דאַרף נאָך צו־טראַכטן, ווי אזוי זאָל ער זיך האַלטן, קעדיי צו געווינען כאָטש איין איינציקן טאָג, ביז מע וועט אין שטאַב דערוויסן, אז ער איז געפאַנגען.

ארייננשפייען אים אין פּאָנים, אז ער איז א באנדיט, און אלע זיינע טאַינעס וועגן סאָציאַליזם זיינען ניט מער ווי פּוסטע פראַזן, אלע זיינע טאַינעס זיינען ניט מער ווי א יערושע פון די אלטע טיורמע־געשפּרעכן, פון וועלכער ער, מאַכנאָ, קאָן זיך ניט אָפּגעוווינען? צי עפּשער כאַנפע־נען? מאַכן זיך טאַמעוואטע און צובאָמקען צו אַלץ, וואָס מאכנאָ רעדט?

אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגן אָן טיש איז מאַכנאָ געזעסן קעגן שול־מאַנען, מיט א דורכדרינגלעכער נייגעריקייט געקוקט אין שולמאַנס אויגן און געוואָלט אין זיי אַפּאָנים דורכלייענען דעם זין פון זיינע געדאַנקען.

פון מאַכנאָס בליק איז אבער שולמאַנען ווידער געוואָרן אומהיימלעך. עפּעס נישטערן די בליקן זיינע, פון זייער גליענדיקער שוואַרצקייט קוקט דאך ארויס די פארבלוטיקטע נעשאָמע פון א באַנדיט, און ער רעדט נאָך וועגן סאָציאַליזם! זיינע בלוטיקע מאַיסים וויל ער פאַרשלייערן, וויל באַרעכטיקן מיט קלוימערשטדיקן שטרעבן צו א העכערן אידעאַל!

אלע זיינע פריערדיקע געדאַנקען זיינען פלוצלינג אויסגערינען פון מויעך און ער האט גיפטיק דורכגעזאָגט:

— דערפאַר וועסטו אויסבויען דעם עמעסן סאָציאַליזם, דו צוזאמען מיט האַווריושען.

מאַכנאָ איז ראַש אופגעשפּרונגען פון בענקל, מיט די צעשפּרייטע הענט אָנגעשפּאַרט זיך אָן טיש און א געבויגענער אזוי טיריש איינגעטרונקען זיך אין שולמאַנס פּאָנים, גלייך ער איז גרייט א כאַפּ טאָן אים מיט די ציין און צעפליקן אף שטיקער.

— האַוורישע?! — האט ער זיך אָנגעהויבן קלאַפּן אין ברוסט, — די האַוו־ריושעס זיינען מיר טייערער ווי אלע אייערע קאָמוניסטן און איבערגע־שפּיצטע אַנאַרכיסטן, וואס לויפן פון מיין אַרמיי ווי אַ שעד פון ווייראַך. די האַוריושעס זיינען מיר טריי, זיי פאַרלאָזן מיך ניט, זיי בינדן מיר ניט אָן קיין טעאָריעס וועגן אַ קלאַסן־ליניע, וועגן זיין מאַיסטעט דעם פּראָלעטאַריאַט און נאָך אַזוינע באַבע־מאַיסעס. וואס פאַר א ווערט, פרעג איך דיך, האט דער פּראָלעטאַריאַט? פאַרוואס קומט אים צו זיין דער הערשער און אכציק מיליאָן פּויערים זאָלן גיין באַ אים אַפּן שטריקל?

פאַרוואָס, פרעג איך דיך! צי ווייסט איר, אידיאָטן, צי ווייסט איר כאָטש, אַז מיטן קלאַסנקאַמף, וואָס איר צעפלאַקערט צווישן דעם פויערטום, ברענגט איר אום די גאַנצע רעוואָלוציע?

אַף זיינע ליפּן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ דין שנירעלע שוים, דאָס פּאָ־נים, די בליקן זיינען געוואָרן טרויעריק, פאַרביטערט, און שטעכעוודיק.

א רעגע איז ער געזעסן אַרומגעכאַפּט די קאָפּ מיטביידע הענט, גע־וויגט זיך אַף רעכטס און לינקס, און מיט אַ געבראָכענער שטים באַ־קלאָגט זיך:

— די קאָפּ, די קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן, יעדערער קומט מיט טאַינעס, יעדערער וואַרפט מיר אויס די האָוריוּשעס, און מיט די האָוו־ריושעס לאָזט מען מיך איבער. קיינער וויל מיך ניט פאַרשטיין, קיינער וויל מיר ניט העלפן, נאָר טאַינעס, טאַינעס אָן אַן אופהער! עך, סוואָ־לאָ־טשעס!

מיט א ציטערנדיקער האַנט האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלאָז סאַמאָהאָן, אויסגעטרונקען, און אָפּגעשניטן אַ שטיקל געבראָטענע הון. נאָר טייקעף אַרויסגעשפּיגן, ניט קענענדיק אַפּאָנים אַראָפּשלונגען.

— די האָוו־ריו־שעס — האָט ער גאַליק דורכגעזאָגט, קוקנדיק בייז אַף דער בליודע. — מע מיינט אפּאָנים, אַז איך זע ניט וואָסערע באַנ־די־טן עס רינגלען מיך אַרום? — און דאָס פּאָנים זיינס איז איבלדיק אויסגעקנייטשט געוואָרן פונעם וואָרט „באַנדיטן".

פאַר שולמאַנען איז דאָס געווען א נייעס, מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק וואָלט מאַכנאָ ניט דערלויבט זיך אַזוי רעדן וועגן די האָוריושעס, מיט די האָוריושעס פלעגט ער שטאָלצירן, זיי פלעגן באַ אים פאַרנע־מען דעם אויבנאָן — איצט אַזאַ פּלוצלינגע ענדערונג! וואָס זשע, איז ער געוואָרן קלוגער? ווייטזעאיקער? צי די לאַגע איז אַ ביטערע, און מאַכנאָ, דער אַקטיאָר, וויל איצט שפּילן די ראָל פון אַן אומבאַהאָלפענעם מענטשן, וואָס זעט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ, נאָר איז נעבעך ניט בעקויעך באַקעמפן דעם באַנדיטיזם, וואָס ער אַליין פלעגט פלאַנצן?

אַ כמורנער, א פאַרביטערטער איז מאַכנאָ געזעסן איינגעבויגן איבער דער בליודע און געגעסן דאָס געבראָטענע הינדל, פון מאָל צו מאָל פלעגט ער אָבער געניייוויש אַ קוק טאָן אַף שולמאַנען, א קוק טאָן, נאָר מיט אַ אויג־ווינקל, און דערזעענדיק, אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַף

שולמאנען אַן איינדרוק, האט ער אָפּגערוקט פון זיך די בלײדע און אָנ־געהויבן ריידן מיט אַ ווייכער, האַרציקער און בעטנדיקער שטימע:

— אַדעראבבע, העלף מיר פּאָטער צו ווערן פון האָוריוּשעס, גיי איבער צו מיר אין דער ארמיי. גיי איבער, שולמאן, און מארגן גיב איך דיר א פֿאָלק, א דעוויזיע, א גאנצן קאָרפּוס. דרייצן פעסלעך גאלד ליגן באַ מיר פארגראָבן אין דר׳ערד, מיט איין וווּנק זאמל איך אויף צענדליקער טויזנטער פויערים. קאמאנדירן דארף איך, שולמאן, הערסט, גוטע קאמאנ־דירן, און קרים איז אין אונדזערע הענט. מיר, שולמאן, מיר וועלן פארנעמען קרים, מיר און ניט די באָלשעוויקעס. דאָרט, אין קרים, וועלן מיר שאַפן א באַזונדערע מאכנאָווישער רעפובליק, אונדזערע נעמען וועט די גע־שיכטע פארשרייבן אף גאָלדענע לוכעס. הערסט, שולמאַן, אונדזערע, אונדזערע נעמען — האט ער זיך האסטיק אנגעהויבן קלאַפּן אין ברוסט. — אונדזערע נעמען אַף גאָלדענע לוכעס!

געזעסן איז שולמאן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ און נאר געהערט ווי די קלויסטערשע גלאָקן אַקאָמפּאַנירן מאכנאָס היציקע רעדע. דאס אויער האט געהערט, ווי מאַכנאָ פּלאפּלט היציק וועגן אַ אייגענער רע־פּובליק, וווּ יעדער פויער וועט באארבעטן וויפל ערד ער וויל; א רעפּוב־ליק, ווו עס וועלן ניט זיין קיין צוואנגס־מיטלען, קיין „טשעקא״, פונקט דאס אלץ, נאך וואס עס בענקט די פארשלייערטע קאנטר־רעוואלוציע.

דאס אויער האט געהערט איינס און פאר די אויגן איז געשטאנען א לאנגע קייט רויטע טיפּלושקעס, בא די טיפּלושקעס — צעשאָסענע ארמייער, וואס האבן ערגעץ געלאָזן עלטערן, ווייבער און קינדער. אין שלאכט זיינען די ארמייער געגאנגען מיט א ליכטיקן טרוים, אופצובויען א לעבן אָן טרערן, אָן קנעכטשאפט, אָן בלוט, און באַם שוועל געפאלן פון מאַכנאָס האנט.

אלץ, וואס פארן טאָג איז אָנגעזאָטן געווארן אַפן הארצן, איז פּלוצלינג צוגעשוומען צום פּיסק, און ארויסגעפּלאצט אינעם הילכיקן קלאפּ אָן טיש:

— פאר וואס האסטו צעשאָסן מיינע כאַווירים?

איבערראשט האט זיך מאַכנאָ אַף צוריק א זעץ געטאָן אַפן בענקל, מיט די פינגער ראַש ארופגעקעמט די לאנגע שוואַרצע האָר, א כאפּ געטאָן זיך פאר דער קאבורע, נאָר טייקעף כאראָטע געהאט:

— זיץ. וואס ליארעמסטו, וואס? זיץ!

שולמאַן איז שוין אבער געשטאנען א געבויגענער, גרייט א שפרונג טאָן אף מאַכנאָען ווי א כאיע, געקוקט אף אים מיט א צונויפגעזשמור־רעטן שטאָלענעם בליק און מיטן פויסט געהאַקט אין טיש:

— פאַרוואס, פרעג איך דיך, האָסטו צעשאָסן אזוי פיל רעוואָליוציאָנערן? האָ! מיר, שולמאַנען, לייגסטו פאַר ווידער אריינטרעטן אין דיין רויבערישער באַנדע און העלפן דיר שאַפן אַ אייגענע רעפּובליק? מיר לייגסטו פאָר א דיוויזיע, א קאָרפּוס. מעס! דו ביסט דאָך אַ לעבעדיקער מעס. נאָר האווריושעס ווען גיין נאָך דיר, נאָר אזוינע באַנדיטן ווי דו.

באַם טיר האט ער זיך דערמאַנט, אַז אפן טיש איז געבליבן די היטל און צוריק געקערט זיך.

די קאָפּ געניִדערט אַפּן ברוסט, די הענט פארפלאָכטן אַפּן בויך, איז מאַכנאָ געזעסן א דערשלאָגענער, און נאָר פון מאָל צו מאָל נערוועיש געטרייסלט מיטן קאָפּ, קעדיי אָפּצוואַרפן פונעם פּאָנים די אָוולדיק צעפאַלענע פּאַטלע האָר.

אויס פאַריסענע גאַדלעס, אויס כוואַסטעוואַטע העלדישקייט. א קלייניקער, אַ געבראָכענער זיצט מאַכנאָ איינגעדרייען געבויגן, ער, שולמאַן, האט אים אויסגעטאָן א נאַקעטן און באַוויזן אים דאָס, וואָס מאַכנאָ האט שוין לאַנג אין זיך כוישעד געווען, נאָר ניט געקאָנט בייקומען.

דערזעענדיק, אַז שולמאַן נעמט די היטל און לאָזט זיך צום טיר, האט ער מיט א פאַרוואָרגענער שטים שטיל אַ זאָג געטאָן:

— באַטראַכט זיך, שולמאַן, איך לייג דיר פאָר ווי אַן אַלטן כאַווער.

— אַ שעד איז דיר א כאַווער, אַ שעד, נאָר ניט איך. באַנ־דיט!

פּלוצלינג האט מאַכנאָ א ריס געטאָן דעם טישטעך מיטן געשיר און ראַש א שליידער געטאָן פון זיך דעם טיש:

— וועל איך דיך צעשיסן ווי אַ הונט!

דאָס פּאָנים, דער טרוקענער גלאַנץ אין די אויגן זיינען ווידער געוואָרן טיריש, שטעכיק און פארביטערט.

— צעשיסן? איך שפּיי אף דיר, די גאַנצע רעוואָליוציע וועסטו ניט צעשיסן. און שולמאַן איז ארויס פון צימער.

אין פאָדערהויז — האווריושע, א געדאָפּלטע צאָל קאָנוואָירן און אַ רייצנדיקער רייעך פון געבראָטנס.

— בינדט אים די הענט,— האט האוריוושע באַפוילן.

אַף איין רעגע איז שולמאַנען איינגעפאלן פאַרפאַרן האווריוושען אין אויער. נאר פארמעסטנדיק די האנט,— דערזעען, ווי האווריוושע צילט אַף אים דעם רעוואָלווער.

דער געשטופּלטער מאַכנאָוועץ האט אים פארדרייט די הענט אף הינטן און שטייף צונויפגעבונדן זיי מיט שניידיקן טעלעפאָנען־דראָט.

— רירט זיך.

נאַכט.

אין הויכן בלויען הימל — איינזאַמע בלייכע שטערן און אַ פערטל רויטע לעוואָנע ווי אַן אופגעשניטענע וווּנד.

פון אומעטום — א געזאנג, א פריילעך געקוויטשעריי פון פויערטעס און ס׳דוכט זיך, דאס גאנצע דאָרף זינגט, שפילט אף הארמאָשקעס און קוויטשעט פון אופגערעגטער ליידנשאפט.

אַהער איז מען דאכט געגאנגען מיט אַן אנדער וועג, ניט געווען קיין קלויסטער מיט קיין ווייסגעקאַלעכטן פלויט, און ניט געווען קיין בייס־אלמען. וווהין זשע פירט מען אים?..

הינטער זיך הערט ער, ווי האַווריושע טאַינעט היציק צו די מאַכנאָוו־צעס, אַז ס׳איז ניט זייער אייסעק. ער, האווריושע, נעמט אף זיך די גאנצע פאראנטווארטלעכקייט. מיט עפעס זיינען די קאנוואָירן ניט מאס־קים. ניט מאַסקים אָן דעם באפעל פונעם אטאַמאַן. נאָר מיט וואָס זיינען זיי ניט מאַסקים, וואָס פאר א פאראנטווארטלעכקייט נעמט אַף זיך האוו־ריושע? האַ! צעשיסן. מע פירט אים צעשיסן?

דאָס הארץ קלאפט אזוי אָפט און אזוי הילכיק, אז דאס אויער הערט יעדן קלאַפּ באזונדער. אין אלע גלידער נאָגט. אויסציען ווילט זיך ווי נאָך א שווערן פיבער, נאָר אין פאטיליצע אָטעמט עמעץ פראָסטיק. באלד, באלד וועט מען אים פון הינטן דורכשיסן דעם שאַרבן און אַ סאָף.

עפעס האט זיך די לעוואָנע איבערגעקוליעט, פלוצלינג זיינען אויסגע־לאָשן געוואָרן אלע שטערן, און פאר די אויגן וואַקסט, וואַקסט א לאַנגע קייט רויטע טיעפּלושקעס. די ווייט, די הויך איז פארווארגן פון די טיעפּ־לושקעס, און פאר די דאָפּלט צעברייטערטע לונגען איז געבליבן אזוי ווייניק לופט.

שפּאַנען ווילט זיך, גיין, גיין אָן אַן אופהער, נאָר פּונקט אינמיטן וועג ליגט דער בייסאַלמען מיט אַזוי פיל צלאָמים, ווי מיט צעשפּרייטע פינצ־טערע אָרעם. אָט דאָ וועט מען... האַ, אַ שאָס? צי דאָס קלינגט גאָר אין די אויערן? נאָר עפּעס שרייט מען דאָך:

— שטיי, שטיי, זאָגט מען דיר.

אַ פאַרגליווערטער איז שולמאַן געבליבן שטיין, שאַרפער דערפילט ווי עס בריט אים פּראַקטיק אין פּאַטיליצע, און פאַרמאַכנדיק די אויגן, איינ־געביסן זיך מיט די ציין אין דער אויבערשטער ליפּ.

פאַר די אויגן — דאָס צימערל אַף אָדעסער מאַלדאָוואַנקע, דאָס ווייב, די קינדער, מיט די פעדערשטע פיס אַפן פּלויט שטייט דער הונט, און גריצענקע רייסט פון אים אַראָפּ דעם רעוואָלווער.

„באַלד, באַלד"—האָט אים אָנגעהויבן האַקן אין די שלייפן, באַלד וועט ער דערהערן דעם שאָס. נאָר אַנשטאָט א שאָס — אַ פראַגע:

— צעבונדן?

— ניין,—האָט האַוורישע בייז א שפּיי געטאָן און אַוועקגעשפּאַנט מיט אופגעדרעגטע טריט.

דאַכט זיך, דיזעלבע שטרוי אונטער די פיס; דאַכט זיך, דערזעלבער איפּעש פון הינער־קויט, פון שימל און פון איבערגעזייערטער קרויט.

— דאָ, הייסט עס — האָט ער פּראַקטיק א טראַכט געטאָן — דאָ אין קלאַדאָווקעלע וועט מען צעשיסן?

מיט דער פּלייצע האָט ער זיך צוגערוקט צום וואַנט, מיט די געבונדענע הענט אָנגעטאַפּט אַ ווינקל, און שטיל, שטיל אַראָפּגעזעצט זיך, גלייך אינעם ווינקל קאָן ער זיך אויסבאַהאַלטן פון דער קויל.

אין פאָדערהויז — אַ געשפּרעך, דאַכט זיך, מענטשלעכע שטימען. דאַכט זיך, א מענטשלעך לאָשן, נאָר איין־איינציק וואָרט זאָל כאָטש שולמאַן פאַרשטיין.

אַ טויבער, א צונויפגעקנוילטער איז ער געזעסן אַף די קאָרטעטשקעס, געקוקט אין כוישעך מיט א פאַרגליווערט־ווייסן פייער אין די אויגן, און לאַנג, לאַנג געוואַרט אַפן שאָס.

פּלוצלינג האָט אַ סקריפּע געטאָן דער הילצערנער ריגל פון טיר, און פונעם סקריפּ איז אים איבערן גאַנצן קערפּער דורכגעגאַנגען אַ שוידער, פאַרגליווערט דאָס האַרץ און מיט קאַלטן שוויס באַדעקט דאָס גאַנצע לייב:

— „מע גייט".

די בלינד-געוואָרענע אויגן האָבן, דאַכט זיך, געזען מענטשלעכע פּע־נימער; דאָס אויער האָט, דאַכט זיך, געהערט אַ שאָס, נאָר ווען, ווו? פאַר וואָס זשע פילט ער ניט קיין ווייטיק? עפּעס הערט ער גאָר, ווי די קאָנוואָירן געזעגענען זיך; מע געזעגנט, דאַכט זיך, מיטן געשטופּלטן מאַכנאָוועץ, און עס הילכן אָפּגייענדיקע טריט. וואָס זשע איז געשעען?

מיט א פאַרשטאָרבן האַרץ און אָטעם, מיט אַ פאַרגליווערטן בליק איז ער געזעסן אַף די קאָרטעטשקעס, געטאַפּט די פינגער, צי ער לעבט, אַלץ צוגעהערט זיך, ווי די שטילקייט זשומעט, זשומעט אָן אַן אופהער אין די אויערן, און לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט טרעפן א צאָן אַף אַ צאָן.

ביסלעכווייז איז שולמאַן געקומען צו זיך און געוואָלט באַנעמען וואָס מיט אים איז געשען, נאָר פּיצלעך געפּרוירענע געדאַנקען פלעגן אַף אַ רעגע אַרויסקריכן ווי פון א געדיכטן כוישעך, צונויפפלאָנטערן אין איין קנויל אלע געשעענישן, און פלעגן ווידער פאַרזינקען אין זעלבן כוישעך.

ניט דעם ערשטן מאל איז שולמאַן געשטאַנען באַם שוועל פון טויט, נאָר אַזאַ מאָדנער פלאָנטער איז נאָך קיינמאָל מיט אים ניט פאָרגע־קומען.

צוזאַמען מיט אַלע קאָמוניסטן איז ער באַם וואָקזאַל געשטאַנען אין דער פאָדערשטער ריי און געוואַרט אַפן טויט, נאָר זיי זיינען אומגע־קומען און ער ניט.

אין אויער קלינגט אים נאָך מאַכנאָס געשריי: „וועל איך דיך צעשיסן ווי אַ הונט"! אָקאָרשט האָט אים האַוורישע געפּירט צעשיסן און דאָך געלאָזט לעבן. וואָס זשע טוט זיך דאָ? עפּעס שפּילט מיט אים דער טויט אין א באַהעלטעניש, אַ גאַנצן טאָג ער כאַפּט אים אָן באַם גאָרגל און לאָזט אים אָפּ, כאַפּט אָן און לאָזט אָפּ. נאָר וואָס זשע וועט ווײַ־טער זיין?

א לאַנגע צייט איז ער געזעסן אַ פאַרטיפטער אין דער פראַגע, פון מאָל צו מאָל צוגעהערט זיך צום שטילן געשפרעך, וואָס די עטלעכע וועכטער פירן אין פאָדער-הויז, און דאָרשטיק געשלונגען דעם מאַ־כאָרקע-רויך פון זייערע ציגאַרן, געשלונגען און געהאָפט, אַז דער רויך וועט אופשרויפן זיינע געדאַנקען און ער וועט פאָרט דערטראַכטן וואָס וועט ווייטער זיין.

אַף דער פראַגע איז אָבער דער געדאַנק פאַרגליווערט געוואָרן און געבוירן נאָר איין ענטפער — דער טויט.

נאר וואס מער שולמאַן האט געטראַכט, אַז דער טויט איז אומפאַר־מיידלעך, אַלץ הייסער האט זיך אין אים ווידער צעוואַקסן א געהיימע פרייד, אַז דערווייַלע לעבט ער, לעבט, און עפּעס קאָן מען נאָך אופ־טאָן.

וואס און ווי אַזוי וועט ער עפּעס אופטאָן, איז אים איצט נאָך ווייני־קער קלאָר געווען ווי דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען קיין גר־סאַרקי.

דעמאָלט איז נאָך געווען אַ שטיקל האָפענונג, אַז דער צוזאַמענשטויס מיט מאַכנאָען וועט ניט פאָרקומען אזוי גיך און עפּעס וועט ער צו־טראַכטן. איצט אָבער, נאָך מאַכנאָס לעצטן אויסגעשריי, איצט, אַז מע באוואכט אים אַזוי שטאַרק, איז דאָך אויסגעשלאָסן יעדער מעגלעכקייט צו מאַכן פלייטע. וואָס זשע קאָן אים ראַטעווען? סע קאָן דאָך אים ראַטעווען נאָר אן אָנפאַל מיצאַד די רויטע, אָבער אַזאַ שטאַרקער און פלוצלינגער אָנפאַל, אַז ער, מאַכנאָ, זאל אַפילע ניט באַוויַיזן אים צעשיסן.

פונעם געדאַנק איז ער באַטרונקען געוואָרן, צענדליקער מאָל איבער־געטראַכט ווי אַזוי און ווען דער אָנפאַל דאַרף פאָרקומען, און אַ זיכערער, אַז אין שטאַב ווייסט מען שוין אז ער איז געפאַנגען, און דער אָנפאַל וועט אומבאַדינגט פאָרקומען נאָך איידער מאַכנאָ וועט אים צעשיסן, איז ער איינגעשלאָפן, די קאָפּ געלענט אַף די קני.

איינגעשלאָפן שווער. נאָר אין שלאָף דערפילט, אַז עפּעס איז געוואָרן ליכטיק און עמעצער מינטערט אים:

— שולמאַן, א, שולמאַן!

אַז ער האט אופגעעפנט די אויגן, איז קעגן אים געשטאַנען מאַכנאָס ברודער — גרישקע. געשטאַנען מיט אַ ליכט אין האַנט און הילכיק געלאַכט:

— אַי, בראַטישקע, כראָפּעסטו, מאַמעש ווי נאָך א גוטן טרונק בראָנפן. אַי, אַ כראָפּ.

ערשט איצט האט שולמאַן דערזען, אַז אין קלאַדאָווקעלע שטייען צוויי איבערגעקערטע קליינע פעסלעך. אַף איין פעסעלע האט זיך גרישקע צוגעזעצט, אַפן צווייטן פעסעלע צוגעקלעפּט די ליכט:

— נו, שולמאַן, וואס זשע מאַכסטו? שטעל דיך פאָר, אַז דו ביסט צו מיר אַריינגעקומען מיט די קאָנוואָירן, האָב איך דיך גאָרניט דערקענט. עפּעס זע איך א באַקאַנט פּאָנים און קאָן זיך ניט דערמאָנען ווער ביסטו. רויכערסט, דאַכט זיך? נאַ, פאַרויכער.

— איך קען ניט. די הענט זיינען מיר פאַרבונדן.

— וואָ־אָ־ס! געבונדן? אַך, סוואָלאָטשעס, ביז איצטער האלט מען א מענטשן מיט געבונדענע הענט? טייקעף צעבונדן! — האט ער א געשריי געטאָן צו די דריי וועכטער. — אַי, אַי, אַי, געזען א שפּיצל, ביז איצט נאָך געבונדן, און הונגעריק מיסטאמע ביסטו ווי אַ הונט? נו, באַלד וועלן מיר אַלץ פאַריכטן. הער נאָר, געשטופּלטער! גיי אַריין צום קאָמענדאַנט און זאָג אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל טייקעף געבן עסנווארג, נאָר וואס מערער, און פאַר די וועכטער — א קאַהאַנעץ אָדער אַ לעמפּל.

די גרויל פון די לעצטע איבערלעבענישן איז נאָך ניט אויסגעוועפּט געוואָרן פון די גלידער, און דאָס גאַנצע לייב האט אַזוי געווייטיקט, פונקט ער איז אָקאָרשט פּאָטער געוואָרן פון אַ שווערן דויערנדיקן פיבער. נאָר די שיין, די אופגעבונדענע הענט, די יעדיע וועגן עסן — האט אים ווידער דערמאָנט וועגן לעבן, און צעבליט אַף זיין פּאָנים אַ צו־פרידן שמייכעלע.

אַפן פּעסעלע איז גרישקע געזעסן מיטן לאַנגן טשיביק אין מויל און געפּלאַפּלט וועגן די היצן, וועגן די שווערקייטן, וואס מע שטייט אויס ביז מע קריגט געגנוג פוראַזש פאַר די אָטריאַדן, און וועגן די אייסטראַ־כישע ביקסן, וואס טויגן אַפן פייער.

פון זיינע רייד איז שולמאַנען קלאָר געוואָרן, אַז ניט וועגן דעם איז גרישקע געקומען. פּלאַפּלען פּלאַפּט ער איינס און מיינען מיינט ער עפּעס אַנדערש. נאָר וואס פאר א מיין ליגט אין זיין קומען?

דער טויט הויבט ווידער אָן די שפּיל אין באַהעלטעניש?

באַ דער אָפענער טיר זיינען געשטאַנען די דריי וועכטער, געפּיפּקעט און נייגעריק געקוקט ווי איילִיק שולמאַן עסט און שלינגט אַראָפּ ניט קיין צעקייטע ביסנס.

— נו, וואס דאַרפסט איר דא! — האט גרישקע אָנגעשריגן אַף די וועכטער — מארש אַפן פּאָסט און פאַרמאַכט די טיר!

גרישקע האט אַרויסגענומען פון מויל דעם טשיבוק, נעענטער צו שולמאַנען צוגערוקט דאָס פעסעלע און שטיל געווענדט זיך צו אים:

— נו, זאָג מיר נאָר, שולמאַן, ווו איז דיין קאָפּ? נעסטער איז צו דיר מיטן גאנצן הארצן און די שפייסט אים אין פּאָנים: באַנדיט, בלוטזויגער. צו וואָס, פרעג איך דיך, טוסטו דאָס? נעסטערן קאָנסטו דאָך, היינט האט ער דיך נאָר אָנגעשראָקן און מאָרגן וועט ער דיך טאַקע צעשיסן.

פונעם וואָרט צעשיסן האט ער מיטאמאל פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט און פאַר די אויגן דערזען ניט גרישקן, נאר די צוויי געפאַנגענע יונגע אָפיצירלעך, וואס זיינען אין שטיבל געזעסן מיטן פּאָנים צום באַזוניקטן פענצטער, בעשאַס ער האט זיי געמישפּעט. געזעסן זיינען זיי, פאַרקלעמטע, פאַרבענקטע, דאָרשטיק געקוקט צום בלויען הימל און אויך אופגעציטערט פונעם וואָרט „צעשיסן".

אייגנטלעך איז דאָך גרישקע גערעכט: וואס פאַר אַ נוץ איז אַרויס־געקומען פונעם קריגערייי מיט מאַכנאָען? זיין קאָפּ וועט ער אים אַרופּ־שטעלן? צי פון זיינע זידל־ווערטער וועט מאַכנאָ ווערן אַנדערש? וואלט דען ניט קלוגער געוועזן לאָזן זיך קלוימערשט איינרעדן און באַ דער ערשטער געלעגנהייט מאַכן פּלייטע? נאָר וואס פאַר א סאָד ליגט אין גרישקעס איצטיקן קומען? איזן איז ער דאָך נעסטערס א שאַליעך און מיט וואס איז דאָס מאַכנאָ אזוי פאַרינטערעסירט אין שולמאַנען?

— זאָג מיר נאָר, גריגאָרי איוואַנאָוויטש — האט שולמאַן נייגעריק געווענדט זיך צו גרישקען — וואס פאַר אַ שפּיצל ליגט אין נעסטערס פאָרשלאַג, איך זאָל איבערגיין צו אים אין ארמיי?

— קיין שום שפּיצל. הערסט, שולמאַן, באַם ערנוואָרט, קיין שום שפּיצל. קאָמאַנדירן פעלן. גוטע קאָמאַנדירן. דערצו נאָך, פאַרשטייסטו, קניפּט זיך א גרויסער פּלאַן מעקויעך אַן אָנגריף אַף קרים צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, און דעם שטאַב אונדזערן קענסטו דאָך, אלץ באַ־סיאַטשניאַ. דעם עמעס זאָגן, טאַקע פּראָסטע באַנדיטן. דארף מען אַ פּאָר אָנשטענדיקע קאָמאַנדירן און זאָלן די באָלשעוויקעס...

ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן צו וואס מאַכנאָ דאַרף אים: צו זיינע איצטיקע קאָמאַנדירן וועלן די באָלשעוויקעס נישט האבן קיין צוטרוי, וויל ער, הייסט עס, מיט אַזוינע ווי שולמאַן פאַרשלייערן דעם באַנדיטישן פּאַרצעף פון זיין שטאַב; מיט די שולמאַנס וויל מאַכנאָ

מערער אימפּאָנירן די באָלשעוויקעס, בעאייס די אונטערהאנדלונגען וועגן דעם געמיינזאמען אנגריף אף קרים, קעדיי באַקומען פון זיי מערער געווער, מער אַמוניציע, מער געלט, און דערנאָך ווידער פּאַראַטן, ווי אין פּאָריקן מאָל? ניין, אף אזא נידערטרעכטיקייט וועט שולמאַן ניט גיין, אָבער אויסנוצן דעם פּאָרשלאַג און דערמיט אָפּציען דעם טויט, — דאָס מוז ער טאָן.

די גאַנצע צייט, וואס שולמאן האט געטראַכט, איז גרישקע געזעסן מיט צעשפּרייטע פיס, די פינגער געפלאָכטן, און פּיפּקענדיק דעם טשי־ביק, נייגעריק געוואַרט אַף שולמאנס ענטפער:

— נו, שולמאַן, וואס זשע זאל איך איבערגעבן נעסטערן?

— זאָגן וועל איך, גריגאָרי איוואַנאָוויטש — האט שולמאן אנגעהויבן זאָיען א וואָרט נאָך א וואָרט און קלוימערשט ווידער ערנסט פּאַרטראַכט זיך. — זאָגן וועל איך אָט וואס: דער פּארשלאַג איז דאָך, פּאַרשטייסטו מיך, אביסל א ציקאָווער, און צעשיסן מיך, וועט נעסטער ניט פּאַרשפּע־טיקן אי מאָרגן, אי איבערמאָרגן, — איז גיב מיר א טאָג אדער צוויי און איך וועל זיך באטראַכטן ווי געהעריק.

— קלוג און ערלעך, מיטן גרעסטן פּאַרגעניגן — איז גרישקע דער־פרייט געוואָרן מיטן ענטפער, דערלאַנגט שולמאנען די האנט, און אַרויס־גייענדיק אין פּאָדערהויז, באַפוילן, אז צוויי וועכטער זאָלן גיין שלאָפן און אַפּן פּאָסט זאל בלייבן נאָר איינער.

דער געשטופּלטער מאַכנאָוועץ איז אריין אין קלאַדאָווקע, גענומען א פּעסעלע און גוטברודעריש א ווינק געטאָן צו שולמאנען.

דאָס געשפּרעך מיט גרישקן האט ער אַפּאָנעם געהערט און, פּאַריג־לענדיק די טיר, איז ער אַף עטלעכע מינוט געבליבן שטיין באַם לאָך, וואס פּאַרן שייבל, און אָנגעהויבן אייצען שולמאַנען, ער זאָל אָנעמען מאַכנאָס פּאָרשלאַג:

— איך וועל באַ דיר זיין אַן אָרדינאַרעץ. ווייבער איז פּאַראַן גענוג. און ביז די רעוואָליוציע וועט זיך ענדיקן, קאָן מען אָפּהוליען אַ שיינעם טאָג.

— יאָ, יאָ — האט שולמאַן צוגעבאָמקעט מיט א קינסטלעכער צופרידנ־קייט, — א הוליע טאָן קאָן מען. — און ערשט איצט אָנגעהויבן באַנעמען, ווי נידערטרעכטיק איז ער, אָט דער נעסטער מאַכנאָ: מיט די באָלשע־וויקעס פירט ער אונטערהאַנדלונגען וועגן א געמיינזאַמען אָנגריף אַף

וואַנגעלען און איינצייטיק צעשיסט ער די רו־טע קאָמאַנדירן און די אַרמייער־קאָמוניסטן. ווי זשע קאָן מען גלויבן אָט דעם יעזואיט? ווי קאָן מען ביכלאַל פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם, וואָס האָט שוין איינמאָל פאַראַטן דער ראַטנמאַכט און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער אַ צווייטן מאָל פאַראַטן? ניין, ער, שולמאַן, מוז זיך אויסדרייען פון מאַכנאָס הענט. נאָר ווי אַזוי?

אַ לאַנגע צייט איז ער געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטער, אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי זאָל ער זיך אויסדרייען פון מאַכנאָס הענט. נאָר ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער פריערדיקער פּלאַן טויג לאַכלוטן ניט, ווײַל אויב אין שטאַב ווייסט מען שוין, אַז ער איז געפאַנגען און אַן אַטריאַד שפּאַנט אַהער, וועט מאַכנאָ באַפוילן, מע זאָל שולמאַנען צע־שיסן איידער נאָך דער אַטריאַד וועט פאַרנעמען דאָס דאָרף.

קלאָר, אַז מע דאַרף מאַכן פּלייטע. נאָר אויב לויפן, איז טאַקע איצט. און מיט דעם געדאַנק איז ער אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום טיר.

געווען איז שוין אַפּאָנים נאָך האַלבער נאַכט, דער געזאַנג, דאָס גע־לעכטער, די קלאַנגען פון די האַרמאָשקעס, וואָס זיינען פריער דער־שוומען אין קלאַדאָווקעלע, זיינען איצט אינגאַנצן פאַרשטומט געוואָרן און נאָר די שטילקייט זשומעט הילכיק אין די אויערן.

שטייענדיק בײַם טיר, האָט שולמאַן ווידער דערפילט ווי שטאַרק דער ביס ברייט אים אין פוס. ניט אַנדערש, אַז דער הונט איז געווען אַ מע־שוגענער, און אויב ער וועט ניט אַנטלויפן, וועט ער אַדער צעשאָסן ווערן, אַדער רירן זיך פון זינען.

אין פאָדערהויז איז אויף דער ערד געשטאַנען אַ שערבל און אינעם שערבל האָט געראוויכערט אַ פּעט קנויטל.

צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צום טיר פון דער פאָדער־הויז, איז דער געשטופּלטער מאַכנאָווער געזעסן אויפן פּעסעלע, די ביקס צווישן די פיס, די קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויפן ברוסט, די דייטשישע קאַסקע—ביז די אויערן, און געדרימלט ווי אונטער אַ קיילעכיק דעכל.

פון לאָך, וואָס פאַרן שייבל, האָט שולמאַן געקוקט אויפן מאַכנאָווער און מיט אַ פאַרשפּיצטן אויער איינגעהערט זיך, צי אין דרויסן, אַרום שטוב, שפּאַנט ניט אום קיין צווייטער וועכטער.

ניין, קיין טריט, קיין שום גערויש. הערן הערט זיך נאָר, ווי דער מאַכנאָוועץ אָטעמט מיט אַ געפּייף, און דאָס אייגן האַרץ קלאַפּט גיך און הילכיק.

איצט איז פּונקט די צייט צו לויפן, פּונקט איצט. נאָר דער מאַכנאָוועץ האָט זיך פּלוצלינג אופגעכאַפּט, אָנגעהויבן קראַצן זיך און פאַרשעלטן דאָס ביטער לעבן.

אַף אַלע פיר איז שולמאַן צוגעקראָכן צום וואַנט און אַוועקגעלייגט זיך מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם און קלאַפּנדיק האַרץ.

אַ פּאָר מאָל איז דער מאַכנאָוועץ דורכגעגאַנגען זיך איבערן פּאָדער־הויז, מיטן רויכנדיק שערבל צוגעגאַנגען צום טיר, א קוק געטאָן, צי שולמאַן איז אין קלאַדאָוקעלע, און אינגיכן ווידער אָנגעהויבן פּייפן מיט דער נאָז.

מיט אַלע גלידער האָט זיך שולמאַן צוגעהערט צו זיין שנאָרכן, און פון אַלע זיינע גלידער איז צום מאַכנאָוועץ געשוווּמען אַ היפּנאָזישער באַפעל — שלאָף איין, שלאָף איין, שלאָף איין.

ווי נאָר דאָס שנאָרכן איז שטאַרקער געוואָרן, איז שולמאַן ווידער אופגעשטאַנען און אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אויב ער וועט איצט ניט לויפן, וועט ווערן טאָג און דעמאָלט איז א סאָף. נאָר דער מאַכנאָוועץ זיצט דאָך באַם טיר, און קעדיי ער זאָל זיך אַרויסרייסן, מוז ער אים אָפּראַ־מען פון וועג. ער, שולמאַן, וועט אומברענגען א פּויער, וואָס איז היינט אַ מאַכנאָוועץ און אין א וואָך אַרום קאָן ער ווערן א רויטאַרמייער און עפּשער אַפילע אַריינטרעטן אין פּאַרטיי?

אַף א לאַנגער צייט האט זיך אין שולמאַנען אָנגעהויבן א געראַנגל: וועמעס לעבן איז בילכער, דעם מאַכנאָווצעס, צי זיינס? ער, שולמאַן, דער קאָמוניסט, מעג זיך באַפרייען פון טויט, איבערטרעטנדיק איבער א צווייט אומשולדיק לעבן, צי ניין?

אין איין העלפט מויעך איז פאַרגעקומען דער געראַנגל: צי מעג ער, צי ער טאָר ניט איבערטרעטן איבערן מאַכנאָוועץ. אין צווייטער העלפט מויעך איז אבער געלעגן אַן אַקשאָנעסדיקער געדאַנק, געלעגן ווי א שווע־רער שטעכעוודיקער קנויל, און דורכן אָנגעשטרענגטן צונויפגעזשמורעטן בליק, היפּנאָזיש באַפוילן דעם מאַכנאָוועץ, ער זאָל איינשלאָפן, איינשלאָפן, איינשלאָפן.

פלוצלינג האָט שולמאַן א הוסט געטאָן, און געמיינט, אַז דער וועכטער וועט זיך אופכאַפּן. ניין, ער שלאָפט.

דאס האַרץ איז אינגאַנצן פאַרגליווערט געוואָרן, אין די אויערן — אַ פאַרטויבנדיק גערויש, און אין אַלע גלידער — אַ שווערער, טרייסלענדי־קער פיבער.

באַלד, באַלד, אדער דער טויט, אדער די פרייהייט.

ניט אָפּווענדנדיק זיין באַפוילערישן בליק פונעם מאַכנאָוועץ, האָט ער פאַרוקט די האַנט אין לאָך, וואָס פאַרן שייבל, שטיל, שטיל אָפּגערוקט דעם ריגל, אף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום וועכטער און פלוצלינג אים אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל.

דער מאַכנאָוועץ איז אופגעשפּרונגען, אומגעוואַלגערט דאָס פּעסעלע, אַרויסגעלאָזט די ביקס, און מיט א פאַרגלעזטן בליק נאָר איין־איינציק מאָל א קוק געטאָן אַף שולמאַנען און מער שוין ניט באַוויזן פאַרמאַכן די אויגן.

שולמאַן האט זיך אָבער פאר עפּעס פאַרטשעפּעט, א פּראַל געטאָן צו־זאַמען מיטן מאכנאָוועץ, און א זיכערער, אז דעם הילכיקן פּראַל האט מען באַשטימט דערהערט און אלץ איז פאַרלוירן, איז ער פאַרגליווערט געבליבן ליגן אַפן טויטן מאַכנאָוועץ און נאָך שטאַרקער איינגעטרונקען זיך אין זיין גאָרגל.

די פּאָר מינוט, וואָס שולמאַן איז געלעגן אַפן טויטן, האבן אים אויס־געדאכט ווי לאַנגע פיינלעכע שאָען. אָט באַלד וועלן די מאַכנאָווצעס אַריינלויפן און — א סאָף. נאָר ניין, קיינער לויפט ניט, קיינער גייט ניט, קיינער רוישט ניט, רוישן רוישט נאָר דאָס בלוט אין די אייגענע אוי־ערן, און ס׳איז פאַרשטאָרבן דער אָטעם.

אַף אלע פיר איז שולמאַן אַוועקגעקראָכן איבער דער פינצטער־גע־וואָרענער פאָדער־הויז, געפונען די ביקס, געפונען די קאַסקע, און עפּע־נענדיק שטיל די טיר, פלוצלינג דערזען, אַז באַם טויער שטייען צוויי וועכטער.

אַף איין רגע איז ער א פאַרגליווערטער איינגעוואָקסן אין דער וואַנט אַריין און ניט געקאָנט רירן זיך פונעם אָרט. פאַר די אויגן — ניט די צוויי וועכטער, נאָר דער פאַרגלעזטער בליק פונעם דערוואָרגענעם מאַכ־נאָוועץ.

די גרויל, די שרעק, דאס גערויש אין די אויערן, אַלץ איז מיטאַמאָל צערונען, און ווי אין אַלע סאַקאַנעסדיקע מאָמענטן, איז ער אויך איצט באַהערשט געוואָרן פון א קאַלטער, גליווערנדיקער רויקייט, און אַן אויסגעצויגענער אף דער ערד, איז ער אף אלע פיר אַוועקגעקראָכן טיף אין הויף אַריין, אַוועקגעקראָכן און אריבערגעשפרונגען דעם ערשטן פלויט, דעם צווייטן פלויט, געניייוויש געקראָכן פון גאָרטן צו גאָרטן, געראַנגלט זיך מיט הינט און לעסאָף אַרויס פון דאָרף אין ברייטן פעלד אַריין.

דאָס פערטל לעוואָנע מיט די צוויי שאַרפע שפּיצן איז שוין געלעגן האַרט באַם זוים פון האָריזאָנט, געלעגן ווי אַן אָפּגעשיינדן בלוי־געוואָרן כאַזערל מיט די פיסלעך ארויף.

ערשט איצט האָט שולמאַן אָנגעהויבן לויפן, אבער ניט אַפן אויסגעפאָרענעם וועג, נאָר איבער די פאַרוואַקסענע פעלדער. פונווייטן האבן געווינקען דערפער, צוויי לאַנגע שנירלעך רעלסן, און שולמאַן איז אַלץ געלאפן, געלאָפן אַ זיכערער, אַז אויב מע וועט אים אַפילע אָניאָגן, האט ער א ביקס און קיין לעבעדיקער וועט ער זיך ניט אָפּגעבן.

אַ נאַסער, א מידער איז ער אָפּגעלאָפן אַ ווערסט צוועלף און קיינעם ניט באַגעגנט. אַלץ, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען פאַרן מעסלעס איז ווי אויסגערונען פון זיקאָרן, און פאַרן בליק זיינען נאר געשטאַנען די פאַרגלעזטע אויגן פונעם דערוואָרגענעם מאַכנאָוועץ.

מיט אַ פארכאפּטן אָטעם, מיט אונטערגעהאַקטע פיס איז ער ארופגעלאָפן אַף אַ קוקורוזן־פעלד און געפאלן צווישן די צעשפרייטע גרינע צווייגן.

אופגעגאנגען איז די זון, און צוזאַמען מיט איר איז אין האַרצן אופגעגאנגען א זיסע, זיכערע פרייד, אַז דאָ, אין דער קוקורוזע, דאָ איז ער געראַטעוועט. ביז נאַכט וועט ער דאָ אָפּליגן, דערנאָך דעריאָגן דעם באַטאַליאָן און ווידער קעמפן.

# פיבער

# I

דאַפקע דעם פרימאָרגן איז ראָכל ליבאַר אופגעשטאַנען מיט אַ שווערן קאָפּ און מיט אַ נערוועזן פיבער אין די ביינער.

ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז זי געזעסן איבער ביכער, צענדליקער מאָל איבערגעכאַזערט אין געדאַנק יעדער וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע, פארכאַזערט קורצע און קלאָר־פאָרמולירטע ענטפערן, און אַפילע דרעמלענדיק אין בעט, האָט דער געדאַנק אלץ נאָך געאַרבעט און, ווי ליכטיקע שורעס אַף אַ קינאָ־פילמע, געוויקלט: אז לענין איז געבוירן אין 1870 יאָר, די גרינדונג פון קאָמינטערן איז פאָרגעקומען אין 1919, מאַרקס איז געבוירן אין 1818, און די פאַריזשער קאָמונע האָט געדויערט צוויי און זיבעציק טעג און איז געפאַלן אין 1871־טן יאָר.

איינגעשלאָפן איז ראָכל א רויקע, אַ זיכערע, אַז זי ווייסט. נאָר אין שלאָף איז דער געדאַנק פאַרקראָכן אַף אנדערע וועגן, און מאַרקסן פאַרמישט אינעם קראָנשטאַטער אופשטאַנד, די ענגלישע טשאַרטיסטן בעראָש מיט מאַקדאָנאַלדן אוועקגעזעצט אַף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, געגרי פאָרדן געמאַכט פאַרן סאָציאַליסטישן בויער פון די אַמעריקאַנער שטאַטן, און דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די ערד און גרינדן די רויטע ארמיי — אָט דעם וויכטיקן דעקרעט — האָט גאָר אַרויסגעגעבן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, און דערצו נאָך — א געכאַסמעטן פון מוסאָלינע, פון אופטאָן סינקלערן און פונעם אַפגאַניסטאַנער פאַדישאַך.

שלאָפנדיק, האָט ראָכל דערפילט, אַז עפּעס פלאָנטערט זי: וואָסערע טשאַרטיסטן אַף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ? ווי קומט דער צווייטער אינטערנאציאָנאַל צו דעקרעטן וועגן אַ רויטער ארמיי, אַז פון זיין האַנט איז גאר אומגעקומען ראָזע ליוקסעמבורג, גאלילי און דער יידישער לעגיאָן באַ גאַליפּאָלי! די מענטשלעכע געשיכטע איז דאָך דורכגעוועבט

מיט אַ בלוטיקן קלאַסנקאַמף, און זי, די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, די רעוואָליוציע איז דאָך פאַרשפילט געוואָרן נאָר דערפאַר, ווייל דאָס פויערטום איז ניט געווען מיטן פראָלעטאַריאַט. איצט אָבער, איצט קאָ־אָפּערירט זיך דאס פויערטום, האט זיך שוין קאָאָפּערירט, וועט זיך נאָך קאָאָפּערירן, און אזוי קאָאָפּערירנדיק זיך, וועט זיך דאס גאנצע פויערטום אריינקאָאָפּערירן אינעם סאָציאַליזם.

אַן אומרויקע האָט זיך ראָכל אופגעכאַפּט פונעם שלאָף, א קוק געטאָן אין פענצטער און געוואָלט זיך דערמאָנען אַלץ, וואס זי האָט פאַרכאַזערט, נאָר פלוצים דערפילט, אַז צוזאמען מיטן נאַכטיקן מישמאַש זיינען אויסגערונען פון זיקאָרן אַלע פאָרמולירטע ענטפערן, אַלע פאַרכאַזערטע יעדיעס, און ס'איז געבליבן נאָר א שווערער טשאַד אין קאָפּ און אַ נער־וועזער פיבער אין די ביינער.

אַ לאַנגע צייט איז זי געלעגן מיט הענט פאַרפלאָכטענע ארום דער פאָטיליצע, פאראַקשנט געקוקט אַף אַ ווייסן ראָליק פון דער עלעקטרישער ארמאַטור, בייז געקנייטשט דעם שטערן, נאָר קיין איין נויטיקע דאַטע, קיין איין פאַרכאַזערטע יעדיע ניט געקאָנט זיך דערמאָנען.

אַלץ איז געלעם געוואָרן פון זיקאָרן, פונקט זי וואָלט קיינמאָל ניט געלערנט אין קיין פאַרטיי־שול, קיינמאָל ניט געלייענט און גאָרניט פאַרכאַזערט.

וואס זשע וועט זיין, אַז דער טשאַד וועט דויערן אַ גאַנצן טאג? אינ־אָוונט דארף זי דאָך גיין צו דער פאַרטיי־רייניקונג, היינט אינאָוונט ווערט באַשטימט איר גורל. ווען זשע איז פאָרגעקומען דער?..

— סימכע, אַ, סימכע!

אַפן צווייטן בעט איז פון אונטער דער קאָלדרע ארויסגעקראָכן אַ שווארץ געקרויזלטער קאָפּ און מיט א פאַרשלאָפענער צעטומלטקייט אַ קוק געטאָן אַף ראָכלען:

— וואָסי, האַ!

— אין וואָסער יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער פאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר, געדענקסטו ניט?

— דער ערשטער צוזאַמענפאָר?

דער געקרויזלטער קאָפּ איז צוגעפאַלן צום קישן, איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע און טייקעף אָנגעהויבן כראָפּען:

— פֿי, ע־גאָ־יסט! — איז ראָכל אינקאַעס געוואָרן, און אַ באָרוועסע, אַ פֿאַרוויקלטע אין דער קאָלדרע איז זי אַף די שפּיץ פֿינגער צוגעלאָפֿן צום טישל, געכאַפּט אַ פּאָר ביכער און געוואָלט זיך לאָזן צום בעטל, נאָר אין פֿענצטער האָט זי דערזען, ווי די אַנטקעגנדיקע שויבן גליִען.

ערגעץ גייט אויף די זון, און ערטערווייז שפּרענקלט זי ראָז דעם גרינ־לעכן לאַזור פֿון הימל.

אַ בלויער, אַ פֿאַרכאָלעמטער ליגט דער יאַם, ליגט ווי אויסגעפֿלעקט אין מילך־ווייסע פֿליכן.

האַרט באַם האָריזאָנט — אַ לאַנגע גירלאַנדע ווייסע פֿויכיקע וואָלקנד־לעך. אומערקבאַר האָט זיך די גירלאַנדע אויפֿגעהויבן און ווי אַ לאַנגע סטאַיע זילבער־ווייסע מעוועס איז זי אוועקגעשווומען אין דער ראָזער ליכטיקייט.

אַ לאַנגע צייט איז ראָכל געשטאַנען באַם פֿענצטער און געקוויקט זיך מיטן בונטן פֿארבן־שפּיל.

זי, ראָכל, וואָס איז אַלע יאָרן געווען פֿאַרטאָן אין פּאַרטיי־אַרבעט, קיינמאָל ניט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן די שיינקייט פֿון דער נאַטור, קיינמאָל אפֿילע ניט געפֿילט צו איר קיין ליבע, אָט דיזעלבע ראָכל האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן קוויקן מיט דער שיינקייט פֿון אַ באַגינען, מיט דער שיינקייט פֿון אַ זונען־אונטערגאַנג, און פֿון אַלץ ווילט זיך איר געניסן.

— אַפּאָנים — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — אַז די שווערע צייט איז שוין אינגאַנצן אריבער, אויב אפֿילע זי, ראָכל פֿילט אין זיך נייע פֿאַרלאַנגען.

געווען איז זי פֿון יענע, וואָס ברענען ניט רוישיק און פֿליִען ניט הויך, אַ געוויינלעכע פֿאַרטייערן, וואָס טוט איר ארבעט שטיל און איבערגעגעבן.

אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין פּראָד־אָטריאַדן, אָדער אין אַרמיי, אַ קלייניקע שטעלע אַף פּראָפֿעסיאָנעלער אָדער קלוב־אַרבעט, — אומע־טום איז ראָכל געווען דיזעלבע שטילע פֿלייסיקע מערישקע.

יעדער ארבעט איז פֿאַר איר געווען פּונקט דאָס, וואָס זי דאַרף; יעדער כאַווער — גוט און ערלעך. אומצופֿרידן איז זי געווען נאָר מיט זיך אַליין, און שטענדיק פֿלעגט זיך איר דאַכטן, אַז אין דעם פֿאַל איז זי געווען ניט ערלעך, דאָ — ניט גענוג אַקטיוו, און דאָרטן — ניט גענוג איבערגעגעבן.

מיט פּאַרטיי־אַרבעט איז זי שטענדיק געווען אָנגעלאָדן מער ווי אַלע, נאָר אַז מע פלעגט זי מעכאַבעד זיין מיט אַ נייער אָנלאָדונג, פלעגט זי זיך נאָר צעשמייכלען, צעשמייכלען אזוי פארשעמט און אזוי טמימעס־דיק, גלייך זי בעט זיך, מע זאָל איר מוחל זיין, פאַרוואָס זי קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער אָנלאָדונג.

וואָס זשע וועט זיין, אויב מע וועט זי איצט מעשאַלייעך זיין פון פּאַרטיי?

פונעם געדאַנק איז איר אומהיימלעך געוואָרן, און אַ כמורנע האָט זי זיך צונויפגעקנוילט אַפן בעטל, לאַנג, לאַנג געבלעטערט די ביכער, אַף פּאַפּירלעך פארשריבן די נויטיקע יעדיעס, פארשריבן פאָרמולירטע ענט־פערן און איינציטיק געטראַכט: פאַרוואָס, אייגנטלעך, קאָן מען זי אויס־רייניקן פון פּאַרטיי? — איז זי אַ באַלאַסט אין פּאַרטיי? אַ פּאַראַזיט באַ איר מאַן? צי ניט קיין אנטוויקלטע, ניט קיין אַקטיווע?

פון אונטער דער קאָלדרע איז ארויסגעקראָכן דער געקרויזלטער קאָפּ און אראָפּגעבויגן זיך פון בעטל:

— שוויצסט, טייבעלע, האַ, כאַזערסט?

אַ ברויגעזע האָט זיך ראָכל אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און אָנגע־הויבן בלעטערן אַ בוך. דער מאַן איז אָבער צוגעשפרונגען, פארמאַכט דאָס בוך און פאַרפלאָכטן אירע הענט אַף דער ברוסט:

— אַנו, נאָר קורץ און שאַרף: פארוואָס האָבן פארשפּילט די פּאַריזשער קאָמונאַרן?

די אַראָפּגעלאָזטע שאַרפע ברעמען זיינען באַ אים געווען צונויפגע־וואַקסן, און איבער די גרינע אויגן מיט די בלוי־געדרייפּלטע אַפּלען זיינען די ברעמען אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ שוואַרצע טרויער־זוים.

דער שמייכל איז באַ אים געווען אַ קאַלטער, אַ באַדענקטער, און עפּעס ווי אַ געצווונגענער. ווען ראָכל וואָלט פון צייט צו צייט ניט געוועקט אין אים קיין צערטלעכקייט, וואָלט קיין שמייכל קיינמאָל ניט באַפלעקט זיין פּאָנים. נאָר אפילע דעמאלט, ווען ער איז געווען באַזונ־דערס פריילעך, באַזונדערס אופגעלעבט, — אפילע דעמאלט האט ער אויס־געזען אזוי ערנסט און שטרענג, פונקט ער שעמט זיך מיט זיינע גוט־מוטיקע שטימונגען און האַלט זיי אַף אַ פעסטער קייט:

— נו, איז פארוואָס האבן די קאָמונארן פארשפּילט?

— ווײַל דעמאָלט זײַנען אויך געווען אַזױנע האַרציקע מענער ווי דו, וואָס האָבן דעם ווײַב געהאָלפֿן נאָר מיט אַ לאַנגן כראָפּ — און אַ ברוי־געזע האָט זי ווידער זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און פּאַרטיפּט זיך אין בוך:

— בלאָזט זיך? נו, בלאָז זיך וויפֿל דו ווילסט.

סימכע האָט זיך פֿלינק אָנגעטאָן, געמאַכט אַ פּאָר גימנאַסטישע אײַ־בונגען און אַראָפּגענומען דעם האַנטעך פֿון צוועקל:

— נאָר אַ קאָמוניסטקע, וואָס ווייסט ניט גענוי די געשיכטע פֿון דער פּאַרטיי, אַזאַ קאָמוניסטקע דאַרף מען טאַקע ווײַזן די טיר.

זײַן שפּאָטיש שמייכעלע, דעם ווינק מיטן אייגל האָט ראָכל ניט באַ־מערקט, דערפֿילט האָט זי נאָר, אַז אין די ווערטער ליגט אַ ביטערער עמעס, פּונקט אַף דעם געביט הינקט זי טאַקע אונטער, און אויב מע וועט איר פֿאַרגעבן פֿראַגן, וואָס זײַנע שײַעך צו דער געשיכטע פֿון דער פּאַרטיי, איז קאַפּוט מיטן פּאַרטיי־בילעט.

אַז סימכע איז אַרײַנגעקומען אַן אַרומגעוואַשענער, אַ ראָזער, האָט ראָכל נאָר אַ קוק געטאָן אַף זײַנע מוסקולייסטע הענט מיט די אָנגעקוואָ־לענע אָדערן, און פֿאַרדריסלעך און ביטערלעך צעשמייכלט זיך: מאָדנע! ביידע זײַנען זיי אין איין פּאַרטיי, ביידע מיט איינעם און דעמזעלבן רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, זי, ראָכל, ווייסט באַשטימט פֿיל מערער פֿון אים, נאָר אַדאַנק דעם, וואָס סימכע אַרבעט אַף דער פֿאַבריק, פֿילט ער זיך שטאַרקער, זיכערער. אים האָט מען באַ דער ריי ניקונג פֿאַרגעבן נאָר אַ פּאָר געוויינלעכע פֿראַגן, און איר וועט מען מיסטאָמע טרייבערן די קישקעס מיט פֿראַגן, וואָס האָבן זיך איר אפֿילע ניט געכאָלעמט; זי, ראָכל די אָנגעשטעלטע, זי דאַרף זײַן פּאָליטיש מער געבילדעט, מער אויסגע־האַלטן, און אידעאָלאָגיש קרעפּטיקער ווי איר מאַן דער אַרבעטער.

— ווער איך פּאָטער פֿון דער ריי ניקונג — האָט זי בײַז אַ זאָג געט־טאָן — איז אויס. אַף דער ערגסטער אַרבעט אין פֿאַבריק, נאָר ניט אין די אַנשטאַלטן.

געזאָגט איז דאָס געוואָרן אַהין, צום ווינקל, וווּ לעניז שטייט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און טייטלט אַף עמעצן באַפּעלעריש. גע־זאָגט איז דאָס געוואָרן פּעסט, אַנטשלאָסן. נאָר אײנעם בליק איז פּלוצ־לינג אופגעשוווּמען די אַלטע אומזיכערקייט, די אַלטע געוווינהייט צו

קאָנטראָלירן די אייגענע געדאַנקען און צענדליקער מאָל זיך אַליין איבער־פרעגן, צי ס׳איז ערלעך, צי ס׳איז קאָמוניסטיש. וואָס הייסט „זי וועט" צוליב פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן ווערן אַ איבערקלייבערן? זי, ראָכל, וועט ווערן ענלעך צו יענע פּאַרטיי־כאַווײַרים, וואָס גייען נאָר אויף אזוינע שטעלעס, וווּ ס׳איז גרינגער, בעסער, און ווי מע קען זיך גיכער ארויסבאַווײַזן?

— סע נאָך א פראַגע — האָט סימכע א שטאָך געטאָן — צי מ׳וועט אייך ארויפלאָזן אויף אונדזערע שוועלן. אײַערע געהירן זײַנען דאָך אויס־געפּלעקט אין טינט, און פּאַרמיסטיקט מיט אינסטרוקציעס. ביו־ראַ־קראַטן! עפּשער וועסטו אָפּשטיין, באַלעבאָנדע!

זײַן כויזעק איז צו איר ניט דערגאַנגען. לאַנג שוין צוגעווינט זיך צו זײַנע שטעכווערטלעך, לאַנג שוין צוגעווינט זיך צו זײַן געמאַכטער זעלבסטצופרידנקייט.

געלעגן איז זי אַ פּאַרטיפּטע אינעם אָפּהילך פון די אייגענע געדאַנקען, און אַלץ געקוקט אַפן בילד. געקוקט ערנסט, אָנגעשטרענגט, גלײַך זי וויל דערגיין, צי לענין איז טאַקע מאַסקים מיט איר באַשלוס מעקויעך גיין ארבעטן אויף אַ פאַבריק? צי זײַן טייטלענדיקער פינגער פרעגט זי: ביסט אַ קאָמו־ניסט? נו, איז ניט געריפּעט זיך, וווּהין די פּאַרטיי שיקט — דאָרטן ארבעט.

סימכע האָט אין פענצטער אויסגעטרייסלט די לײַלעכער, אויסגעטרייסלט די קאָלדרע, און מיט א קינסטלעכער בײַזקייט אָנגעהויבן פאַרבעטן דאָס געלעגער.

— דער מאַן מוז צונייען א קנעפּל, דער מאַן מוז פאַרבעטן דאָס גע־לעגער, אַבי א ווײַב אין פאַספּאָרט. כ׳לעבן, וועסט אָפּשטיין, צי דו וואַרסט אויף קיבעד?

— יאָ, יאָ, אויף קיבעד.

— פּאַזשאַלוסטאַ, אויב קיבעד, איז קיבעד. ווו איז נאָר מײַן רימען?

און שמייסנדיק ראָכלען, האָט ער אָנגעהויבן אונטערזינגען:

— שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן.

ראָכל האָט זיך צעפּעסטעט, קינסטלעך צעוויינט זיך און אָנגעהויבן דריגען מיט די פיס:

— אַפּצעלאָכעס וועל איך ניט אָפּשטיין.

— א־זוי! פּראָווען צעלאָכעס מיט א מאַן, וואס איז פאַרעגיסטרירט אין זאַגס לויט אלע סאָוועטישע געזעצן? ניט אויסשפּילן קיין פאַרטיי־דירעקטיוו?

סימכע האט זי פלינק א כאַפּ געטאָן פון בעט, א פּאָר מאָל אונטער־געוואָרפן צו דער סטעליע ווי א פיצל קינד, און אוועקגעשטעלט אינ־מיטן צימער:

— עק־זאַ־מען! כאווערטע ראָכל ליבאַר, זייט זיך מאַטריען צו ענטפערן דער פאַרטיי־קאָמיסיע אף אזא פראגע: נו, לעמאָשל, א פּראַ־גע, אַ פּראַ־גע,—געפאַקט! ווי קומט דאס, וואס דער ענגלשער אַרבעטער באקומט אזא גרויסן לוין, דאן ווען ער איז גאָרניט אזוי קעמפעריש געשטימט קעגן זיין בורזשואזיע? הא! נאָר אָן דריידלעך, קורץ און שאַרף.

אינעם קורצן העמדעלע האט זי אויסגעזען ווי א דאַר פּופּצניאָריק מיידעלע מיט קוים צעבליטע ברוסטן. נאָר אויגן גרויסע, פייכטע, און אזא האַרציקע מוטערלעכע טמימעס אינעם בליק, גלייך די אויגן וואָרע־נען: גריבלט זיך ניט, פאָרשט מיך ניט. אָט דאס, וואס איר זעט, אָט דאס בין איך.

אף דער פראַגע האט זי געענטפערט קורץ און קלאָר, געענטפערט אויך אף א צווייטער פראגע און איינצייטיק געקעמט די לאַנגע שווארצע האָר.

אונטערן קעמל האט געטרישטשעט, ווי זי וואָלט אַראָפּגעקעמט אומ־מערקבאַרע פונקען פון איר קאָפּ.

פון מאל צו מאָל איז סימכע צוגעגאַנגען צום טישל, אָפּגעשיילט א קאַלטע קאַרטאָפל, אָפּגעשניטן א שטיקל הערינג, און קייענדיק געשפּאַנט איבערן צימער:

— נו, און וואס איז דיאַלעקטיק?

גראד אף דער פראַגע איז איר שווער געווען צו ענטפערן. אין קאָפּ זיינען געווען א פּאָר געדאַנקען וועגן דיאלעקטיק, נאָר ארויסבאַקומען און צונויפבינדן די געדאַנקען — דאס איז איר פּאָרט ניט געלונגען.

די גאַנצע צייט, וואס ראָכל האט געפלאָנטערט, איז סימכע קעגן איר געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און צופרידן געפינטלט:

— כ'האב געוווסט, אַז דא וועט בא דיר ניט פידלען. דיאַלעקטיק, ווייבעלע, איז דיר ניט קיין פּאָליט־עקאָנאָמיע, גענומען און גערעדט.

דאָ דאַרף מען האָבן א קאָפּ מיט פאַרשטייסטו מיך... — און מיט דער האַנט האט ער זיך א קלאַפּ געטאָן אין שטערן, קעדיי געבן דערמיט אָנצוהערן, אז אויב שוין יאָ האבן א קאָפּ, איז נאָר אזא ווי בא אים, א קאָפּ מיט פּראַקטישנטע געדאַנקען; א קאָפּ פון א מענטשן, וואָס באָרגט ניט קיין פרעמדע פּאַרטיקע געדאַנקען, נאָר צו אלץ מוז ער דערגיין מיטן אייגענעם שווערן טראָט, און דאַפקע פאַרהאָרעוועט, שווייסיק.

פלינק פלעגט זיין מויעך קיינמאָל ניט ארבעטן, עפּעס זיינען די געדאנקען געווען פּאַרטונקלטע, האמעטנע, און פונקט אזוי געדרייט, ווי די סטרוזשקעס פון אונטער זיין הובל.

וואָכן פלעגט ער זיך גריבלען אין יעדער פראַגע, האָט ער אָבער געפּאַקט דעם געהעריקן געדאַנק, איז ער אין אים איינגעוואָקסן מיט די ציין, מיט די נעגל, און ווי א קינד אליין געקוויקט זיך מיטן געדאַנק און זיך באַרימט מיט אים פאַר אנדערע, אָבער ניט אויס גאַיווע, ניט אויס פוסטער זעלבסטצופרידנקייט, נאָר פּראָסט, ווייל דאס איז זיינער, זיין פארהאָרעוועטע דערפינדונג.

אמאָל איז דאס ראָכלען שטאַרק געפעלן געוואָרן. באזונדערס אין יענעם אָוונט, ווען ער איז אַריינגעקומען מיט דער ביקס אַפן אקסל און געמאָלדן, אז ער גייט פרייוויליק אין ארמיי.

אוועק איז ער אָבער ניט אין די אָטריאַדן, וו עס זיינען געווען אסאַך יידן, אסאַך אזוינע ארבעטער ווי ער, נאָר דאַפקע צו בודיאָנען אין די קאָזאַקישע פּאָלקן, און גראד אין יענע פּאָלקן, וו קיין יידן זיינען קיינמאָל ניט געווען, און וו די אלטע סיגע האט נאָך שטאַרק געטשאַדעט די מויכעס.

אָט אהין איז סימכע אָנגעקומען, און מיט זיין דרייסט און מיט זיין כאַווערישקייט געלופטערט די קאָזאַקישע געהירן, און געצוווּנגען דערפילן, אז עס איז פאַראַן אזאַ טייל יידן, וואָס גייען צוזאַמען אין שלאַכט, און וועלן צוזאַמען בויען דאס נייע לעבן.

יענער אָוונט, ווען סימכע איז אריינגעקומען אינעם קורצן פעלצל און מיטן ביקס אַפן אַקסל, — יענער אָוונט האט אין ראָכלס האַרץ אף יאָרן געלאָזט א וואַרעמען זייכער.

פון יענער צייט איז אָבער סימכע שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן, עפּעס איז ער פאַרליבט אין זיין זעלבסטצופרידנקייט, און אפילע אף איר, אף

ראָכלען, קוקט ער פון אויבן אַראָפּ, און זיכער איז ער, אַז ער ווייסט מער פון איר, פאַרשטייט מערער, און ביכלאַל איז ער געקנאָטן גאָר פון אַן אַנדער טייג.

— נו — האָט זי ברויגעזלעך צעשמייכלט זיך, — לאָמיך שוין הערן די דיאַלעקטיק פון דיין אָפּענעם מויען.

— או־וואַ, ס'אַרא גרויסע כאַכאָמע דו ביסט, אף א הונגעריקן מאָגן ווילסטו איך זאָל דיר דערקלערן די גאַנצע טעאָריע? אַ באַ־לאָ־נ־עס! נאָר אזוי, בעקיצער, אויבנופּיק איז דיאַלעקטיק דאסזעלבע, וואס מאַר־קסיזם.

— פונקט דאסזעלבע? טאקע א קלאָרע, א פּינקטלעכע דערקלערונג. נו, זאָג זשע מיר, וואס איז אזוינס מאַרקסיזם לויט דיין דיאלעקטישן סייכל?

פון דער פראַגע איז סימכע פאַרכידעשט געוואָרן: הייסט עס, זי, ראָכל, איז נעבעך אזוי אנאלפאַבעטיש, אַז זי ווייסט אפילע ניט דאס עלעמענ־טאַרסטע, וואָס א קאמוניסט מוז וויסן?

— ע, וויבעלע, איז דאך טאַקע מיט דיר גאָרניט פריילעך. נו, איז הער מיט אויערן און פאַרכאַזער: מאַרקסיזם איז א מעטאָד צו באַנעמען אַלץ מאַרקסיסטיש.

— און וואס הייסט עס אף פּראָסט מענטשלעך לאָשן?

אף א רעגע איז ער מיט די פינגער פאַרקראָכן אין פּאָטיליצע, און אָנגעהויבן זוכן א פּאַסיקן ענטפער אף פּראָסט מענטשלעך לאָשן.

— נו, לעמאָשל, עקאָנאָמיק. פאַרן מאַרקסיסט, פאַרשטייט זיך, טאַקע פאַרן עמעסן, פארן רעוואָליוציאָנערן מארקסיסט, — פאַר אים איז פריער פאַר אַלץ די עקאָנאָמיק, און די אידעאָלאָגישע פּינטיפּליושקעס — שפּעטער, ערשט לעאַכער־האַמאַיסע. פאַרשטאַנען?

פון זיין ענטפער איז זי געבליבן אומצופרידן און אַמפּערנדיק זיך, זיינען זיי ארויס אַפן גאַס.

אַפּאָנים, אַז באַנאַכט האָט דער האַרבסט אָפּגעבריט די גרינע ביימער מיט זיין קאַלטן אָטעם, און זיי שטייען אויסגעפּלעקטע ווי אין געלע לישאַיען.

אומעטום — א געפּילדער פון איילִיקע טריט, פון רעדער און פון גאַסן־הענדלער.

טייל טראָטואַרן זײַנען אָפּגעצוימט.

מע קאַלכט, מע צעוואַלגערט, מע דערבויט שטאָקן אַף אַלטע געבײַדעס, און די שטאָט לאַטעט זיך און פּוצט זיך, ווי אַן אַלטע אָפּגעוועלקטע מויד.

באַ די קאָאָפּעראַטיוון, באַ די בעקערייען און באַ די טראַמוואַיען שטייען אָבער לאַנגע, לאַנגע רייען, און ס'דוכט זיך, אַז די הונדערטער מענטשן וואַרטן אומגעדולדיק ביז די שטאָט וועט אַף זיך ארופציען א נייע הויט.

באַ יעדער געבײַ פּלעגט זיך דאס פּאָרל אָפּשטעלן, נײַגעריק און באַלעבאַטיש באקוקן דאס געבײַ און אוועקגיין אומצופרידענע.

סימכעס סטאַליעריש אויג האט אומעטום דערזען פעלערן: דא איז ניט ראציאָנאַליזירט די אַרבעט, דאָרט אומזיסט געפּאַטערט איבעריק געהילך, א געפּלאָנטער, א געפּילדער, און דייע־זאָגער — מער ווי ארבעט.

פּאַר אַלע פעלערן האט אָבער סימכע געפונען איין מיטל, און באַשטאַנען איז ער אין דעם, אז אַלע קאָמוניסטן־אַרבעטער דאַרף מען שיקן ניט אין די אנשטאַלטן, נאָר בלויז אין אינזשינערן־אינסטיטוט, אט דעמאָלט וועט זײַן א טאָלק.

— אַרבעט, ראָכעלע, האָט ליב אַן אָרגאַניזאַטער, אָבער מיט א שטאַרקן באַלעבאָס אין קאָפּ. נאָר אַפילע באם בעסטן אינטעליגענט זײַנען דאָך די געהירן גליטשיק.

מיטן אויספיר האט ראָכל לאַכלוטן ניט אײַנגעשטימט און אנגעהויבן אים דערווייזן, ווי שווער עס איז איבערצובויען די אנשטאַלטן; וואס פאַר א ראָל עס שפּילט די אָרגאַניזאַטערישע דרייסט אַפילע פונעם מינדסטן הייפעלע קאָמוניסטן. איצט אָבער, איצט נאָך דער פּאַרטייריײניקונג, וועט נאָך ווערן דאָפּלט שווערער, און איר דוכט זיך, אַז די ריייניקונג איז ניט צו דער צייט.

— ביסט ניט מאַסקים, סימכע?

— ווי באַלד די פּאַרטיי האט באשלאָסן, איז באַסטאַ.

— באַסטאַ? — האט זי פּאַרביטערט איבערגעכאַזערט און פּאַרטראַכט זיך.

אַמאָל איז איר שטאַרק געפעלן זײַן געהאָרכזאַמע דיסציפּלינירטקייט. אזוי אײַגנטלעך דאַרף זײַן יעדער קאָמוניסט, נאָר גראַד איצט האט זיך איר אויסגעדאכט, אז ער איז געוואָרן פּאַרדייוועט, טראַכט ניט, פילט

ניט, אָפּגעשטאָרבן איז אין אים דער אַלטער אומרו און באַהערשט איז ער פון אַ טויטן קאַזיאָנעם אָפּטימיזם.

ער — פאַרטיפט אין דער צייטונג, זי — פאַרטיפט אין די געדאַנקען זייערע זיי שווייגענדיק דערגאַנגען ביז צום האַפן.

איינס נאָכן צווייטן דערהויבן זיך וואַלן, לאַנגע און דורכזיכטיקע ווי גרינער קרישטאָל, פּלוצלינג קאָכט אויף דער שוים אויף זייערע רוקנס, וואַרפט זיך אַריבער ווי אַ לאַנגער ווייס-געקרויזלטער טשוב, און צום האַפן דערשווימט דער וואַל אַ פאַרציטערטער פון אַ זודיקער קראַפט, וואָס וועט אַלץ אַראָפּוואַשן אויף זיין וועג. נאָר מיט אַ שווערן פאַר-צווייפלטן געברילי שפּרינגט ער אָפּ פון האַפן אַ באַזיגטער, אַ צעשמעטערטער אין הויכע זיילן וואַסער-שטויב.

צוגעטוליעט צו סימכען איז ראָכל געשטאַנען מיט צונויפגעוויקלטע אַקסלען, שטיל געציטערט פון אינערלעכן פיבער, פון מאָל צו מאָל צו-געמאַכט די אויגן, און נאָר געהערט, ווי סימכע גלעט איר האַנט מיט די האַרטע שאַרשאווע פינגער, און דאָס ווינטל שפּילט אויף איר שטערן מיט אַ בינטל אַרויסגעפלאָכטענע האָר.

— פאַרשטייסט, סימכע, יעדער פאַרטיי-רייניקונג איז דאָך אייגנטלעך אַ שווערער פיבער, און אַ היפּש ביסל מענטשן וועלן בלייבן גייסטיק צעהוירעגט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז עפּשער גוט. פאַראַן עפּעס אַ האַנט, וואָס נעמט דיך אַפן סמיק, לאָזט ניט איינדרעמלען, און צווינגט אָפטער איבערקאָנטראָלירן זיך אַליין. נאָר וואָס זשע וועט זיין אויב מע וועט מיך?..

אין איר בליק, אינעם פאַרטיפטן און געווענדטן אין דער ווייט, האָט סימכע דערזעען אַזאַ שווערן ווייטיקלעכן טרויער, גלייך זי שטייט פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער סאַקאָנע צו פאַרלירן דאָס טייערסטע, וואָס זי פאַרמאָגט.

טרייסטן וואָלט ער זי אַצינד באַדאַרפט. צאַרט און פאָרזיכטיק צעזייען איר פאַרצווייפלונג. נאָר אַנשטאָט אַ וואַרעם צערטלעך וואָרט, איז סימ-כע גאָר געוואָרן אופגעבראַכט און צעבייזערט זיך:

— וואָס איז דאָס, לאָמיך וויסן, פאַר אַ כניקען! ביסט אַ קאָמוניסט, צי אַ צעקראָכענער אינטעליגענט? געזעען אַ פאַכדאָנעס! אַ רייניקונג, נו, איז וואָס, ווער רייניקט? אַ סוינע? צי סע רייניקן די אייגענע פאַרטיי-כאַווערים?

מיטן זעלבן בייזן טאָן האט זיך אים געוואָלט רעדן, רעדן ביז ער וועט פון איר ארויסשלאָגן די שווערע שטימונג. נאָר א קוק געטאָן אַפן זייגער, און דערזעען, אז ער מוז לויפן אף דער ארבעט.

אָפגעגאנגען איז ער אבער נאר עטלעכע טריט און צוריקגעקערט זיך:

— נאר געדענק: האט דיר די קאמיסיע פארגעבן א פראגע, איז ניט געקווענקלט זיך, נאר געשניטן אין קרויט אריין. פארשטייסט? אין דער קרויט אריין! האָזע ווירקט.

א גרינגע, א פארטיפטע איז זי געשטאַנען באם האַפן, און געקוקט אף זיין געזונטער ברייטער פּלייצע, און אף זיין אייגנאַרטיק גענגעלע.

עפּעס שפּאַנט ער אונטערטאַנצנדיק און אזוי גרינג, קלינגענדיק, אזוי זיכער, פונקט ער פילט גארניט אונטער זיך די ערד. און מאָדנע: ביידע זיינען זיי אין איין פאַרטיי, ביידע מיט איין און דעמזעלבן רעוואָליר־ציאנערן סטאַזש, צוזאמען בויען זיי דאס נייע לעבן, און ווי פארשיידן זיי פילן זיך אין אזוינע מאמענטן.

II

אין אנשטאלט האט מען זיך ערשט אנגעהויבן קלייבן.

טייל אָנגעשטעלטע זיינען געזעסן אין רויטן ווינקל אַרום א גרויסן טיש, און קייענדיק, אריינגעקוקט אין א צייטונג, אדער געמאכט ווער א דאמקע, ווער א שאַך, ווער א דאַמינאָ.

באם צווייטן טיש אונטער די פלאַקאַטן פון „מאָפּר" זיינען געזעסן עטלעכע גרופּקעס פארטייער.

אף די נערוועזע געלע פּענימער, אף די רויטע געשוואָלענע וויעס און אונטער די אויגן איז געלעגן א פאַרביקער זייכער פון שלאָפלאָזע נעכט און אופגערעגטער שטימונג.

טייל זיינען געזעסן ארום ראָכלען און מיטפילנדיק צוגעהערט זיך, ווי זי בורטשעט; אז די ארבעט איז פאַראַליזירט געוואָרן, אלע פיבערן, קיינער ווייסט ניט אף וואָסער וועלט ער איז, און סאָפקאָלסאָף וועט די ריינקונג אפקאָסטן זייער און זייער טייער.

טייל האבן איינס דעם צווייטן פארהערט, צי מע איז צוגעגרייט צו דער ריינקונג, און געאַמפּערט זיך:

— שטיי נאר, פאר וואָס עפּעס מוז דער קאַפּיטאַליזם זיין אימפּעריי־אַליסטיש?

— וואס מיר סטאבּיליזאציע, ווען מיר סטאַבּיליזאציע, מיט אַרבעטס־לאָזע איז איירָאָפּע פול?

— פול.

— אין דר'ערד ליגט מען דאָרטן ווי די בערג?

— ווי די בערג.

— איז נאַ דיר דריי שמעק טאַבּעק פאר אזא סטאַבּיליזאַציע.

די גאנצע צייט איז מיילעך בּליום געזעסן קלוימערשט א פארטיפּטער אין א צייטונג, מיט די באַבּרילטע קורצזיכטיקע אויגן נייגעריק עפּעס געגנישטערט צווישן די שורעס, און אָפּט געזויגן דעם פאפּיראס. נאר אזוי הילכיק, אזוי האַנאָעדיק געזופּט דעם רויך, מאמעש ווי א דאָרשטיקער זופּט א געשמאַקן געטראַנק.

פון יעדן שלונג רויך פלעגט זיך דאס פּאנים זיינס איבּלדיק פאַרקריי־מען. נאר איין פּאפּיראס פאַרענדיקט, טייקעף — א צווייטן, און יעדער צי אזא הילכיקער, גלייך ער פאַרציט זיך ניט, נאר כאפּט אָפּ דעם אָטעם, קעדיי וואס טיפער אראפּשלינגען דעם רויך, און זאָל עס פאַרסאמען דאס ווערימל, וואס נאָגט אין האַרצן.

דער אויספיר וועגן איירָאָפּע האט אבער צעוועקט אין אים די אלטע געוווינהייט צו קריטיקירן און מעוואטל זיין יעדן געדאנק, ניט כאלילע ווייל דער געדאנק איז פאַלש אדער שעדלעך. פאר מיילעכן זיינען בּיי־כלאל ניט געווען קיין ריכטיקע געדאנקען. אין אלץ וועט ער געפינען א פּעגימעלע, וועגן יעדן געדאנק וועט ער דרייען מיטן גראָבּן פינגער, און מיט אזא גאַליקן פאַרגעניגן זוכן אין אים דאס נעגאַטיווע, פּונקט ווי דער זינען אפילע פונעם ריכטיקסטן געדאנק באשטייט בּלויז אין דעם, וואס ער, מיילעך, וועט פון אים מאכן טעל און אַש, און קריטיקירן לע־שעם קריטיק.

— נו — איז ער נייגעריק געווארן צו וויסן — און מער ווי א שמעק טאַבּעק לוינט דיר ניט צו געבּן פאר דער סטאַבּיליזאציע? הא! ס'לוינט ניט?

געקוקט האט ער פון אונטן, און אריבּער דיברילן, נאר אזוי אנגע־בּלאָזן, פּונקט ווי א בּיקל, וואס איז גרייט דערלאנגען א שטויס מיטן כמורנעם פאַראקשנטן שטערן.

עמעצן פון די שפּילער איז דער אויספיר אויך ניט געפעלן געוואָרן און א רוק־געבנדיק די פיגור איבערן ברעטל, האָט ער דערעך־אַגעוו א זאָג געטאָן, נאָר ניט כּאַלילע צו די, וואָס דיספּוטירן, אפילע ניט צו זיין פּאַרטניאָר, נאָר צו איר, צו דער פיגור, וואָס מוז באַלד אומבאַדינגט טרעפן אין דאַמקע:

— אין איירעפּע איז געבעך ביטער און בא אונדז רינט דאָך מאַמעש איבער די פּיסקעס.

— רינען רינט, אין מויל אָבער טרעפט עס נאָר צו די מעיוכאָסים, צו די מעיוכאָסים מיט די פּאַרטיי־בילעטלעך אין קעשענע.

צו ראָכלען איז דאָס שטעכווערטל טייקעף דערגאַנגען און געצווונגען ווידער פאַרטראַכטן זיך, צי איז ניט קיין טאָעס אַט די גאַנצע רייניקונג. וואָס, אייגנטלעך, וועט מען דערגרייכן מיט דער רייניקונג, ווי גרויס וועלן זיין אירע נוצן? אופטרייסלען די גאַנצע פּאַרטיי נאָר צוליב דעם, מע זאָל אויסשליסן א פּאָר הונדערט צופעליקע מענטשן? בלויז צוליב דעם לוינט די גאַנצע פּאַרטיי זאָל פיבערן, די אַרבעט זאָל פּאַראַליזירט ווערן, יעדער קאָמוניסט זאָל פּאַרלירן די זיכערקייט און ניט וויסן, וואָס מאָרגן וועט אים געשעען? בלויז צוליב א פּאָר הונדערט צופעליקע לוינט צו מאַכן אזא שווערע אָפּעראַציע? נאָר וואָס וועט מען דערגרייכן? — יעדער אויסגעשלאָסענער בלייבט דאָך באַליידיקט, פאַרביטערט, און סאָ־נים זיינען דאָך אזוי אויך גענוג פּאַראַן, איז צו וואָס זשע איז די גאַנצע רייניקונג? אַט בורטשען זיי, די גאַל רעדט פון זיי מיט בייזע שטעכ־ווערטלעך, האָגאָם פיל פון זיי באַקומען אסאך א גרעסערן געהאַלט, ווי די קאָמוניסטן. נאָר געבורטשעט האָבן זיי פאַראיאָרן, בורטשען איצט און זיי וועלן בורטשען אויך אין פינף יאָר אַרום. איז דען אָבער פּאַראַן כאָטש איין אַנשטאַלט, ווו מע הערט ניט אזוינע שטעכווערטלעך? אומע־טום זיינען דאָך די קאָמוניסטן אין דער מינדערהייט, איצט וועט ווערן נאָך ווייניקער. וואָס זשע וועט מען דערגרייכן מיט דער רייני־קונג?

יעדעס מאָל, ווען ראָכל פלעגט דערהערן אזוינע שטעכווערטלעך, פלעגט איר שטימונג פאַרביטערט ווערן, עפּעס איז זי שטענדיק געווען זיכער, אז די ווערטעלעך זיינען געווענדט ניט נאָר קעגן קאָמוניסטן בּיכלאַל, נאָר באַזונדער קעגן איר, און א פאַרוויטלטע, א פאַרשעמטע פלעגט זי

אומרויק אָנהויבן באַקוקן אירע קליידער, צי זיי געבן ניט קיין שטאָף פאר בייזע ווערטעלעך.

אויך איצט האט זי א קוק געטאָן אַפן פּאַלטאָ, אף די שיך, מיט א ביטער שמייכעלע אריבערגעבויגן זיך אַפן צווייטן זייט טיש און א צי געטאָן מיילעכן פאַרן אַרבל:

— געהערט א לאָשן? מע־יו־כאָ־סים.

— אָך און ווי צו אזוינע מעיוכאָסים, קאַליפן ביז נאך דער ריינִי־קונג.

אנגעטאָן אין א בלוי סוועטערל, די הענט פּאַרוקט אין די הויזן־קעשענעס, איז הין און צוריק אומגעגאַנגען א באָכערל מיט גרויסע אָפּגעשטאַנענע אויערן און מיט א פּעניממל פון א פוקס.

אינמיטן גאנג האט ער זיך אָפּגעשטעלט און א פרעג געטאָן באַ מיילעכן:

— ביסט אַפּאָנים זיכער, אז באַ דער ריייניקונג וועט די פּאַרטיי שליידערן אף רעכטס און לינקס?

אין פּאָנים האט דאס באָכערל קיינעם קיינמאל ניט געקוקט. אָדער אין א זייט, אָדער אַריבער דעם מענטשן, צו וועלכן ער רעדט, און דערביי געפינטלט אזוי פּאַרדעכטיק, גלייך ער איז שטאַרק אומרויק, צי וועט מען ניט ארויסלייענען פון זיינע אויגן, פּארוואס זיינע יונגע באַקן זיינען אזוי געלבלעך געבלייכט און איינגעפאַלן, פּארוואָס די פּלייצע איז שטאַרק סוטולע, דער נאַקן אזוי אויסגעטריקנט, און דערצו נאָך מיט טיפן לאָך נעבן פּאָטיליצע.

— האָ, ביסט טאַקע זיכער, אַז די פּאַרטיי וועט שליידערן גלאַט אזוי זיך — האט ער יעכידנע א פרעג געטאָן — צי דאס רעדט פון דיר די שרעק פאַרן אייגן פעלעכל?

— פון מיר? — האט זיך מיילעך א הויב געטאָן פון בענקל, — נעכטיקע טעג, אַרן זאָל דאס מיך גאָר אָנהויבן. געזעען? כ׳בין מעכויעוו זיין אַן ענציקלאָפּעדיסט און אַלץ וויסן און אלץ געדענקען? כ׳ווייס ניט וואָס. יאָ יאָ, ניין ניין, און ביכלאַל...

מיט די ציין האט דאס באָכערל פלינק איבערגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס פון רעכטן מויל־ווינקל צום לינקן, און די קינבאַקן זיינען געוואָרן אזוי באַוועגלעך, ווי זיי וואָלטן זיך בריען מיט א האַרט הייס שטיקל פלייש.

— נו, נו, טאַקע אינטערעסאַנט, וואס, וואָס ביכלאַל?

זיינע מוטנע אויגן האבן אומרויק א קוק געטאן אף מײלעכן, א קוק געטאָן מיט א כניפעשער יעכידנעקייט פון א געשלאָגענעם הונט, וואס איז אקאָרשט באַגאַנגען א מיעסע מאיסע, און טייקעף אָנגעהויבן פינטלען אהין צום ווינקל, ווו עס איז געפאַלן דאס ארויסגעשפּיגענע שטיקל הילזע.

— האַ, אַן ערעך, וואָס ביכלאַל?

פון דער קינסטלעכער גלייכגילטיקייט איז אף מײלעכס פּאָנים געבליבן נאר א בלייכקייט, יענע בלייכקייט, וואס גיט אויס מיט הענט און פיס. און גראד דאס, — האט זיך מײלעכן דאַפקע ניט געוואָלט. צו וואָס, אייגנטלעך, אַנטפּלעקן פאַר אלעמען זיין באליידיקט געפיל? צו וואָס! עס וועט דען ענדערן דעם אומפאַרמיידלעכן פינאַל? אלץ איז דאָך צענד־ליקער מאָל דורכגעטראַכט, אלץ איז באשלאָסן, און אויב דאס פּאָנים האט אויסגעגעבן דעם צושטאנד פון זיין הארץ, דאַרף מען כאָטש אינעם טאָן פארהאלטן די קינסטלעכע גלייכגילטיקייט און טעאָרעטיש באַרעכ־טיקן סאַי פאר זיך, סאַי פאר די כאַוויירים דאס אומפארמיידלעכע, וואס מוז געשען.

— ביכלאַל — האט ער זויערלעך פאַרקרימט דאס פּאָנים, און ווי אלע קורצזיכטיקע נידעריק אראָפּגעבויגן זיך, פארשליסן דעם פּאָרטפעל, נאר די ציטערנדיקע האַנט צאָקעט, צאָקעט ארום שלאָס, און קאָן אלץ ניט טרעפן מיטן צינגל אינעם שפּאַלט:

— דער הערלישער פּעריאָד איז שוין דורכגעגאַנגען. ביז אין איירָאָפּע וועט עפּעס אויסבּרעכן, וועלן מיר ווערן גרוי און אַלט. וואָס זשע בלייבט? זיין א סאָוועטישער טשינאָווניק? איז דאָך סאַפקאָלסאַף אַלציינס, צי זיין א טשינאָווניק מיט א פּאַרטמאַקסימום, צי אָן אים! כ׳לעבן, אַב־סאָ־ליוט אַלציינס.

באַם צווייטן טיש האט עמעצער געמאַכט א געלונגענעם גאַנג, און פון פרייד א קלאַפּ געטאָן איבערן שפּיל־ברעטל:

— גע־פּאַקט א־דאַ־מעטשקע. נו, ווי באַלד אזוי, וועלן מיר אייך וויזן ווער עלטער איז. אין פּאַנדן דאַרפט איר שפּילן, כאַווערל, אין פּאַנדן. בליום! אָבער ניט אין דאַמקעס. כאַווער בליום!

— נו, נו, וואָס!?

— אונדז, אומפּאַרטייאישע, זייפסטו אַף פאַרזאַמלונגען א טשוב: אי־דע־אָ־לאָגיע, פּראָלעטארישע ער־לעכ־קייט, נאר אַז מע גיט דיך א גוטן שאָב, זעט מען טאַקע, אַז דו ביסט דער עמעסער פעלניק. געהערט כאָטש א פילאָסאָפיע? א שאָד, וואָס די פּאַרטיי איז אזוי שפּעט צוגעטראָטן צו דער רייניקונג, אַ שאָד.

אַ צעשמייכלטער האָט דאס באָכערל אוועקגעשפּאַנט איבערן זאַל, און האנאָעדיק אָנגעהויבן רייבן די הענט און וויגן מיט די דאַרע אַקסעלען, גלייך איינצייטיק איז ער שטארק צופרידן אי פון מיילעכס פילאָסאָפיע, אי פונעם אָפּשניט, וואס ער האט געכאפּט.

אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער לינקער האַנט איז ראָכל געזעסן אַ איבעראשטע און נאָר פון מאָל צו מאָל אַ קוק געטאָן אַף מיילעכן מיט אַ צעטומלטן פרעמדן בליק.

עפּעס האט ער אָנגעפּלוידערט, אָט דער מיילעך, אָנגעפּלוידערט אַזוינס, וואס ראכל קאן דאס גאָר געגוי ניט באַנעמען. כאָטש טיילווייז איז ער דאָך אייגנטלעך גערעכט: דער העראָישער פּעריאָד איז טאַקע אַריבער, מיט איינראָפּע איז דערווילע ניט גאָר פריילעך, נאָר וואס זשע איז פון דעם געדרונגען? שטיי נאָר! וואס איז פון דעם געדרונגען—אָדער אַ ביקס, אָדער אַ טשינאָווניק! נו, און דאס נייע לעבן, וואס בויט זיך פון טאָג צו טאָג? און דורכלופטערן די געהירן באַ די טויזנטער, וואָס בורטשען, און מאַכן פון זיי ערלעכע טרייע מיטבויער, און איבערטרייסלען די פּאַר־ביוראָקראַטעוועטע אַנשטאַלטן, קעדיי זיי זאָלן זיין אימשטאַנד באַדינען די באַפעלקערונג, און צענדליקער טויזנט געוויינלעכע ארבעטער מאַכן פאַר גוטע דירעקטאָרן פון זאוואָדן, פאר אָנפירער פון טרעסטן, פון בענק, פונעם פאַרצווייגטן מעלוכע־אַפּאַראַט, אָט אין דעם אלעם איז דען ווייניק העראָיק? נאָר וואס זשע, מיילעך זעט עס ניט, צי ער וויל דאָס ניט זעען? אָדער מיטאַמאָל דעם גאנצן סאָציאַליזם אַפּן שפּיץ פון באַגנעט, אָדער אַ טרוקענער טשינאָווניק? נו, און דעם פּראָצעס? אָט דעם גרויסן שווערן פּראָצעס?..

אַן אופגעבראַכטע איז זי אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, און אַ־ייליק אָנגעהויבן שפּאנען הין און צוריק: קלאָר, אַז די פּאַרטיי איז פּארמיסטיקט מיט צענדליקער טויזנטער אזוינע בלינדע מיילעכס. קאָלזמאַן אַף די פראָנטן האט געדונערט, זיינען זיי אויך געווען רעוואָליוציאָנערן, קעמ־

פער, איצט אבער, אַז מע דאַרף שטיל און פּאַראַקשנט לייגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל, איצט סטאַיעט באַ זיי ניט קיין ווילן, קיין באַגייסטערונג, קיין קראַפט.

צו וואָס זשע דאַרף מען אָט די אַלע מיילעכס! ווייניק שווערי־קייטן שטייען פאָר, דאַרף מען זיך נאָך ניאַנטשען מיט אַזוינע הינקע־דיקע?

זי אַליין האט זיך גאָרניט געריכט אַף אַזאַ אויספיר, עפּעס צו שטרענג, צו ברוטאַל, אָבער פּאָרט א קלאָרער, אַ ריכטיקער אויספיר, און דאפקע פון דער קלאָרקייט איז איר שווער געוואָרן אפן הארצן: מיילעכן מוז מען אויסשליסן, נאָר מיט וואָס אייגנטלעך איז זי בעסער פון מיילעכן? אין איר מויעך האבן זיך דען ניט פארגאנוועט קיין ספּיי־קעס? ביז דער לעצטער רעגע איז זי דען ניט געווען זיכער, אז די פּאַרטיי איז זיך טויע, מאַכנדיק אַצינד די ריייניקונג?

היינט איז זי אומצופרידן מיט דער פּאַרטיי פאַר דער ריייניקונג, מאָרגן וועט זיך איר אויסדוכטן, אז די פּאַרטיי איז ניט גערעכט אין צענדלי־קער אַנדערע פאלן, און בלויז דאָס אליין איז דען ניט קיין קלאָרער באוויז, אז ניט נאָר מיילעך, נאָר אפילע זי, ראָכל, איז אויך באַהערשט געוואָרן פון יענע אַפּיטראָפּסים, וואס זיינען שטענדיק אומצופרידן מיט אַלץ, וואס די פּאַרטיי טוט.

ווי זשע קומט עס, וואס ביז איצט האט זי ניט געכאַפּט זיך?

אַ פארשעמטע, א פארביטערטע איז זי אומגעגאנגען איבערן זאַל, און מיט די אנגעשטרענגטע פארבראָכענע פויסטן אזוי אַראָפּגעצויגן די קע־שענעס פונעם נייעם זשאַקעט, גלייך אין זיי, אין די קעשענעס, וויל זי אריינרוקן איר דאַר קערפּערל און באַגראבן זיך פון בושע.

פון מאָל צו מאָל פלעגט זיך ראָכל אָפּשטעלן, און אומרויק צוהערן זיך צום היציקן וויקועך.

אַן ארומגערינגלטער איז מיילעך געשטאנען צוגעשפּאַרט צום טיש, מיט צוויי פינגער אָפּט פאַריכט די ברילן, אָפּט און הילכיק געזויגן דעם פּאַפּיראָס, און ראָכלען פלעגט זיך אַלץ דוכטן, אַז פון זיינע ליפּן מיט די דינע שנירעלעך שוים אין די ווינקלען, פון דידאָזיקע ליפּן וועט זיך באַלד ארויסרויכערן אזא געדאנק, וואס וועט נאָך קלאָרער מאַכן ווי טיף, זי, ראָכל, האט פּאַרבלאָנדזשעט אַף פרעמדע וועגן.

נאָר וואס מער מיילעך האט זיך געהיצט, געפּלאָנטערט און געוואָלט דערוויזן, אז ער איז גערעכט, אלץ מער איז ראָכל געוואָרן פרייליכער, זיכערער, אַז זי איז לאַכלוטן ניט ענלעך צו מיילעכן, און ס׳איז דעריבער ניטאָ פון וואס צו קימערן זיך. זי, ראָכלען, וועט מען פון פאַרטיי באַשטימט ניט אויסרייניקן.

באַם טיש אין איר אָפּטיילונג האט זי אָבער געטראָפן איר כאוועַרטע צילי׳ע. געטראָפן זי א פאַרזאָרגטע, א פאַרביטערטע, און מיט רויטע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן.

אין דעם אנשטאלט איז צילי׳ע אָנגעקומען ערשט ניט לאַנג און דערווייל איז זי נאָך ניט געווען אָפּגעפּעסטיקט פונעם פרי׳ערדיקן קעמערל, ווו די רייניקונג איז פאָרגעקומען נעכטן אָוונט.

די מויל - ווינקלען זיינען בא איר געווען אזוי פאַרזינקען צווישן די צוויי טיפע קנייטשן, פונקט פאר דער נאַכט זייגען איר ארויסגעפאַלן אלע ציין, און דאס מויל איז איר איינגעפאלן ווי בא א ציינלאָזער זקיינע.

— נו, — האט ראָכל אומרויק אַ פרעג געטאָן.

צילי׳עס פּאָנים איז ווי פארשטיינערט געוואָרן, און פונעם פארטראכטן פיינלעכן בליק איז ראָכלען קלאָר געוואָרן, אז זי איז, אַפּאָנים, אויסגערייניקט פון פאַרטיי.

מיט איין מאָל איז פון איר אויסגעוועפּט געוואָרן די פריילעכקייט, די זיכערקייט, אלע גלידער זיינען ווידער אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט א נאָגנדיקן פיבער, און געזעסן איז זי א דערשלאָגענע, גלייך אויסגערייניקט איז ניט צילי׳ע, נאָר זי, ראָכל.

— וואס זשע פאר אַ טאַינעס זיינען צו דיר געווען, וואס פאר אַ פראַגן?

— פראַגן? — האט צילי׳ע גיפטיק איבערגעפרעגט און אונטערגעשפּארט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. — פראגן, וואס זיינען מיר אַפילע קיינמאָל ניט געקומען אַפן זינען: ווי לעב איך, פונוואַנען שטאַם איך, וואָס פאר א פאַרטיי - אַרבעט פיר איך. און הויפּטזאַכלעך געגריבלט זיך, געגריבלט זיך אין מיין פערזענלעך לעבן, פונקט די פאַרטיי איז א מאָנאסטיר, און זי מוז אומבאַדינגט וויסן, ווי אזוי איך לעב און מיט וועמען איך לעב. עך, אי - די - אָטן!

פון אַלע אירע רייד איז אין ראָכלס זיקאָרן פאַרבליבן נאָר איינס: וואָס פאַר אַ פּאַרטיי־אַרבעט פיר איך...

וויפל צילע האָט שוין ניט געפּלייסט זיך צו דערוויזן, אַז די פּאַרטיי טאָר זיך ניט מישן אין פּערזענלעכן לעבן, אַז עס איז ניט איר אייסעק, ווי אַזוי און מיט וועמען דער פּאַרטיי־מאַן לעבט,— איז ראָכל געזעסן אַ שטומע, צענדליקער מאָל אין געדאַנק איבערגעכאַזערט די איינציקע פראַגע, און אַלץ געכעשבנט, וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט האָט זי פאַרן יאָר אופגעטאָן.

נאָר פון אַלע אירע כעשבוינעס איז אויסגעקומען, אַז זי איז לאַכלוטן ניט אַקטיוו. און אַזאַ באַלאַסט וועט מען באַשטימט אויסרייניקן. נאָר וווהין וועט זי זיך דעמאָלט אַהינטאָן? זי, ראָכל, אַן אומפּאַרטייאישע? דער מאַן אירער, סימכע, וועט לעבן אַ פולבלוטיק לעבן, ער וועט זיך אומעטום מישן, ער וועט זיך פילן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער בויער פונעם נייעם לעבן, און איר, ראָכלען דער אומפּאַרטייאישער, וועט ער ניט פאַר־טרויען קיין פּאַרטיי־סוידעס, פּונקט ווי זי פאַרטרויט ניט קיין פּאַרטיי־סוידעס איר אומפּאַרטייאישער שוועסטער?

די פאַרכאַזערטע דאַטעס און יעדיעס, די פאַרכאַזערטע פאָרמולירטע ענטפערן — אַלץ איז אויסגערונען פון זיקאָרן, און אַ גאַנצן טאָג איז זי באַ דער אַרבעט אָפּגעזעסן אַ געפּרוירענע, מיטן אויג געלייענט פּאַפּירן, מיט דער האַנט געשריבן רעזאָליוציעס אַף די ווינקלען פון די פּאַפּירן. נאָר אין געדאַנק — אַלץ געקייט, אַז זי איז אַ באַלאַסט און היינט־אָוונט וועט מען זי אויסשליסן, אויסשליסן אומבאַדינגט. נו, און ווייטער?

ווי אַזוי איר לעבן וועט זיך אויסלייגן ווייטער — האָט זי לאַכלוטן ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן. זיין אַ געטרייע ווייב פאַרן מאַן? פירן באַלע־באַטישקייט? נאָך דער אַרבעט ליגן מיט אַ בוך אַף דער סאָפקע און געבנעצנדיק וואַרטן ביז סימכע וועט קומען פון אַ פאַרזאַמלונג, קומען אַ מידער, נאָר אַן אָנגעלאָדענער מיט פראַגן, מיט זאָרג און מיט דרייסט צו גוירוער זיין אַלץ?

מיט וואָס איינגנטלעך לעבן אָט די מיליאָנען אומפּאַרטייאישע פרויען?

עפּעס איז איר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו צוקוקן זיך צו זייער לעבן.

נו, גוט, פֿון דער שטעלע וועט זי ניט אַוועק, זי וועט זיך באַטייליקן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, אָבער די אַכראַיעס, וואס זי פֿילט איצט אין זיך, אָט די זיסע זאָרג, אַז דו ביסט פֿאַר אַלץ פֿאַראַנטוואָרט־לעך, אַז דו מוזט זיין שטענדיק וואַך, שטענדיק באהאַוונט, שטענדיק מוזטו וואַקסן, ווייל אַלץ איז דו און דו ביסט אַלץ,— אָט די זיסע זאָרג וועט ראָכל די אומפּאַרטייאישע פֿאַרמאָגן, צי ניין?

אַ האַלבע שאָ פֿארן ענדיקן די אַרבעט איז זי אַריין אין ביוראָ פֿון קעמערל און אָנגעהויבן באַשולדיקן דעם סעקרעטאַר, אַז ער האט קעגן איר געפֿירט אַ פֿיינטלעכע ליניע. בעקיווען זי ניט אָנגעלאָדן מיט קיין פּאַרטיי־אַרבעט, בעקיוון פּאַראַליזירט איר אַקטיווקייט, און איצט וועט מען זי אויסרייניקן פֿון פּאַרטיי.

דער סעקרעטאַר — א דעמאָביליזירטער רויטער קאָמאַנדיר — איז געזעסן איבער די פּאַפּירן, געשריבן און געוויצלט זיך, אַז מיט דער עמעסער אַרבעט וועט ער זי באַזאָרגן נאָר דעמאָלט, ווען מע וועט זי אויסרייניקן פֿון פּאַרטיי. פֿאַראַן א מאַפּר, אַן אוויאַכים, און א שורץ פֿאַר מוטערשאַפֿט און קינדהייט.

פֿון זיין וויצלנדיקן טאָן איז זי אָבער פֿון רעגע צו רעגע געוואָרן מערער אופגעבראַכט, און אָנגעהויבן שיטן פֿעך און שוועבל אַפֿן סעקרעטאַר, אף דער ביוראָ און אַפֿן גאַנצן קעמערל.

— נו, שטויס ניט קיין בוזא.— איז ער בייז געוואָרן.— ווילסט אַפּאָגעם אָנטאַפּן וואס פֿאַר א מיינונג וועגן דיר האט די ביוראָ געגעבן דער רייניקונגס־קאָמיסיע? — דודקי, וועסט זיך ניט דערוויסן, און וואַרף זיך אַרויס. נאָר געדענק — די רייניקונג הויבט זיך אָן אין א האלבער שאָ אַרום.

III

דער זאַל אינעם פֿאַריין פֿון נאָדל־פֿאַך איז שוין פֿול געווען מיט פּאַרטייער פֿון עטלעכע קעמערלעך, וואס האבן זיך דאָ גערייניקט, און מיט אומפּאַרטייאישע, וואס זיינען געקומען הערן, און אויב מע וועט דאַרפֿן, וועלן זיי אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן די, וואס ווערן גערייניקט.

אין קאָרידאָר און אין די זייטיקע צימערן זיינען איילִיק אומגעגאַנגען פּאַרטייער, אַריינגעקוקט אין ביכער און געכאַזערט אינדערשטיל. גע־רעדט האָט מען ווייניק, אַלע זיינען געווען ערנסט, אָנגעלאָדן. און שפּאַנענדיק הין און צוריק מיט גיכע אופגערעגטע טריט, פלעגט מען טייל מאָל, נאָר קרומלעך און וויטיקלעך, אַ שמייכל טאָן איינער צום צווייטן:

— נו, וועט מען טאַקע ארויספליען פון פּאַרטיי?

בלויז פון דער פראַגע פלעגן די פּנימער ווערן נאָך מער אָנגעלאָדן און פאַרביטערט. ווי נאָר פון זאַל איז אַרויסגעגאַנגען עמעצער פון די, וואָס זיינען אקאָרשט דורכגעגאַנגען די רייניקונג, פלעגט מען אים אַרומ־רינגלען, נייגעריק אויספרעגן, וואָס פאַר א פראַגן מע פאַרגיט, ווי האַלט זיך דער דריילינג, וואָס רייניקט, און ווידער אוועקשפּאַנען מיט פאַר־זאָרגטע אומרויקע טריט.

אַריינגייענדיק אין זאַל, האָט ראָכל דערזען, אז צווישן דעם דריילינג זיצט איר מאַנס כאַווער,— דער סטאָליער לאָווענקע, וואָס אַרבעט מיט סימכען אין איין פאַבריק.— א מענטשעלע מיט א גוטברודעריש שמייכעלע אין די פלוטעוואַטע אויגן, און מיט אַ פּאָנים, וואָס איז שטענדיק קויטיק, קויטיק בא דער אַרבעט, קויטיק אין אַ רו־טאָג, פונקט דאָס גאַנצע לעבן האָט ער אָקאָרשט גערענדיקט די וואַכט, און נאָך ניט באוויזן אַרומצווואַשן זיך.

פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, פון דער אופגערעגטער שטימונג פאַרן גאַנצן טאָג איז איר מויעך איינגאַנצן מיד געוואָרן און באַפאַלן איז זי אַ שווערע גלייכגילט צו אַלץ און צו אַלעמען.

פאַר דער ערשטער האַלבער שאָ זיינען די רייניקונג דורכגעגאַנגען דריי אַרבעטער: צוויי מענער און א פרוי מיט א רויטן אָרדיען.

אַלע דריי זיינען געווען אַף די פראָגן, גוטע איבערגעגעבענע כאַ־ווירים, נאָר ניט קיין אַנטוויקלטע.

— נו — פלעגט זיך לאָווענקע יעדעס מאָל ווענדן צום אוילעם,— קען האָט עמעץ וואָס צו זאָגן, אַן אָפּפיר איז פאַראַן?

— וואַליאַי! — פלעגן ענטפערן צענדליקער שטימען — יאָטן פונעם ערשטן סאָרט...

לעכאַטשילע פלעגט זיך אָבער פון אוילעם יעדעס מאָל אויסשטרעקן אַ ווייסע האַנט מיט לאַנגע דינע פינגער, און דערנאָך אַ געלע געקרייזלטע קאָפּ מיט אַ קלייענדיק פּאָנים:

— אַ וואָרט. איך בעט אַ וואָרט.

אין זאַל פלעגט טייקעף אויסברעכן אַן אומצופרידענער גערויש, און אַלעמענס פּעניִמער פלעגן זיך ווענדן צו זשוקאָווסקין.

פון יעדנס בליק איז צו זשוקאָווסקין געשווימען פאַרדראָס, עקל און טינע, נאָר געשטאַנען איז ער ווי אַ פאַרשטיינערטער, גיך־געפינטלט און רויק געוואַרט, ביז דער גערויש וועט איינגאַנצן פאַרשטילט ווערן.

פון זייִנע באַברילטע געזשמורעטע אויגן, פונעם געשנירלטן שטערן און פון געקלייענט געלן פּאָנים האָט געווייט מיט איבל און גאַל.

רעדן פלעגט ער מיט געטאָקטע ווערטער, רויק, ווייך, געלאַסן, און אַלעמען פלעגט זיך דאַכטן, אַז פון זייִנע ווערטער לויפט אַרום בּרוסט אַ קאַלטע מויז.

קיין פּאַרטיי־מאַן אָן קיין זינד איז פאַר זשוקאָווסקין ניט געווען. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די פאַרדינסטן פון א דורכשניטלעכן פּאַרטייער, וועט זשוקאָווסקי אומבאַדינגט אויסקראַצן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַפלעקן זיין נאָמען.

וועגן יעדער איניען פלעגט ער שיטן מיט צענדליקער ציטאַטן פון לענינען און מאַרקסן, אַף אַלץ פלעגט ער אָנווענדן דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט, און געווען איז דער שטאַנדפּונקט אַזוי דורכדרינגלעך און וויִטזעאיק, אַז אפילע פון דער וויִט האָט ער באַמערקט, אַז די פרוי, וואָס מיטן אָרדיען, טראָגט אַ גאָלדן רינגעלע אָפן פינגער, און געווען, איז דאַכט, א שטרענגער באַפעל, אַז יעדער קאָמוניסט זאָל דאַס גאָלדוואַרג אָפּגעבן אין פּאַרטיי! האַ! וואָס? אָן אָנדענק פון דער מאַמע, וואָס די ווייסגוואַרדייער האָבן צעשאָסן? נו, און אַז אַן אָנדעק איז וואָס? צי אַז מע האָט א רויטן אָרדיען מעג מען זיך האַלטן בא קלייִנבירגערלעכע מינהאָגים? און וואָס האָט כאַווער לענין געזאָגט מעקויעך אזוינע קאָמוניסטן, וואָס שטעקן נאָך מיט זייערע געפילן אין דער אַלטער וועלט?..

יעדעס מאָל, ווי נאָר זשוקאָווסקי פלעגט אַרויסטרעטן, פלעגט ראָכלען באַפאַלן אַ פאַרלאַנג א געשריי טאָן: קאַר־יע־ריסט! אט דאַס

באַלעבאַטיש זינדעלע איז דאָך מיט צוויי יאָר צוריק געווען א ציִעניסט. נאָר טייקעף פלעגט זי באַטראַכטן זיך, אַז ביז וואַס, ווער, נאָר בא דער ריינעקונג וועט ער זי באַגראָבן.

צום טיש איז צוגעגאַנגען דינע בירנבוים, א געוועזענעם גווירס אַ טאָכטער.

אין די צייטן פון בירגער־קריג האַט זי געוואָרפן איר מאַן דעם אָנגע־זעענעם יוריסט, און איינציייטיק פאַרליבט זיך אין אַ קאָמענדאַנט פון שטאָט, אינעם געשטופלטן מאַטראָס, און אין זיין געהילף, אין א געווע־זענעם עסטראַדנעם אַקטיאָר.

באַם אָנהויב „נעפּ" איז זי איבערגעגאַנגען צום פּאָרזיצער פון קאָנ־טערוון - טרעסט, דערנאָך — צום פּאָרזיצער פון ווירטשאַפטס - ראַט, און איצט איז זי די פרוי פון אָרטיקן קאָמווירט, פאַרנעמט אָן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין אנשטאַלט, ווו ראָכל ארבעט, און באַקומט נאָך א סטיפּענדיע אַלס סטודענט פון אוניווערסיטעט.

אין אנשטאַלט טראָגט זי זיידענע זאָקן, אויסלענדישע סוועטערלעך, און דאָ שטייט זי אין א רויט טיכעלע, אין אן אָפּגעפּאָרענעם זשאַקעט, ענטפערט גלאַט און פּינקטלעך אויף יעדער פאַרגעבענער פראַגע, און קוקט אויפן דריילינג מיט אַ פרומען צניעסדיקן בליק.

פון סינע צו איר האָט ראָכל ניט געקאָנט איינזיצן אפן בענקל און יעדעס מאָל אופגעהויבן זיך א קוק טאָן, צי זשוקאָווסקי שטרעקט אויס די האַנט נאָך א וואָרט. ניין, ער שווייגט. קעגן א געוויינלעכן פאַרטייער, וואָס קאָן אים ניט שטערן אין זיין קאריער, — קעגן אזוינעם וועט זשו־קאָווסקי ארויסטרעטן, אָבער קעגן א פרוי פון אן אָנגעזעענעם פאַר־טייער ?

— איך בעט אַ וואָרט — האָט ראָכל אופגערעגט אַ געשריי געטאָן, און אָנגעהויבן דערציילן ווער דינע בירנבוים איז.

— אזוי, אזוי — האָט מען פון פאַרשיידענע בענק אונטערגעהעצט, — דעק זיי, דעק די פּעלניקעס.

אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אָן טיש איז דינע געשטאַנען די קאָפּ געבויגן אַף א זייט, און אַף אלע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן איר, געקוקט מיט אזא שפּאָטיש שמייכעלע, פּונקט זי גוט אָנצוהערן, אַז רעדן וועגן איר קאָן מען וויפל מע וויל, נאָר זי קימערט דאס זייער ווייניק. זי,

דינע בירנבוים, האט א פעסטע וואנט אף אָנצושפּארן זיך, און אויב מע וועט אַפילע איצט צונעמען איר פּאַרטיי־בילעט, וועט מען אים אין אַ כוידעש אַרום אומקערן. דינע בירנבוים קאָן זיך צופּאסן צו אַלע אומשטענדן און פון אַלץ וועט זי ארויס טרוקן.

צום טיש איז צוגעגאַנגען מאָרדכע גירמאַן. אַן אויסגעמאַטערטער אַרבעטער מיט איינגעפאַלענע דאַרע באַקן, מיט א גרויער קאָפּ און מאָדנע ליכטיקע אויגן. וואס פינקלען שטענדיק מיט א טיפן גלויבן און וואַרעמער באַגייסטערונג.

— זינדיק בין איך, כאַווירים,— האט ער א קוק געטאָן אפן דריילינג מיט א קינדעריש שמייכעלע,— זינדיק. אין פופצנטן יאָר האב איך מיט מיין פרוי, אויך א פּאַרטייערן, כאַסענע געהאט באם ראָוו.

— יע־רונ־דאַ;— האט עמעץ אַ בורטשע געטאָן.— א מאיסע פון פאַר דער רעוואָליוציע.

איבער די קעפּ האבן זיך אָבער באַוויזן זשוקאָווסקיס לאַנגע ווייסע פינגער:

— אַ פראגע. כאַווער גירמאַן איז, דאַכט זיך, יאָרנלאַנג געווען אַ מיטגליד פון א יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון די נאַ־צי־אָ־נאַליסטישע.

— געווען.

— און דאָס איז ניט קיין זינד, כאַ־ווער גירמאַן?

— מעגלעך, אָבער דעמאָלט בין איך געווען זיכער...

פאַר די פּאָר טעג האָט ראָכל איבערגעטראַכט אַלע פראַגן, וואָס קאָנען איר פאַרגעבן ווערן בעאייס דער ריינינקונג. נאָר גראד אט דאס איז איר גאָרניט געקומען אַפן זינען, און ערשט אַצינד האט זי זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז זי, ראָכל ליבאָר, איז דאך יאָרנלאַנג אויך געווען אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. פונקט דעמאָלט, ווען מע האט געדאַרפט אין איינע רייען קעמפן קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע, פונקט דעמאָלט איז זי געגאנגען אַף אַ פאַלשן וועג, און געמיינט, אַז דער יידישער אַרבעטער האָט באַזונדערע אופגאבן, באַזונדערע וועגן. נאָר אָט דער היסטאָרישער טאָעס פלעגט דאָך סאָמען די דרייסט, צעצווייען דעם ווילן, דעם גלויבן, דעם דראנג, און בינדן די פליגל. קאָן די פּאַרטיי איצט מויכל זיין אַזאַ שווערע זינד?

געזעסן איז זי א פּאַרטיפֿטע אין די געדאַנקען און ניט געהערט אַפילו ווי מע רופט זי אויס צו דער רייניקונג.

— כאַווערטע ראָכל ליבאַר — האָט מען איבערגעכאַזערט — איז פּאַראַן, צי ניין?

— פּאַראַן, פּאַראַן, — און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ איז זי צוגעגאַנגען צום טיש.

פֿון אַלע פּעניםער איז פּלוצלינג געוואָרן איין גרויסער קלייענדיקער פּאָנים מיט אַ געקרויזלטן געלן קאָפּ האָר פּונקט ווי באַ זשוקאָווסקין.

— וויפֿל זייט איר אַלט.

— אַלט? אַכט און צוואַנציק.

— פֿון וואָסער יאָר אין פּאַרטיי.

— אין פּאַרטיי? פֿון נײַנצנטן.

— אין אַרמיי געווען?

— געווען.

— אייער סאָציאַלער אָפּשטאַם.

— אַ זון פֿון אַן אַרבעטער.

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

אַ פֿאַרלוירענע, אַ צעטומלטע האָט ראָכל אַ קוק געטאָן אַפֿן לאַכנדיקן אוילעם און לאַכלוטן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען. אַף דער פֿראַגע האט זי, דאַכט זיך, געענטפֿערט צו דער זאַך. וואָס זשע היר־זשעט מען?

פֿון איר פֿאַרלאָרנקייט איז דער אוילעם געוואָרן נאָך מער לאַכנדיק און לעסאָף אײַנגאַנצן צעטומלט אַלע אירע געדאַנקען.

אַ דערשלאָגענע איז זי געשטאַנען נעבן טיש, געוואָלט זיך דערמאָנען, ווען איז געבוירן לענין און פֿאַרוואָס האָבן פֿאַרשפּילט די פּאַריזשער קאָמונאַרן. עטלעכע מאָל האָט זי אַף עפּעס געענטפֿערט דער קאָמיסיע, ניט הערנדיק די אייגענע ווערטער, און מיט אַ פֿאַרשטאָרבן האַרץ גע־קוקט, ווי דער דרײַלינג בלעטערט איר פּערזענלעכן איניען און מע טייטלט אַף עפּעס מיט די פֿינגער.

קלאָר, אַז מע וועט זי אויסרייניקן פֿון פּאַרטיי, דאָרט, אין פּערזענלעכן איניען איז דאָך מיסטאָם פֿאַרשריבן, אַז זי, ראָכל ליבאַר, איז ניט געווען גענוג אַקטיוו; דאָרט איז דאָך פֿאַרשריבן, אַז יאָרנלאַנג איז זי געווען אַ

מיטגליד פון א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און פּונקט דעמאָלט, ווען מע האָט געדאַרפט קעמפן אין געמיינזאַמע רייען, פּונקט דעמאָלט האָט זי זיך אומגעטראָגן מיט דער יידישער טאָרבע.

— איר זייט פריי, כּאָוועדטע ליבאַר.

פון דער מעלדונג איז זי אופגעציטערט געוואָרן, און צעשראָקן איבער־געפרעגט באַ לאָוועגקען.

— וואָס הייסט פריי, פון וואָס פריי? און מעקויעך דער רייניקונג?

— אין קעמערל, אין קעמערל וועט מען אייך מעלדן.

אין לאָוועגקעס קאָל האָט זי דערפילט, אַז איר גורל איז שוין באַ־שטימט, אויסגעשלאָסן איז זי פון פּאַרטיי און אַ סאָף.

פון טיש איז זי אָפּגעגאַנגען מיט אַ שיקערן וואַקלענדיקן טראָט. נאָר פלוצלינג דערפילט, אַז אין גאָרגל ווערגט, און אַ ריס געטאָן זיך מיט אַ האַסטיקן געלאָף.

די שאַרפע האַרבסטיקע לופט, דאָס גערויש פון די באַלויכטענע גאַסן איז צו איר ניט דערגאַנגען.

מיט א פאריסענעם קאָפּ, מיט ברייט צעעפנטע אויגן איז זי אייליק אַוועק פון גאַס צו גאַס און נאָר געהערט ווי אין די אויערן קלינגט: „איר זייט פריי".

יאָרנלאַנג איז זי געווען אויסגעטאָן פון דער אייגענער הויט, געלעבט מיט טרוימען, מיט פליכטן, מיט טויזנטער פעדים איז זי געווען פאַרבונדן מיטן לאַנד, מיט דער גאַנצער וועלט; יאָרנלאַנג געפילט אין זיך אַן אַכראַיעס, געפילט אין זיך א צאַפּלענדיקע זאָרג פאַרן לעבן און — איצט, „פריי". באַ האַלבער נאַכט איז זי אַריין צו זיך אין צימער און אַ צוגויפּ־געהויקערטע, אַ דערפרוירענע צוגעזעצט זיך צום פענצטער.

מאָדנע, ערשט נעכטן איז דאָס צימער געווען אזוי ליב, ערשט נעכטן איז געווען אזוי זיס אָט די שטילע רו נאָכן טאָג אַרבעט, נאָך די אָוונטן אַף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, ערשט נעכטן איז זי אין איר צימער אַריינגעקומען אַן אָנגעלאָדענע מיט ערנסט, מיט פראַגן, מיט פליכטן און פריידיקער זאָרג, און איצט — אַ פינצטערער קאַלטער קייווער מיט אַזאַ פרעסנדיקער שטילקייט, פּונקט ווי אין צימער ליגט א מעס.

סאַכאַקל וואָס: אַ ביכעלע מיט א באַשטימטן נומער פון דעם און דעם פּאַרטיי־מיטגלידער; דאַכט זיך, א טויטער ציפער פון א באשטימטן נומער?

און וויפל הייסער, צאַפּלענדיקער לעבנס־אינהאַלט ליגט אין דעם נומער! סאַראַ ברייטער ערנסטער מאַנדאַט אַפן לעבן מיט זיינע זאָרגן, ליידן און פריידן! יעדער נומער איז דאָך אַ פאַרעגיסטרירטער קויעך צו שאַפן! ערשט נעכטן איז זי נאָך געשטאַנען אַפן דיסקאָנט פון די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גוירל פונעם לעבן, און איצט אויס. נאָר ווייטער, וואָס וועט ווייטער זיין? — באַהאַלטן זיך אין דער אייגענער שאָלעכץ, קוויקן זיך מיט די זיכרוינעס פונעם „געוועזענעם", ווערן ענלעך צו אַלע בירגערלעכע פרויען, וואָס האָבן אַ שטעלע, אַ מאַן, אַ צימער, און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זיין אַ מיטשטופּערן?

לאַנג, לאַנג איז זי געזעסן אַ פאַרטיפטע אין די געדאַנקען און ניט געהערט אַפילע, ווען סימכע איז אריין אין צימער.

אַף איר קאָפּ האָט זי נאָר דערפילט זיין שווערע שאַרשאַווע האַנט, און ווען האט זיך איר געוואָלט, ער זאָל שטיל גלעטן אירע האָר, נאָר ניט פרעגן, וואָס עס איז פאָרגעקומען, און ניט רעדן ביכלאַל.

סימכע האט זיך אבער ניט איינגעהאַלטן און פריידיק א פרעג געטאָן:

— נו, אַ מאַזלטאָוו?

פאַרביטערט האָט ראָכל נאָך איין־איינציקן מאָל אַ קוק געטאָן אַף סימכען א און א באַליידיקטע באַדויערנדיק אַראָפּגעלאָזט די קאָפּ.

ווי ניט פילבאַר ער איז: באַ איר צאַפּט זיך בלוט פון האַרצן, און ער פרייט זיך, ער גיט איר אָפּ מאַזלטאָוו, ער באַגריסט זי מיט דעם, וואָס זי איז פריי געוואָרן פון פאַרטיי, און איצט וועט זי פאַר אים זיין אַ ווייב ווי אַלע ווייבער, פאַרבעטן דאָס געלעגער, צונייען קנעפּלעך, און פירן די באַלעבאַטישקייט.

— נו, ראָכל, ווער איז געווען גערעכט? האַ! כ'האָב דיר ניט געזאָגט, אַז סע ניטאָ וואָס צו כניקען?

פאַרביטערט האָט ראָכל ווידער א קוק געטאָן אַף סימכען און דער־שלאָגן געווענדט זיך צו אים מיט אַ שטים אַן אָנגעקוואָלענע מיט צאַר, מיט וויי און מיט געבראָכנקייט:

— וואָס ווילסטו, לאָמיך וויסן, וואָס?

— וואָס הייסט וואָס? אַ קוש, פינף קושן, ביסט דאָך איבערגעשפרונגען?

— וואָס איבערגעשפרונגען, ווהין איבערגעשפרונגען?

— פּאַזשאַלעסטע, גאָר אָן קונצן. לאָוועגקע האט מיר דאָך אָקאָרשט איבערגעגעבן, אז דו ביסט דורכגעגאנגען די ריי̆ניקונג און געבליבן אין פּאַרטיי. אַי, האָט ער מיר דערציילט אַ מאיסע, ווי אזוי דו האָסט געענט־פערט מעקויעך דעם סאָציאַלן אָפּשטאַם, מאַמעש אף צו קאַטשען זיך פון געלעכטער.

ראָכל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל און אויסגעשטעלט אַף אים צוויי גרויסע פארטרערטע אויגן:

— פּאַר־ב־בלי־בן? ניט אויסגע... — און מיט א טיפן כליפּעדיקן געוויין איז זי צוגעפאַלן צו זיין ברוסט.

— נו, הויבט זיך אָן אַ מאיסע — איז ער קלוימערשט בייז געוואָרן, — שליידער זיי ארויס פון פּארטיי כניקען זיי; לאז זיי איבער, רעווען זיי. אָט א פאָלק! — און מיט דער ברייטער שווערער האנט, פּונקט ווי מיט א בערישער לאפּע, האט ער צערטלעכער אנגעהויבן גלעטן אירע האָר, און שמייכלען אזוי ערנסט און געצוווּנגען, פּונקט ער שעמט זיך מיט דער פרייד און מיט דער צערטלעכקייט, וואָס איז אים באפאלן.

# באַגינען

## I

קיינער האט אין דעם טאָג ניט פאַרשפּרייט קיין בייזע קלאַנגען, און ניט געדראָט דער שטאָט ניט מיט קיין רעקוויזיציעס און ניט מיט קיין אופשטאַנד.

געוווּסט האט מען, אַז דאָס הייפל באָלשעוויקעס פלוידערן עפּעס אַף די זאַוואָדן וועגן דיקטאַטור, וועגן ראַטנמאַכט. נאָר וועמען גייט עס אָן, וואָס קאָן דען אַרויסקומען פון אזא געפּלאַפּלעריי?

פונעם רומענישן פראָנט קומען דאָך טאָגטעגלעך נייע פּאַרטיעס אָפּיצירן און זיי טרעטן אריין אין די האַידאַמאַקישע פּאָלקן.

עפּעס א געהיימע האַנט באַזאָרגט זיי מיט געווער, מיט נייענקער אַמוניציע און מיט אלדאס גוטס.

און כאָטש דיזעלבע געהיימע האַנט ברידערט די אָפיצירן מיט די אָרטיקע גאַלאָכים, מיט די פארביסנסטע שוואַרצמייעניקעס און די שטאָט ווערט פלוצלינג באהערשט פון א פּאָגראָם-שטימונג, נאָר געשען געשעט עס איין מאָל, העכסטן — צוויי, דריי מאָל אין כוידעש, און ניט מער.

געוויינלעך האַלטן זיך די האַידאמאקעס זייער אָנשטענדיק, און נאָר ווען-ניט-ווען באַפאַלט זיי א פאַרלאַנג צו מאַכן א שטיקל רעפּעטיציע און זיי הויבן אָן אַ שיסעריי פון דער העלער הויט.

אין אַזוינע מאָמענטן ווערן די קלייטן געשלאָסן, די פּענימער ערנסט, און די צענטראַלע גאַסן ווי פאַרשטאָרבן. געדויערן געדויערט עס אָבער נאָר א פּאָר שאָ. און שיקערע האַידאַמאַקעס פלאָנטערן ווידער איבער די גאַסן, טוליען צו דאָס פּאַטריאָטיש קעפּל צו א בוים, צו א וואַנט, און ברעכן מיט גרינער גאַל פאַר דער אומאָפּהענגיקער אוקראַינע.

באַנאַכט אָבער, באַנאַכט נישטערן זיי עפּעס אין די ארבעטער-קוואַרטאַלן און דערנאָך געפינט מען יעדן פרימאָרגן אַ מאַן פינף אדער אַכט

צעשאָסענע אף די גאַסן. ניט מער ווי א מאן פינף אדער אַכט. און מער גאָרניט.

דאָרט אבער, אין די הויכע גערוימע זאַלן פונעם רעקוויזירטן פּאַלאַץ, דאָרט האָבן זיך טאָג אַף טאָג געשטיקט עטלעכע טויזנט ארבעטלאָזיקע, מיט פאַרשמאכטע הייזעריקע שטימען אַלץ געשריען, אַז דער הונגער נאָגט באַם הארצן, און מע דאַרף דעריבער עפּעס טאָן מאַמאָשעסדיקס.

ווי אַ שאָטן איז צווישן זיי אומגעגאנגען דער קאָסער כוואָראָסטין און נייגעריק אָפּגעשטעלט זיך בא יעדן רעדל.

אַ האלב לעבן איז ער אָפּגעווען א סאָציאַל־דעמאָקראַט, פעסט גע־ווּסט, אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז אונטערגיין און דער אַרבעטער וועט זיגן. נאָר אַז די געבענטשטע שאָ איז געקומען, איז אים באַפאַלן א צווייפל, צי דער סוינע גויסעט, און צי דער אַרבעטער פארמאָגט גענוג קראַפט.

די מענשעוויקעס זיינען אים געווען איבלדיק. אויסגעוועפּטע, טרוקענע מומיעס. די באָלשעוויקעס האבן אים געשראָקן. עפּעס צו היציקע קעפּ, און צו פיל דרייסט אין זייער פאַרנעם.

אַהער צו די אַרבעטלאָזיקע פלעג ער קומען טעגלעך, צוהערן זיך, וואָס זאָגט דאָס „פאָלק", קעדיי קלאָר מאכן זיך, וווהין גייט ער און מיט וועמען.

צוגעמאַכט דאָס קאָסע אויג פלעגט ער אַ שטומער שטיין און הערן וועגן וואָס רעדן די ארבעטלאָזע, אַ שטומער געקוקט ווי דער פּיוּער זייערער — כאַיעם ריט, איז אומרויק אומגעלאָפן איבער דער טריבונע, מיט פארבראָכענע פויסטן געקנאָטן די פארויכערטע לופט, און אַלץ גע־פלייסט זיך שטילן זייער הונגער מיט ציטאַטן פון קראַפּאָטקינען.

אַ הויכער סקעלעט מיט אַ פאַרגליווערטן צאַער אין די שטאַרע אויגן האָט אים איינמאָל ראַשיק איבערגעהאַקט, און פאַרביטערט אַ פרעג געטאָן:

— דיין קראַפּאָטקין זינגט גאַנץ שיין, אָבער די לייז און דער הונגער וועלן שוין אמאָל אופהערן פרעסן מיין ווייב און קינד, צי אָט די גאַנצע רעוואָליוציע איז ניט מער ווי אַ הורישער אָפּשניצל?

האָט זיך כאַיעם ריט נאָך מער צעהיצט, אויסגעקראַצט אַ פּאָסעק, אַז די געבענטשטע שאָ וועט קומען טאַקע אַף די אויסגעדאַרטע פּלייצעס פונעם הונגער און עס בלייבט, נאָך מערער צו פאַרטיפן די אנאַרכיע.

פֿון אַזוינע ראַיעס איז פֿאַר די גאַנאָווים קלאָר געוואָרן, אַז דער נאָמען אַנאַרכיסט איז פֿיל, פֿיל אימפּאָזאַנטער ווי „יאַנקל מאַראַווויכער".

צו וואָס לוינט קריכן דורך אַ פֿענצטער, אָדער מאַטערן זיך אַרום אַ שלאָס פֿון אַ קלייט, אַז אין שטאָט זיינען פֿאַראַן גענוג גראַוויאָרן, וואָס קאָנען מאַכן אַ געהעריקן שטעמפּל, און מיט אַ געשטעמפּלטן מאַנדאַט פֿון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פֿאַרבראַכענער פֿויסט", אָדער „שוואַרצע נעקאָמע נעמער",— מיט אַזאַ שטאַרקער „קסיווע" קאָן מען רעקווירירן געווער צוליב עקספּראָפּריאַציעס, מיט אַזאַ שטאַרקער „קסיווע" קאָן מען רעקווירירן וואָס מע וויל אין די גרעסטע מאַגאַזינען, און אויספּוצן די יעפּייפּעס זייערע אין צירונג, זייד און פֿוטער. און טאָמער האָט אַ סויכער געפּרוווט פּראָטעסטירן, אָדער ער האָט זיך דערוואַגט בּרענגען פֿאַר זיין מויל, אַז ער וועט כאָלילע מעלדן אין מיליציע, האָט מען אים טייקעף צוגעמישפּעט אַ דאָפּלטע קאָנטריבוציע לעטויוועס דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט... — און די נעקאָמע פֿון די יאָלדן.

נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַ דאָפּלטע קאָנטריבוציע, אַז אין דער ספּעקוליאַנטישער קאַפּע מאַכט מען פֿון בלאָטע גאָלד.

אָנווייזונגען אַף אָקסן, לעדער, צוקער, מעל, קאַרטאָפּלעס, וואָס זיינען גאָר אַדרעסירט געווען פֿאַרן שטאָטישן שפּייז־קאָמיטעט, קעדיי צו באַזאָרגן די באַפֿעלקערונג מיט דעם נויטיקסטן.

אַ טרייפֿענער פֿאָרשלאַג פֿון אַ אינטענדאַנטור, אַ מאַנדאַט פֿון אַ רעוואָליוציאָנערן אַנשטאַלט, אָדער אַ רעקאָמענדאַציע פֿון אַן אַנגעזעענער פּערזאָן פֿון ראַט,— דאָס אַלץ האָט אומגעבלאָנדזשעט פֿון טישל צו טישל, פֿון האַנט צו האַנט, געשטיגן אין דער פּרייז, און נעכטיקע קליינע מענטשעלעך זיינען מיטאַמאָל געוואָרן גרויסע פּלאָקן־שיסער, און גערודערט.

— וואָס, נעמאָנעס? אָט די פֿאַרלעגערטע סכוירע האָט די רעוואָלירציע רעקווירירט. מאַמטאַקים אַפֿן טיש, וועט זיין אַ געשעפֿט.

איינגעשנירטע אין קאָרסעטן זיינען זייערע ווייבער געזעסן באַ די מירמלענע טישלעך פֿון ראַבינאָס קאַפּע, געזעסן מיט צעשפּרייטע פֿיס, טראָפּנווייז געזופּט די ווייס־געשוימטע קאַווע און געוווּנדערט זיך:

— פֿיר יאָר געווען אַ מילכאָמע און נאָך געבליבן אַזויפֿיל מאָטראָסן.

און די באַפֿעלקערונג איז נאַכט אַף נאַכט אין רייען לאַנגע אָפּגעשטאַנען באַ די בעקערייען, געהאָפּט אַריינכאַפּן אַ לעבל ברויט און

דערוייל געכאָכמעט זיך, און געלאכט מיט קרעמעניעס פונעם אייגענעם לעבן. נאָר אַז די פיס זיינען געוואָרן ווי קלעצער, און די אייוועריס ווי צעדראָשענע, האָבן פאַרזשמורעטע אויגן געדראַפּעט זיך אַף די ווענט פון די מויערן און שלעפעריק געלייענט קערענסקיס אַ צעפליקטן אופרוף:

„— ברודער!

— דער דייטשישער שטיוול און זייערע אַגענטן, די באָלשעוויסטישע פאַרעטער, ווילן צעטרעטן די גאָלד-געלאָקטע געטן פון אונדזער פריי-הייט".

דער פאַרשלאָפענער געדאַנק האָט געבונדן די ווערטער מיט די לאַנגע רייען באַ די בעקערייען, און אַלץ געוואָלט קלאָר מאַכן צי די גאלד-געלאָקטע געטן וועט אויסקנייטן אַ לעבל ברויט, צי ניין?

און אזוי טאָג-איין, און אזוי טאָג-אויס, ביז אין דעם פאַרנאַכט, ווען אפן שויס פון יאָם איז אראָפּגעפאַלן א געדיכטער נאַסער נעפל און אָנגעהויבן שטיקן זיין קאַעסדיקן געבריל, האָט איין פאַבריק פייפנדיקן עפּעס אַ פרעג געטאָן בא אירע געשטיינערטע כאַווייריס, און פון אַלע עקן שטאָט טאַקע גלייך באקומען איין פייפנדיקן ענטפער:

— גרייט!

— גרייט!

— גרייט!

אָפן רייד זיינען געשטאַנען פיר גרויסע שיפן: דער קרייסער אַלמאַז און מערקורי, און די פאַנצערשיף סינאָפּ, און ראסטיסלאַוו.

אַף די צוויי פאַנצערשיפן און אָפן קרייסער אַלמאַז האָט געפלאַ-טערט אַ רויטע פאָן, און די מאַטראָסן זיינען געווען פאַר פאַרכאַפּן די מאַכט.

דער גרעסטער טייל מאַטראָסן אָפן קרייסער מערקורי זיינען געווען פאַר דער אוקראַינער „ראַדע", און געדראָט, אַז זיי וועלן ארויסטרעטן קעגן די אַרבעטער, אויב נאָר זיי וועלן זיך פארמעסטן פאַרכאַפּן די מאַכט.

דער נידעריטשקער געלער מאַטראָס אָטשקאַנאָוו איז דעם גאַנצן טאָג ניט אַראָפּ פונעם קרייסער מערקורי, און אַלץ אגיטירט, די מאַטראָסן זאָלן צושטיין צום אופשטאַנד.

אינעם גערא̇נגל צווישן די צוויי צדאָדים האָט מען אַ פּאָר אפּיצירן אריינגעוואָרפן אין יאַם, זיי זאָלן דערווײַלע כאַפּן פיש אַפן דנאָ. לעסאָף האָט מערקורי אראָפּגעלאָזט די געלע אוקראַינישע פאָן און געמאָלדן, אַז ער איז נייטראַל, — ניט מיט די באָלשעוויקעס, ניט מיט דער ראַדע.

אַ שוואַרצע גראָבע געמבע פון א פאַנצערשיף האט געמאָלדן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. זי האָט געהערט, פאַרשטאַנען וואס די פאַבריקן מיינען, און ניט געזארגט. זי וועט אויך אַן אָקסל אונטערשטעלן.

אינעם איבערפייף האָבן די צענטראַלע גאַסן מיטאמאָל דערפילט אַ שווארצן אָנזאָג, פון אומרו אָנגעזשליאָקעט זיך מיט נאסן גרויען נעפל, און באַצייטנס פוסט געוואָרן.

ווו־ניט־ווו גראגערט נאָר דורך אַ דראָשקע מיט אַ פעטן פעמפיק. דערזעט ער אָבער אַ שפּאנענדיקן פאַטרול מאַטראָסן, אָדער אַ גרופּע זעלנער, וואס שלעפּן אַ קוילנוואַרפער ווי אַן אייזערנע טשערעפּאַכע — ווערט אים קאַלעמוטנע אַפן האַרצן און ער דערפילט, אַז דאס גאלדן זייגערל, וואס ליגט בא אים אין זשילעטן־טאַש, אָט דאָס זייגערל איז מיטאַמאָל געווארן שווערער, שווערער, און פרעסט אים ווי אַ שטיין.

— כאַוועּר פורמאַן! נאָך א רובל און זיי נאָר מעכאַבעד דאָס פערדל מיט אַ איבעריקן שמיץ.

דאָרט אבער, ווו מי און אָרעמקייט געשלאָסן האָט פונלאַנג אַ שטייפן זיכערן בונד, — דאָרטן זײַנען אַקסלען באַשטאָלט געווארן מיט ביקסן, און דרייסטע, הילכיקע טריט אוועקגעקלונגען האָבן צום שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע.

## II

נאַכט.

באם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע ווארטן צענדליקער אווטאָמאָבילן. און זייער שטאָלן האַרץ קאָכט אין זיי און צאַפּלט פון אומרו.

דער הויף, די זאַלן פונעם שטאַב זײַנען געפּאַקט.

פעלקער, יאָרן און געשלעכטן האָבן היינט אונטערגעפירט דעם דוירעסדיקן סאַכאַקל פון זייער שווערער מי, פון זייער פינצטער לעבן און פון זייער ליכטיקער האָפענונג.

היינט איז אַלץ געשטעלט אין קאָן.

געמישטע מאַכנעס אַרבעטער, מאַטראָסן און סאָלדאַטן קומען אָן, באַקומען קורצע איילִיקע באַפעלן, פאַרשווינדן מיט ביקסן אַף די אַקסל, און נייע קומען ווידער אָן.

טריט און זשעסטן, שטימען און צעשטראַלטע אויגן זינגען באַגייסטערט און דרייסט איין שטורעם-ליד. און פון נאסן, נעפלדיקן כווישען קוקט ארויס דער טויט, אָדער א ניי ליכטיק לעבן אָן קנעכטשאַפט, אָן טרערן, אָן קייט.

היינט איז אלץ געשטעלט אין קאָן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דער אָנפירער פון דער רויטער גוואַרדיע מאָניע קאָנגון האָט פאַרענדיקט די באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון די גוואַרדייאיִשע אָטריאַדן, אַריינגעגראָבן די אויגן אין דער צעשפרייטער שטאָט-קאַרטע, און אָנגעהויבן כעשבענען אַפן קאָל:

— דאָ האָבן זיך באַפעסטיקט די האַידאַמאַקעס מיט די דריי האַרמאַטן און צען קוילנוואַרפער, אהער וועט צוגיין דער אָטריאַד פון מאָלדאַוואַנקע, אהער — די אַרבעטער פון אַנאַטרעס זאַוואָד.

אין זיין כעשבן האָט זיך אריינגעבויערט אַ לאַנגער טעלעפאָנען־קלונג און אָנגעזאָגט, אַז צוויי אָטריאַדן רויטגוואַרדייער האָבן פאַרנומען דעם מעלוכע־באַנק, נאָר די דינער ווילן ניט געבן די שליסלען פון די סייפן און פון די קאַסעס.

— ווילן ניט? — דערלאַנגט אין די ציין און אויס מיט אַן עק!

דאָ אין צימער זיינען אויך געזעסן צוויי דעלעגירטע מיטגלידער פונעם רעווקאָם. דער בלאָנדער בלייכער רוזער מיטן אויסגעקעכלטן געוואַסטענישן פּאָנים, און יודאָווסקי — אַ מענטש פון אַן אומבאַשטימטן עלטער, אַ מענטש מיט אַ געדיכטן שוואַרצן באַס, וואָס קלינגט ווי פון אַ פוסטער פאַס, — אַ מענטש מיט שוואַרצע ברילן און מיט אַ פּאָנים פון אַ שטרענגן כמורנעם קאָנספּיראַטער.

רעדן פלעגט ער זעלטן. מיט אַ געהיימען שוואַרצן בליק שטענדיק געקוקט אַף יעדערן, און דאַכטן פלעגט זיך, אַז אפילע פון זיך אליין האַלט ער קאָנספּיראַציע.

דערהערנדיק מאָניע קאָנגונס ווערטער, האָט ער נאָר א ריטשע געטאָן:

— ריכטיק. אָן צערעמאָניעס דערלאַנגט אין די ציין און אויס.

פון די ווערטער איז אָבער רוזער נאָך מער געוואָרן בלייך.

אין זיין דענקען, אין זיינע אויספירן איז רוזער אַלע מאָל געוועזן דרייסט. האָט מען אָבער עפּעס געדאַרפט פאַרווירקלעכן, פלעגט זיין פּאָנים שטענדיק באַפלעקט ווערן מיט א בלייכער צעשראָקענער אומזיכערקייט. און מיט אַ פּאַכדאָנישער כאַראַטע.

אויך איצט האָט זיך אים געוואָלט וואָרענען, בעטן, מע זאָל כאָטש זיין פאָרזיכטיק מיט די מיטלען. נאָר אנשטויסנדיק זיך אַף מאָניעס דרייסטן, זיכערן בליק, האָט ער ווי א פאַרשולדיקטער אַ איבעריקן מאָל אַ ציטער געטאָן מיט דער טאַנצנדיקער ברעם, און ווידער אָנגעהויבן קינעדיק קייען איין און דיזעלבע פראגע: — פון וואָס איז קאָנגונס פּאָנים, זיין שטים, זיין בליק אזוי פאַרסמאַליעט און פארהארטעוועט געוואָרן? צי פון דער הייסער בעסאַראַבער זון? צי פונעם ברוינעם פייער באַם בלאָזאַק, ווו מאָניע קאָנגון איז אָפּגעשטאַנען פון די קינדעריאָרן ביז דער רעוואָליוציע — דאַן ווען ער, רוזער, האָט געמאָלקן אזוינע בייכיקע ספּאָרים, און טאָרט געבליבן מיט אַ מילכיקן אויסגעדארטן פויסט.

אין צימערל צו זיי האָט זיך אריינגעוואלגערט דער ריזיק הויכער שעף פון דער שטאָט־מיליציע, און קריגעריש אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן:

— כאַוועך קאָנגון! עמעס, אז איר האָט זיך פארמאָסטן פארכאפּן די מאַכט?

— עמעס, כאַוועך ריאזאנאוו.

— עמעס?! מעלדע איך אייך קאטעגאריש, אז איך באַפעל דער מיליציע ארויסצוטרעטן קעגן אזא אוואַנטיור.

קאָנגון האט אים נאָר אָפּגעמאסטן פון קאָפּ ביז די פיס, קאַלט און רויק צוגעגאנגען צום שוועל, און הילכיק אריינגעשריען אין זאַל אריין:

— העניע, טשיזשיקאוו און ווייסמאַן!

דריי באוואפנטע כאַווירים זיינען טייקעף צוגעשפּרונגען.

קאנגון האָט זיך צוריקגעזעצט אפן בענקל, און אַ קראַץ געטאָן דעם שוואַרצן פּאראַקשנטן טשוב:

— זאלצט נאָר איין ריאזאנאוון אין קעלער, ביז די כאַסענע וועט זיך ענדיקן.

דריי ביקסן האָבן זיך אָנגעצילט אַף ריאזאנאוון און באַפוילן:

— ריר זיך!

זיין ריזיקע פיגור איז מיטאמאָל געוואָרן קלענער, קלענער, גלייך זי וואקסט אריין אין ברודיקן דיל. נאָר באַם שוועל איז ער צו זיך געקומען, שטאָלץ א הויב געטאָן די אַקסלען און אויסגעשריען:

— אלס מיטגליד פון דער עסערישער פארטיי, פּראָטעסטיר איך!

אַ באוואָפנטער אָטריאַד ארבעטער האָט ערגעץ געאיילט, און ריזאַנאָוון אפגעשטופּט פון שוועל:

— פּלאָנטער זיך ניט אונטער די פיס, דראַנג!

א פארביטערטער האָט ער אַ קוק געטאָן אפן גרויסן אנגעפּאַקטן זאַל באוואפנטע ארבעטער. ערשט איצט דערפילט ווי פרעמד, ווי עקלהאַפטיק עס איז אים זייער בונטארישער אַזעס, און ווי א געהאַרכזאמער מאנאַך אוועק איז ער אין קעלער, איבערזיצן די שווערע טעג פון לעצטן דוירעסדיקן שלאכט.

ביז האלבער נאַכט האט מען שוין באַוויזן פאַרכאפּן דעם צענטראַלן טעלעגראַף, די טעלעפאָן־סטאַנציע, און די קאַזנאַטשייסטווע.

פּונקט אין צענטער שטאָט איז געשטאַנען אַ ראָטע פּוילישע לעגיאָנערן און מע האט אלץ ניט געוווסט, צי זיינען זיי פאַר דער אוקראַינישער ראַדע, צי קעגן איר.

אינאָוונט, האט קאָנגון אוועקגעשיקט אַן אָטריאַד, ער זאָל די לעגיאָנערן אנטוואָפענען, נאָר ביז האלבער נאַכט איז פונעם אָטריאַד קיין ידיעה אלץ ניט אָנגעקומען.

א בלייכער, אַן אופגערעגטער איז רוזער יעדעס מאָל צוגעגאנגען צום פענצטער, געפאַרשט דעם כּוישעך און געכניקעט, אַז אף אַזאַ פאראנטווארטלעכער ארבעט האט מען ניט געטאָרט שיקן אַזאַ אָטריאַד, וואס באַשטייט בלויז פון יוגנט.

בעראָש פון דעמדאָזיקן אָטריאַד איז געשטאַנען מייער וויגמאַן,—אַ שטילבלייך באָכערל, אַ יאָר צוואַנציק, מיט גרויע אויגן, וואס זיינען שטענדיק באַנגלעך צעשמייכלטע און ווי פארטיפטע אין זיך.

גערעדט האט ער היקעוואטע, און דאָס וואָס אים איז ניט געלונגן ארויסרעדן מיטן צונג, פלעגט ער דערפינטלען מיט די אויגן.

איז ער אָבער ארויסגעטראָטן פאַר אַן אוילעם, פלעגט זיך אין זיינע אויגן אָנצינדן א מאָדנע ווייס פייערל, די שפּראַך פלעגט ווערן פליסיק, ריין, און שווער איז געווען צו וויסן, מיט וואס באַהערשט ער דעם

אוילעם, פון וואָס ווערט אזוי וואַרעם אין האַרץ, צי פון זיין הייס באַגייסטערט וואָרט, צי פונעם ווייסן פייער אין זיינע אויגן?

אַנטוואָפּענדיק די ראָטע פוילישע לעגיאָנערן, האט מען דאָס געווער איבערגעטראָגן אין נאָענטסטן ראַיפּארקאָם. און דאָ, איז מייער וויגמאַן געקומען צום באַשלוס, אַז דער ניצאָכן איבער די לעגיאָנערן איז ווייניק. פאַראַן נאָך אַ זאַוואָד „ארפּס״ — א באוואכטער פון צוויי ראָטעס סערבן, און אַף דעם זאַוואָד געפינען זיך זעקס און פערציק אַווטאמאַבילן, פיר מאטאציקלעטקעס, פיר הונדערט ביקסן און פופצן קעסטלעך קוילן. אָט דאס פארמעגן וועט דעם רעווקאָם זייער צונוץ קומען, און דער אָטריאַד דארף קומען אין שטאַב אַריין מיט אָט דער מאַטאָנע.

פון ראַיפּארקאָם איז מיטן אָטריאַד אוועקגעגאנגען אויך דער עלטסטער באָלשעוויק, דער „זיידע״ טראַפּימאָוו, אַ נידעריטשקער זאָקן, א יאָר זעכציק, מיט א שפּיציק בערדעלע און מיט אַ צעשפּאַלטענער בריל אַף אַ שטריקל.

אַ פאַרוויינטע, אַ פאַרצאָקטע איז די נאַכט געלעגן פארנורעט צווישן הויכע אויסגעלאָשענע מויערן, געשראָקן זיך פאר דער אָנגעלאָדענער שטילקייט, און נאָר געהערט ווי אין פאַרשיידענע עקן שטאָט ברעכט אויס פון מאָל צו מאָל אַ שיסעריי, ברעכט אויס און פארשטימט, גלייך איין עק שטאָט רייצט זיך מיט דער צווייטער.

מיט די לעצטע קויכעס האט טראַפּימאָוו סאָפּנדיק געאיילט נאָך די יונגע טריט, געטאַפּט אין קעשענע די באָמבע, און לעסאָף באַשלאָסן, אַז כאָטש די באָמבע איז אָן אַ קאַפּסול און קאָן ניט אופרייסן, נאָר זיכערער וועט ער זיין, אז די באָמבע וועט טראָגן מייער וויגמאַן.

גאָרניט ווייט פון דער פאבריק איז איין טייל געבליבן וואַרטן אין אַ באהעלטעניש, דער צווייטער טייל איז אף אלע פיר אוועקגעקראָכן לענג־אויס דער וואַנט, און דער וועכטער האט פלוצלינג דערזעען, ווי פון אונטער דער ערד זיינען ארום אים אויסגעוואַקסן מענטשן.

א פאַרגליווערטער איז ער עטלעכע סעקונדן געשטאנען מיט אַ ברייט צעעפנט מויל, און נאָר געקוקט ווי מע נעמט צו זיין ביקס און מע טוט פון אים אויס דעם רימען מיטן פאַטראָנטאַש.

אַפֿן וועג צו דער קאַזאַרמע איז ער אָבער ווי געקומען צו זיך, און פריילעך אָנגעהויבן פּויקן מיטן פינגער אין ברוסט:

— יאַ! ניע, ניע.

וואָס פֿאַר אַ מיין איז געלעגן אינעם „יאַ ניע ניע", צי איז ער ניט איינשטימיק מיטן אָנפֿאַל, צי ער איז ניט קעגן דעם, וואָס מע האָט באַ אים צוגענומען די ביקס, — דאָס איז שווער געווען צו וויסן. דעם וועכטער איז אָבער אָפּאָנים שטאַרק אָנגעגאַנגען, מע זאָל קלאָר וויסן זיין באַציאונג, און ביז דער קאַזאַרמע האָט ער מיטן פינגער אַלץ געפּויקט און ברוסט און געטאַינעט:

— יאַ! ניע, ניע.

— נו, מיילע — איז טראָפּימאָוו מאַסקים געוואָרן — זאָל זיין ניע. נאָר זשומע ניט. פּלאַפּל ניט.

די ערשטע זיינען אין קאַזאַרמע אַריינגעשפּרונגען וויגמאַן מיט דער באָמבע אין האַנט, און טראָפּימאָוו מיטן נאַגאַן.

— רו־ק־ק־קי וו־ווער־רך! — האָט וויגמאַן אָנגעהויבן היקען און צו פּינטלען מיט די אויגן — רו־ק־קי ווערך!

באַם טיש איבער אַ בוך איז געזעסן אַ בלאָנדער אָפֿיציר, און אַף לאַנגע צווייי נאַרעס זיינען געלעגן די סערבן.

טייל זיינען אָפּאָנים געשלאָפֿן, נאָר דערהערנדיק וויגמאַנס באַפֿעל, האָבן די וואַכנדיקע אופגעהויבן די הענט, און מיט די פֿיס אָנגעהויבן שטורכען די שלאָפֿנדיקע, זיי זאָלן זיך אופכאַפּן און אויך אופהויבן די הענט.

— באָל־שע־וויק — איז פֿון מויל צו מויל סוידעסדיק אַוועקגעשוואומען די יעדיע — באָל־שע־וויק.

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווען דער אָפֿיציר האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט און געכאַפּט זיך פֿאַר דער קאַבורע פֿון רעוואָלווער.

דערזעען האָט מען נאָר, ווי אַ סערב מיט אַ ברייטן ראָזן פּאָנים איז פּלוצלינג אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער נאַרע, אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער, און פֿון זיין איין־און איינציקן זעץ אין פּאָנים איז דער אָפֿיציר ווי אַ פֿאַרגליווערטער געפֿאַלן שטייענדיק.

— באָלשעוויק? — האָט זיך צו וויגמאַנען געווענדט דער סערב מיטן ברייטן ראָזן פּאָנים — באָלשעוויק?

— בּ־בּאָל־שעוויק, בּ־בּאָל־שעוויק.

דער סערבּ האָט היציק עפּעס אָנגעהויבּן רעדן צו די סאָלדאַטן און לעסאָף דערלאַנגט טראָפּימאָוון אַ האַנט:

— יאַ טוואַריש, ווסע טוואַריש — האָט ער מיטן האַנט אָנגעוויזן אַף די סערבּישע סאָלדאַטן — ווסע טוואַריש.

פון פרייד האָט טראָפּימאָוו ארופגערוקט די ברילן אַפן שטערן, אונ־טערגעהויבּן זיך אַף די שפּיץ פינגער, און ניט אַרויסלאָזנדיק דעם נאַגאַן פון האַנט האָט ער ארומגעכאַפּט דעם סערבּס האַלדז און צעקושט זיך מיט אים.

אַפן דיל איז דער אָפיציר געזעסן אַ צעבּלוטיקטער, און דערשלאָגן געקוקט, ווי די סערבּישע סאָלדאַטן העלפן דעם אָטריאַד אַרויסטראָגן די ביקסן.

טראָפּימאָוו איז דערווייל ארופגעקראָכן אַף אַ טיש, און אָנגעהויבּן דער־קלערן די סאָלדאַטן, צוליבּ וואָס מאַכט מען דעם איצטיקן אופשטאַנד.

מיטן געדאַנק האָבּן די סערבּן זייער וויניק באַנומען זיין דערקלערונג אַף דער פרעמדער רוסישער שפּראַך. נאָר זייער פויערישע האַרץ האָט דערפילט, אַז רעדן רעדט ער וועגן אָפּנעמען די ערד בּאַ די פּריצים, דאָס רייכטום בּאַ די גווירים, און שאַפן אַ ניי לעבּן, אָן קנעכטשאַפט און מילכאָמעס.

מיטן אויער האָבּן זיי געהערט טראָפּימאָוווס רייד, אָפט צופרידן צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, און עפּעס מאָדנע הילכיק געזיפצט, גלייך זיי זיינען מעקאַנע. נאָר פאַר די פאַרבּענקטע בּליקן זיינען געשווומען בּילדער פון דער ווייטער בּערגיקער היים, אַ היים אַ בּאַרויבּטע פון די גווירים, אַ רוינירטע פון דער שווערער מילכאָמע. אין לייד, אין דאַלעס האָבּן זיי די היים פאַרלאָזן; אין לייד, אין דאַלעס וועלן זיי זיך אומקערן צו איר. און אַז אין גאַראַזש האָט מען אופגעבּונדן צו פינף אווטאָמאַבּילן אייגנס נאָכן צווייטן, אָנגעלאָדן זיי מיט ביקסן, מיט מאַטאַציקלעטקעס און מיט קעסטלעך קוילן — האָט אַ צענדליק סערבּישע סאָלדאַטן פאַרלאָזט די קאַזאַרמע, און אַוועק מיטן אָטריאַד רויטע גוואַרדייער, אַוועק קעמפן פאַר אַ נייער היים.

שאָפערן זיינען אינעם אָטריאַד געווען נאָר דריי. אַף די איבּעריקע אַווטאָמאָבּילן זיינען געזעסן שניידער, שוסטער, זעצער, — מענטשן, וואָס

זיינען אין זייער לעבן אַפילו ניט געפאָרן אויף קיין אַוטאָמאָביל. אַט די־זעלבע מענטשן האָבן איצט מיט ציטערדיקע הענט געהאַלטן דעם רול, און צוגעהערט זיך צו די באַפעלן פון די שאָפערן:

— דריי דעם רול אויף רעכטס, דריי אויף לינקס!

לאַנג איז דער שטאָלענער קאַראַוואַן געקראָכן איבער די אויסגעלאָ־שענע פאַרשטאָרבענע גאַסן, און פלוצלינג — אַ קוילנוואַרפערישער פייער.

אונטער דער אָנפירונג פונעם סערב מיטן ברייטן ראָזען פּאָנים, האָט זיך דער אָטריאַד אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער צעשאָטענער קייט, און אָפּ־געענטפערט מיט אָפּטע זאַלפן.

א מינוט פופצן איז דער כווישעך ווי דורכגעהאָפטן געוואָרן מיט פייַ־ערדיקע שטרייפלעך, און די קוילן זיינען געפלויגן איבער די שטיינער מיט אַ פייפנדיקן גראַגעריי. נאָר פונקט צום לעצטן שאָס האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן, מיט גיכע־גיכע טריט אַ שפּאַן געטאָן צוריק, אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס און איז געפאַלן.

צום שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע איז דער קאַראַוואַן צוגעפאָרן אָן אָנגעלאָדענער מיט געווער, מיט קוילן און מיט מייער וויגמאַנס טויטן קערפּער.

III

אָנגעלענט אַפן ביקס איז העניע, קאַנגונס פרוי, געשטאַנען אינעם רעדל און געקנייפּט אַ לעבל ברויט.

דאָס געשטופּלטע פּאָנים, און דאָס נעזל, וואָס האָט אויסגעזען ווי א צוגעקלעפּטע רויטע פיסטאַשקע, — האָט בא איר געפלאַמט פון סינע צום פאַרזיצער פון ראַט, צו גנידענקאָן.

עפּעס שטייט ער אַזוי פלעגמאַטיש, שטייט מיט פאַרוקטע הענט אין די הויזן־קעשענעס, זאָגט דורך די געלע ציין געציילטע ווערטער, גלייך ער טוט א טויווע דערמיט, וואָס ער האָט דאָס מויל צעעפנט. און פון זיין נאַריש שמייכעלע שטראָמט אַזוי פיל גאַדלעס, פונקט דער גאַנ־צער עמעס ליגט בא אים אין די הויזן־קעשענעס. נאָר רעדן וויל ער ניט פון דעם, ווייל צו וואָס זאָל ער שיטן פערל פאַר פאַרשייטע אַוואַנ־טיוריסטן? צו וואָס! ס׳וועט דאָך בעמיילע צושטיין ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. איינס אָבער מוז ער דערקלערן קאַטעגאָריש:

— פון דער אַוואַנטיור וועלן זיך די באָלשעוויקעס צעבערעכן רוק און לענד, און אַט דאס איז כאָטש א שטיקל טרייסט.

עטלעכע ארבעטער זיינען געוואָרן אָנגעצונדן, און דראָענדיק צוגע־שטאַנען, ער, גנידענקא, זאָל דערקלערן, אין וואס זשע דריקט זיך אויס זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע כאַכמע:

— אין פאראַטן, דאַן, ווען מע דאַרף גיין אין שלאַכט, פרייען זיך מיט אונדזערע מאַפּאָלעס?

העניע האט א קניפּ געטאָן דאָס לעבל ברויט און אָפּגעשטופּט פון גנידענקאן די צעבייזערטע כאַוויירים:

— טרייסלט ניט קיין מענטשעוויק, אין זאָל ווערט נאָך ווערן אַ איפעש.

און א צעשמייכלטע איז זי צוגעגאַנגען צום איינזאַמען פאַרזאָרגטן כוואָראַסטינען, אַראָפּגערוקט אים די קעפּקע אַריבער די אויגן, און גוט־ברודעריש א קלאַפּ געטאָן אים אין פּלייצע:

— יידענע, הויב אוף דעם שמעקער. פילסטו דען ניט, אַז סע אָטעמט איצט מיט פּולווער?

אָט דער שוואַרצבערדיקער שניידער האט מיט איין זעענדיק אויג צעגדליקער יאָרן קלאָר געזוען די צילן און די וועגן פונעם לעבן, נאָר איצט האט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די געשעענישן, טראַכט, ווייטיקט און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

— גרינג איז דיר צו רעדן — האט ער טרויעריק א זאג געטאָן צו העניען, — און מיט וואָס איז מען זיכער, אז דער שלאַכט וועט זיך ענ־דיקן זיגרייך? מיט וואָס! גלויבסטו טאַקע, אַז די אַלוועלטלעכע בורזשואַ־זיע וועט דאס גרינג אַראָפּשלינגען? אין א כוידעש אַרום וועט זי דאָך דאס גאַנצע לאַנד דערטרינקען אין בלוט!

— און וואס זשע האָלסטו פאָרגעלייגט?

— כ׳ווייס ניט, העניע, כ׳ווייס ניט, אַזוי איז שלעכט, און אַזוי איז ביטער.

העניע האט אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער און א טרייסל געטאָן:

— ביסט אויוועראַטל, כוואָראַסטין, הערסט, אויוועראַטל. ווילסט זיך ראַטעווען? איז פאָלג מיך, נעם א ביקסל אַף די אַקסל און עס וועט דיר צעשיסן אַלע דיינע ספייקעס.

כוואָראָסטין האט אויסגעשטעלט אף איר זיין שטאַרק קאָסע אויג, קוקט, קוקט, נאָר דאַכט זיך, אז ער זעט ניט. פאַרקייקלט האט זיך אים זיין

קאָסע אויג ווי א האַלבע לעוואָנע, און אָט צו דעם ווימלענדיקן שטראָם מענטשן, וואס האבן זייער לעבן געשטעלט אין קאָן, און גייען פארקערפערן זיין אַלטן אויסגעשמאַכטן טרוים,— צו זיי האט כוואָראָסטין אויסגעשטעלט זיין נאַקעטן טויטן ווייסל.

שפעט נאָך האַלבער נאַכט איז אָנגעקומען א יעדיע, אז די האַידאַמאַקעס האבן אָפּגעוואָרפן די רויטע גוואַרדיע, פאַרנומען דעם וואָקזאַל, און בא זייער אריינגאַנג צעשאָסן צען אַרבעטער.

קאָנגון איז אַף א רעגע בלייך געוואָרן, א קריץ געטאָן מיט די ציין און אריינגעשריען אינעם טומלענדיקן זאַל:

— ווייסמאַן, העניע און דיאָגאט! טייקעף צום וואָקזאַל מיט די אָטריאַדן, קיינער טאָר ניט אָפּטרעטן!

אין צענדליק גוואַרדייער נאָכן צווייטן האט זיך טומלענדיק אויסגעשטעלט אין דער ריי, פעסטער אונטערגעגאַרטלט די הויזן, מיט א קאַלטן געקנאַקעריי אָנגעלאָדן די ביקסן, און אז אַלץ איז שוין געוואָרן גרייט אין וועג אריין, איז העניע צוגעלאָפן צום שוועל און גיך, גיך א זאג געטאָן צו קאָנגונען:

— אויב איך וועל זיך איבערקוליען, זאָלסט אָפּהיטן די קינדער, הערסט, מאָניע?

מיט איין אויגווינקל האט קאָנגון א קוק געטאָן אף העניען, און אַראָפּגעשלונגען א פארשעמטן, אָן ערנסטן נאָר וואַרעמען שמייכל.

א קאַלטער אומרו האט מיטאַמאָל א שפּריַיז געטאָן איבערן זאַל, אויסגעקערט פון איר דעם טומלענדיקן שטראָם, און כוואָראָסטין איז געבליבן אַן עלנטער, א פאַרלאָזטער אינעם אָנגערויכערטן שטאַב, פונוואַנען דער גרעסטער טייל פון זיינע כאַווייריִם איז אַוועק זיגן אָדער שטאַרבן.

פון מאָל צו מאָל גרילצט אריין א לאַנגער טעלעפאָנען־קלינג און זאָגט אָן וועגן מאַפּאָלעס און ניצכוינעס.

אומרויק שווינדן פון צימער צו צימער די פארטיפטע מיטגלידער פון רעוואָליוציאָנערן שטאַב.

ערגעץ ווייט, ווייט הילכט א קאַנאָנאַדע, דאָרטן שינדט מען שוין די פעל פון אַלטן לעבן, און די נאַכט, א שוואַרצע, א געדיכטע, אויסגעלאָשן האָט ביז לעצטן שטערן, ווערגט זיך מיט זודיקן בליי, און שלוקערצט פון רעגונג.

ערשט איצט האט כוואָראָסטין דערפילט, אַז ער לעבט איבער אַ מאָדנעם צושטאַנד: אין געדאַנק איז ער דאָך קעגן דעם אופשטאַנד, אין געדאַנק איז ער דאָך זיכער, אַז מע וועט פאַרשפּילן. נאָר יעדער שאָס קלינגט אָפּ אין אים מיט הייטער, צאַפּלענדיקער פרייד, און מיטן האַרץ בענטשט ער, בענטשט יעדן אָטריאַד, וואָס גייט אַוועק שטאַרבן אָדער זיגן.

אַ פאַרקלעמטער, אַ פאַרביטערטער האט ער זיך צוגעשפּאַרט צום פענצטער, לאַנג, לאַנג פאַרטראַכט געקוקט אין שוואַרצער נאַכט אַריין, און ניט געהערט, ווען און ווער האט באַפוילן קלייבן זיך אין וועג. נאָר אַז דער אָטריאַד האט זיך אָנגעהויבן שטעלן אין רייען, איז ער צוגעגאַנגען צום אָנגעוואַלגערטן באַרג ביקסן, אויסגעקליבן אַ ביקס און דער לעצטער געשטעלט זיך אין ריי.

גנידענקאָ האט זיך עפּעס מער צונויפגעהויקערט, טיפער פאַרוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, און מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע אָפּגעמאָסטן אים פון פיס ביז קאָפּ:

— וואָס זשע, האָסטו באַשלאָסן נאָך מיט איין שויטע פאַרמערן די רייען פון די אַוואַנטיוריסטן?

אין כוואָראָסטינס קאָפּער אויג האט אופגעבליצט אַן אופגערייצטע אַקשאָנעס און בלוטיק אָנגעצונדן אים דאָס רויט־געשטרייפטע ווייטל:

— אויב דער איצטיקער שלאַכט איז אַ גרייז, וויל איך גרייזן גלייך ווי אַלע אַרבעטער.

און צוזאַמען מיטן אָטריאַד אַוועק איז ער צום וואָקזאַל פון גייעם לעבן, אַוועק איז ער אָפּגיין מיט בלוט, נאָר קעמפן.

דערווייל איז אַ באַוואָפנטער אָטריאַד מאַטראָסן אַראָפּ פון די קריגסשיפן, אופגעריסן די טירן פון דער גרעסטער קאַפּע און אויסגעזעצט זיך בײַ די טישלעך.

זייער אָנפירער, דער קורצער שווייגנדיקער אָטשקאַנאָוו האט צום באַלעבאָס פון דער קאַפּע אַ וווּנק געטאָן מיט אַ ניקלענעם ברויניננ, און אים דערקלערט:

— זיין פיסק וויל פיקן, זייט זיך מאַטריעך!

דער צעשראָקענער באַלעבאָס האט זיך קנעכטיש פאַרנויגט און באַדויערנדיק צעפירט מיט די הענט:

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, כאַוויירים, נאָר סע גאַרניט געבליבן.

א ברייטביייניקער מאַטראָס האט אף אים א קאָסן, כמורנעם קוק געטאָן, פון אונטער די צונויפגעפרעסטע ציין ארויסגעשנאָלן א קוויטשנדיקן שפיי, און דעם באַלעבאָס געטראָפן פונקט אין נאָז אריין.

— פאַר וועמען — כאַוויירים, — האט דער מאַטראָס א בריל געטאָן, — און פאַר דיר — ניט מער און ניט ווייניקער ווי אייער עקסעלענץ באָלשע־וויקעס. דערלאַנג, סטיערווע, און גראַגער ניט!

כעוורע האט אַריינגעריבן, וואס סע האט זיך נאָר געטראָפן אונטער דער האַנט, דורכגעשוועקט די העלדזער מיט אביסל גריכישן קאָניאַק, פון די ווייכע קרעסלעס אויסגעשניטן שטיקער פליוש אַף אָנעטשעס, און אז מע איז שוין איבערגעקומען מיט דער גאַנצער ארבעט, איז א טייל מאַטראָסן ארויס אין גאַס און אָנגעהויבן באַשיסן די שענסטע, רייכסטע מויערן.

— וואס קנאַלט איר? — האט זיך אָטשקאַנאָוו צעשריען.

— גלאַט אזוי! זאָלן די בורזשויען וויסן, אז פון היינטיקער נאַכט וועלן זיי רויק מער שוין ניט איינשלאָפן.

## IV

אַפן שוואַרצן, פאַרויכערטן גוס־זאַוואָד האט מען די גאַנצע נאַכט געהאָגלט.

ווי בלייענע שמעטערלינגען פלעגן די קוילן פון מאָל צו מאָל אריינ־פליען דורך די צעבראָכענע שויבן. מיט א פייפנדיקן ריקאָשעט פלעגן זיי אָפּשפרונגען פון א קאָוואדלע, פון א מאַשין, און בא עמעצן איינ־טרונקען זיך אין ברוסט, אין בויך, אין שאַרבן.

יעדן פאַרוווּנדעטן פלעגט מען טייקעף אונטערכאַפּן און טייקעף איז שוין אַף זיין אָרט געשטאַנען א צווייטער, געשטאַנען שווייגנדיק, ערנסט, א באַלאָדענער מיט האַמער, מיט קליאָפּקעס און מיט שרעקלאָזער דרייסט.

די גאַנצע נאַכט, דעם גאַנצן פרימאָרגן זיינען די קוילן זשומענדיק אומגעפלויגן איבערן זאַוואָד. אין יעדער שויב האט דער טויט געפּויקט מיט א בלייענעם פינגער, און הונדערטער ארבעטער האבן געקליאָפּעוועט גראָבע בלעטער אייזן, גראָבע בלעטער שטאָל, און בראָנירט דעם צוג, ער זאָל זיך קאָנען אריינרייסן צו די האַידאַמאַקעס אין טיל, און פאַר־טרייבן פון דער באַן־ליניע זייערע בראָנירטע צוגן.

צו האלבן טאָג האבן די האַידאַמאַקעס אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינעם אָנגריף.

געגאנגען איז דער אָנגריף אין דריי געדיכטע קאָלאָנעס. איין קאָלאָנע — אין דער ריכטונג צום פאַרכאַפּטן מעלוכע־באַנק; די צווייטע — צו דער צענטראַלער טעלעפאָן־סטאַנציע; די דריטע קאָלאָנע — צום וואָקזאַל.

פאָרויס פון די קאָלאָנעס זיינען געגאנגען בראָנירטע אַווטאָמאָבילן, און בא די זייטן — יונקערס, ראָטעס אָפיצירן און האַידאַמאַקעס.

די צענטראַלע גאַסן פון שטאָט זיינען ווי אויסגעשטאָרבן, פאַרהאַקטע טיר און טויער, צוגעמאַכט די לאָדנס אָדער אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן.

ווען־ניט־ווען פלעגט נאר עמעץ באַווייזן זיך אין א פענצטער, אף א רעגע ארויסשטעקן די קאָפּ פון א טויער, און טייקעף פארשווונדן.

מאַכנעסוויז זיינען אף די גאַסן געשטאַנען באַוואָפנטע יונגע און גרויע ארבעטער, דראַגונער, אולאַנער, פעכאָטינער פון פארשיידענע טיילן, און מאַטראָסן אין שוואַרצע בושלאַטן מיט טטענגעס קוילן אף די ברוסטן.

אַרום טייל ארמייער זיינען געשטאַנען ווייבער מיט טעפלעך עסנוואַרג, און באַרעמהערציקע שוועסטער מיט פעקלעך אף די פלייצעס.

אָנגעהויבן האט זיך דער שלאַכט מיט א קוילנוואַרפערישן פייער פון די דעכער, פון די אויבערשטע שטאָקן, פון די בראָנעוויקעס און פון די האַידאַמאַקישע דריידיוימיקע האַרמאַטן.

א פּאָר שאָ זיינען די רויטגוואַרדייער באַהאָגלט געוואָרן פון אַלע זייטן, און אינעם רויך און געפייף האט מען גארניט באמערקט, ווי אזוי דער טאג איז אויסגעגאַנגען, און אַראָפּגעגנידערט האט א כמורנער אָוונט מיט א קאַלטן שטעכעוודיקן ווינט.

דערזעען האט מען נאָר, אז אף דער הויפּט־פּאָזיציע, ווו די אולאַנער האבן ניט געטאָרט צולאָזן די האַידאַמאַקעס, — דאָרט איז געוואָרן א גע־ טומל, און א פארדעכטיקער איבערלויף פון אָרט צו אָרט.

פונוואַנען די יעדיע איז פארשפרייט געוואָרן האט קיינער ניט גע־ ווּסט, נאָר איבער די רויטגוואַרדייאישע רייען איז זי אַוועקגעשווומען מיט א פּאַנישן אָנזאָג, אז מע איז ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, און מע דאַרף זיך ראַטעווען.

נאָר פונקט אין דעם מאָמענט איז צו די פּאָזיציעס צוגעלאָפן אַן אָפּ־ געריסן יינגל אין א מאַטראָסקער היטל, און א ליכטיקע בסורע אריינגע־ שריען אינעם געפייף פון די קוילן:

— עקסטרע טעלעגראַמע! דער ניצאָכן פון דער רויטער גוואַרדיע אין גאַנצער שטאָט!

פון אַלע זייטן האָט מען זיך א לאָז געטאָן צום ייִנגל נאָך די טעלע־גראַמעס.

— א רובל, א רובל א טעלעגראַמע און ניט ווייניקער.

— פאַר וואָס עפּעס א רובל? שפּעקוליאַנט.

א האַלבן רובל די בורזשויען אַף טאַכריכים, — האָט דאָס ייִנגל שמייכלענדיק דערקלערט, — און אַ האַלבן רובל, קעדיי צו פאַרסטראַכירן זיך פון טויט.

אויסגעצויגן אַף די שטיינער האָט מען אונטערן גרויליקן פייער גע־לייענט די פרייִלעכע ידיעס, און געלויבט דאָס ייִנגל פאַר זיין דרייסט.

פלוצלינג האָט אָבער דאָס ייִנגל א געשריי געטאָן:

— מאַמע! — אויפגעפלאַטערט מיט די הענטלעך, גלייך ווי מיט זיי וויל ער זיך אָנכאַפּן פאַר דער לופט, און מיט א דורכגעשאָסענעם שאַרבן איז ער טויט געפאַלן אַף די רויטגוואַרדייער.

דער קאַלטער שטעכעוודיקער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט די עקסטרע טעלעגראַמעס, און ווי א ליכטיקן אָנזאָג אַוועקגעטריבן די ווייסע בלעטער אהין, צו יענע פּאָזיציעס, וווהין דאָס ייִנגל האָט שוין ניט דערגרייכט גיין.

V

צוזאַמען מיטן קאַלטן כמורנעם אָוונט איז צום רייד אויך צוגעשווומען א נייע קריגס־שיף.

דערזעענדיק דעם פלוצלינגן גאַסט, האָט אפן קרייסער מערקורי ווידער אויפגעפלאַטערט די געלע אוקראַינישע פאָן. און די האַרמאַטן זיינען אָנ־געצילט געוואָרן אַפן שטאָט.

— ווער, און פונוואַנען? — האָט די פאַנצערשיף ראָסטיסלאַוו געווענ־דעט זיך צום גאַסט אַף א בלויער פונקען־שפּראַך.

— דער פאַרצוימער קסעניע פון רומענישן פראָנט.

— נאָך וואָס און מיט וועמען?

— מיט א באַטאַליאָן סאָלדאַטן, קעדיי צו שטיצן די אוקראַינישע ראַדע.

— אין נאָמען פון די אויפשטענדלער ווערט קסעניען באַפוילן בלייבן אויסערן רייד, און ניט רירן זיך פון אָרט.

אַלע מאַטראָסן פון קרייסער „מערקורי“ זיינען ארויס אַף דער פּאַלובע, מיט נייגעריקן אומרו געקוקט ווי צו קסעניען איילט אַ קאַטיער מיט קאָנגוגען, און אומגעדולדיק געוואַרט, מיט וואָס וועלן זיך ענדיקן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די געקומענע סאָלדאטן און צווישן דעם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע.

ווי נאָר אַף קסעניען האט פלוצלינג אופגעפלאַטערט א רויטע פאָן, און צוויי ראָטעס סאָלדאטן זיינען אוועק שטיצן דעם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע, — האָט ראָסטיסלאַוו, אַלמאַז און טינאָפּ פארנומען א שלאַכט־פּאָזיציע, אָנגעצילט די האַרמאַטן אַפן קרייסער „מערקורי“, באַפוילן אים טייקעף אַראָפּלאָזן די געלע פאָן, און ארויסגעבן אַלע ביקסן, וואָס געפינען זיך אפן קרייסער.

פון קאַלטן הויכן הימל האָבן אַף דער שטאָט ערנסט אַראָפּגעקוקט גרויסע ליכטיקע שטערן, געקוקט אַף די הונדערטער געהארגעטע, וואָס וואַלגערן זיך אַף די קאלטע שטיינער, געקוקט, ווי גאסן פלוידערן אַף ביקסן־שפּראַך און דעם פּראָסטיקן כוישעך אַקערן שווערע זשומענדיקע סנאריאדן.

ווי זאַנגען פלעגט דאס קוילנוואַרפערישע פייער קאָסען רייענווייז, אַף איין־איינציקער רעגע פלעגט אין דער נאַכט ארייין ארייינגרילצן א לעצטער „אוי“ און אפן אָרט פון די געפאלענע — נייע טויזנטער ארבעטער איילן מאכנעסווייז, לויפן רייענווייז. טייל פאַלן, הויבן זיך אוף און פאַלן ווידער, גלייך די שטאָט האָט באַשלאָסן אלע דורכגאנגען פון אירע גאַסן פאַרשטאָפּן געדיכט מיט מענטשלעכע לעבנס.

שפּעט אין נאכט איז איבער דער שטאָט אוועקגעקראָכן די שיין פון עטלעכע פּראָזשעקטערן, אָנגעטאַפּט, ווו עס געפינען זיך די הייַדאַמאַקישע פּאָזיציעס, און דאס וואָרט האָט באַקומען די פלאָטישע ארטילעריע.

דאט דאָ, דאָס דאָרט פלאקערט אוף איין קאַזאַרמע נאָך דער צווייטער, און דער רויטער אומרו בלאָנדזשעט איבערן שטאָט, צעוויקלט זיך אלץ העכער, ברייטער און מיט אַ רויטער צאַפּלענדיקער לאַפּע טאַפּט ער די אויסגעלאָשענע פענצטער פון די רייכע מויערן.

אין „דומע“ זיינען די גאנצע צייט געזעסן די ראַטמענער פון דער שטאָט־פאַרוואלטונג און אין היציקע רעדעס באוויינט דעם שענדלעכן סאָף פון דער רוסלענדישער רעוואָליוציע.

פלוצלינג איז א שווערער סנאריאַד אַראָפּגעפאלן ניט ווייט פון דער שטאַט־פארוואלטונג און איבערגעריסן די טרויער־מעסע.

עטלעכע סעקונדן זיינען אלע ראַטמענער געבליבן זיצן אַף די ערטער מיט צעעפנטע מיילער, און מיט א טויטן פאַרגליווערטן בליק. נאָר אַף די בענק פון דער קאַדעטישער פראַקציע, האט די טויטע שטילקייט מיט־אַמאָל געפלאצט, און א קוויטשענדיקע פרויען־שטים האט זיך היסטעריש צעשלוקערצט.

— גאָט מיינער, צו וואָס האב איך דערלעבט! שיסן אף א פאָלקס־פארטרעטונג!

באָלאָטיאַנסקי האט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, מיט א בלייך, פאר־קרימטן פּאָנים אַרופגעלאָפן אף דער טריבונע, און האסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן פויסט נאָך יעדן ווארט:

— פריער פון אלץ דארף מען זיין רויק, אבסאָליוט רויק. מיר זיינען פאלקס־פארטרעטער, אויסגעוויילט לויט די אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַלרעכט. איז אט, אין נאָמען פון דער בונדישער פראקציע לעג איך פאָר שיקן א דעלעגאַציע צום רעוואָליוציאָנערן שטאַב, און זאָלן די פארעטער אָפּשטעלן די בלוטיקע באָד.

מיט א פרום פּעניмל איז אַף דער טריבונע אַרוף דער פאָרשטייער פון דער אוקראַינישער ראַדע — דער דאָקטער לוצענקאָ, און זיס און פרום אנגעהויבן דערקלערן, ווי טריי די האַידאמאַקעס זיינען דער רעוואָ־ליוציע.

אַף זיי, אף די האַידאמאַקעס איז דאָך אייגנטלעך אויסגעפאַלן אט דער גרויסער היסטאָרישער גוירל צו ראַטעווען די רעוואליוציע פון דעם שענדלעכן וועג, אַף וועלכן עס וויל זי אַרויפשטויסן דער דייטשישער שפּיאָן וואָלאַדימיר לעניון, און דעריבער וועלן די אוקראַינער מיט פרייד שטיצן די דעלעגאַציע, וואס וועט גיין צום רעווקאָם מיט א קאַטעגאָ־רישער פאָדערונג, אפצושטעלן דעם שלאַכט.

א שיטער ביסל אפּלאָדיסמענטן האט באוויליקט זיין פאָרשלאג, און באלאטיאַנסקע פון דער בונדישער פראַקציע, גלידמאַן פון דער עסערי־שער, און קאראָבקאָוו פון דער מענשעוויסטישער פראַקציע, האבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג.

— א פאָן, א ווייסע פאָן ווו נעמט מען ?

דער ראַטמאַן פֿונעם גאַלעכטום האָט אַראָפּגעריסן דאָס פֿאָרהענגל פֿון פֿענצטער, אָפּגעבונדן פֿונעם שטעקן די רויטע פֿאָן, און אָנשטאָט איר, צוגעבונדן דאָס אַראָפּגעריסענע פֿאָרהענגל:

— נו, מיט גאָטס הילף — האָט ער ביטער אויסגעזיפֿצט, און איבער־געציילעמט די פֿאָן.

ווי נאָר די שאָלעם־דעלעגאַציע איז אַרויס פֿון „דומע", איז לוצענקאַ צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן, אָנגעקלונגען אין האַידאַמאַקישן שטאַב און מיט דעמזעלבן פֿרומען זיסן שטימעלע באַפֿוילן, די האַידאַמאַקעס זאָלן טייקעף עפֿענען אַן אַרטילערישן פֿייער פֿון אַלע פּונקטן, ווו נאָר עס שטייען האַרמאַטן.

דריי פֿאָלקס־דערוויילטע זיינען פֿאַרזונקען געוואָרן אין כוישעך, און נאָר די ווייסע פֿאָן, — זי, גרויס, ווי אַן אָפּגעהאַקטער עק פֿון אַן אויסגע־לאָשענער קאָמעטע.

אָפּגעגאַנגען זיינען זיי אָבער נאָר ביז האַלב וועג, און פּלוצלינג, — הילכענדיקע טריט און אַ בייזער אויסגעשריי:

— שטיי, ווער גייט!

— אייגענע, אייגענע — האָט גלידמאַן אַ דינינקן פּישטשע געטאָן.

— וואָס פֿאַר אַ אייגענע? — האָט קאַנגון איבערגעפֿרעגט און אָנגע־צונדן אַ שוועבעלע, — אַך, אָט ווער!..

מיט אַ ווייכער פֿאַרוועער שטים האָט אים קאַראָבקאָוו אָנגעהויבן דערקלערן, נאָך וואָס זיי גייען אין שטאַב. נאָר אַזוי ווי מע שטעלט זיי אָפּ אויף יעדער ראָג, איז קעדיי זיי זאָלן קאָנען אויספֿילן זייער שליכעס, בעטן זיי, אַ פּאָר גוואַרדייער זאָלן זיי באַגלייטן ביזן שטאַב.

קאָנגון האָט פּלוצלינג אַ ריס געטאָן דאָס פֿאָרהענגל פֿון שטעקן, צעפֿליקט עס, און קאַעסעדיק אַ שמיץ געטאָן זיי די שטיקלעך אין פּאָנים:

— נאַט, ס'וועט צונויז קומען אייער סאָציאַליסטישער פּראַקציע אַף אַשער־יאָצער. האַידע, כעוורע!

און אַוועקגעהילכט מיטן אָטריאַד.

נאָך אַ לאַנגן יישעווהאַדאַעס האָבן די פֿאָלקס־דערוויילטע צוגע־בונדן אַ ווייס נאָזטיכל צום שטעקן און פֿאַרט געלאָזט זיך גיין צום שטאַב. נאָר באַם נאָענטסטן ראָג האָט זיי אַ רויטגוואַרדייער פֿאַרצוימט

דעם וועג און אָף אַלע זייערע טאַיגעס און באַקאָשעס געענטפערט איינס און דאָסזעלבע:

— אַ מאַנדאַט דערלאַנגט, און ווייטער גאָרניט. אַ מאַנדאַט פון רעוואָ־ליוציאָנערן שטאַב.

אַנטוישטע, פאַרביטערטע האָבן זיי געלאָזט זיך גיין צוריק. פאָרויס — דער קורצינקער גלידמאַן ווי אַ ליליפוטישער קויהען־גאָגל מיט אַ לאַנגן פלאָקן אין האַנט. נאָך אים, שטומע, די קעפּ געבויגן — קאַראַבקאָוו און באַלאַטיאַנסקע.

באַ יעדער ראָג האָבן די פּאַטרולן באַפוילן זיי זאָלן פאַרקערעווען אין אַ צווייטער גאַס, פון אַ צווייטער — אין אַ דריטער, פון אַ דריטער — אין אַ פינפטער, ביז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ געקרייצטן פייער.

צעשראָקן איז קאַראַבקאָוו מיט באַלאַטיאַנסקען אַוועקגעקראָכן אַף אַלע פיר צום נאָענטסטן אַריינגאַנג אין אַ קעלער־שטוב, און גלידמאַן האָט זיך איינגענורעט אין ווינקל פון אַ טויער, און ווי אַ מעשונעדיקן טער־מאָמעטער צוגעפרעסט צום ברוסט דעם לאַנגן פלאָקן מיטן פלאַטערדיקן גאָזטיכל, אַלס פאָן.

## VI

כוץ דעם וואָקזאַל און אַ פּאָר האַידאַמאַקישע קאַזאַרמעס, איז די גאַנצע שטאָט שוין געווען אין די הענט פון דער רויטער גוואַרדיע. און אָט אַהער, צום פוסטן פּלאַץ, וואָס אַרום וואָקזאַל, האָבן די האַידאַמאַקעס אָנגעצילט די האַרמאַטן, און זיי רייסן אַרויס באַ דער ערד איין געשטיי־נערטע ריפּ נאָך דער צווייטער, בויערן אויס אין איר טיפע שוואַרצע גריבער, גלייך זיי האָבן באַשלאָסן די גאַנצע ערד צעקייווערן.

ווערט אָבער אָף אַ רעגע שטיל די אַרטילעריע, כאַפּן זיך אַריין די גוואַרדייער אין די הייסע רויכעוודיקע גריבער, און האָגלען אין די פענצטער פון וואָקזאַל.

צי די איינצייטיקע קוילן פון עטלעכע ביקסן, צי אַ צעשפּריצטער שפּלי־טער פון אַן אויפגעריסענעם סנאַריאַד איינגעטרונקען האָט זיך אין האַרץ פון וואָקזאַל־זייגער, נאָר דער גרויסער רונדער זייגער האָט אַ דריגע געטאָן מיט די שטאָלענע ווייזער ווי אַ גויסעס מיט די פיס, אַראָפּגע־

שלײדערט די װײזערס אױף דער ערד, און א פֿאַרװוּנדעטער איז דער זײגער געבליבן הענגען װי אַ ציקלאָפּ מיט אײן פֿינצטער אױג.

אױס צײט...

אראָפּגעריסן האט דער שטורעם אירע אלטע פֿאַרזשאַווערטע װײזער, און פֿון הײנטיקער נאַכט װעט די צײט פֿירן אַ נײעם כעשבן פֿון איר אױסלײזונג.

אפּאָנים, אז קאָנגוּן האט עפּעס געװאָלט אױסשרײען צו די גרײפּנדיקע רײען. נאָר אין דער רעגע איז אים אײן קויל אַרײנגעפֿלויגן אין צעעפֿנטן מויל, און א צװײטע דורכגעלעכערט האט זײַן רעכטן שלײף.

— כאַװײרים! — האט העניע א קװיטש געטאָן, צוגעפֿאַלן צו זײַן טויטן קערפּער, און אים אָנגעהויבן מינטערן:

— מאָניע, מאָניעלע!

נאָר װי אופּגעגרימטע בינען זשומען אַרום איר די קוילן, נאָך א רעגע אונטערן אָפּענעם פֿײער און זי פֿאַלט װי מאָניע.

האט זי זיך אױסגעצויגן נעבן זײַן טויטן קערפּער װי אונטער א שויץ, אָנגעשפּאַרט די ביקס אָן זײַן ברוסט, און פֿאַרביטערט אָנגעהויבן האָג־לען, האָגלען אין די פֿענצטער פֿון װאָקזאַל, ביז אינעם גרויען באַגינען האט דורכגעריסט א שװינדיקער אויטאָמאָביל מיט א װײַסער פֿאָן, און אָנגעזאָגט די בסורע פֿון פֿולשטענדיקן ניצאכן.

די זון איז אופּגעגאַנגען א רויטע, גלײַך איר קערפּער האט זי אָקאָרשט אױסגעבאָדן אין די קאַלטע װאסערן פֿון שװאַרצן יאַם, און שטראַליק שלאָגט אין איר אַצינד דאס הײסע בלוט.

פֿון פֿאַרשײדענע עקן שטאָט דערשוימען אײנציקע שאָסן, װי א לעצ־טער שלוקערץ פֿון דער שטורעם־נאַכט.

די ביקסן אופּגעהאָנגען אַף די אקסל מיט די דולעס אַראָפּ, שפּאַנען פֿרײלעך מאַכנעס אַרבעטער, מאַטראָסן און זעלנער.

טײל פֿון זײ פֿירן אונטער די הענט די פֿאַרװוּנדעטע כאַװײרים, טײל קושן זיך באַ די צעעפֿנטע טויערן מיט ניט קײן אױסגעשלאָפֿענע צע־שראָקענע פּענימער, און פֿון די שטימען, און פֿונעם קלאַנג פֿון זײערע טריט זינגט ארויס די פֿרײד פֿון זיגער.

אין צוגעפֿרוירענע קאַליעזשעס בלוט זײַנען אין אלע גאַסן געלעגן גע־הארגעטע. יונגע און גרויע אַרבעטער, סאָלדאַטן, און מאַטראָסן אין שװאַרצע בושלאַטן מיט קוילן סטענגעס אַף די ברוסטן.

באַ אַלע טויטע זיינען די פּענימער געווען געל, די פּויסטן—פאַרבראָכן, די ברעמען—אָנגעברויזט.

א שטרענגע, פאַראַקשנטע פייערלעכקייט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדער געל געזיכט. גלייך אַפילו דער טויט איז ניט געווען אימשטאַנד אַראָפּ־ווישן די שטרענגע ערנסט פון זייער שטאָלצן ליכטיקן ציל.

א לאַנגע צייט איז כוואַראָסטין מיט העניען אַלץ געשטאַנען נעבן קאַנ־גונען, מיט אויגן אָנגעשוואָלענע פון צאַער און ווייי געקוקט, ווי דאָס קילע ראָזע ווינטל שטיפט מיט מאָניעס שוואַרצן טשוב. לעסאָף האָבן זיי אים אַרופגעלייגט אַף זייערע אַקסל, און אַוועק מיט אים צום שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע.

און פון זיין דורכגעשאָסענעם שלייף האָט אַף די שוואַרצע פּייכטע טראָטואַרן אַלץ געטריפט, געטריפט און געלאָזט א לאַנג רויט שנירל, ווי א בלוטיקן אופשריפט פון ראַנגל און ניצאָכן.

ערגעץ ווייט אין עק שטאָט האָט זיך צעפּייפט א פאַבריק, נאָר אַזוי רוישיק, מיט אַזאַ לויטערן פרייילעכן גערוף, גלייך דעם ערשטן מאָל האָט זיך באַ איר דורכגעשווענקט דער פאַרויכערטער גאָרגל, און מיט א לויטערן שטאָלצן געזאַנג רופט זי איצט צו פרייידיקער, צו פרייער מי.

1924

# אױף נײַע רעלסן

I

אַ שאָ פֿאַרן ענדיקן די אַרבעט, האָט דער דירעקטער נאָך אַ מאָל אָנגעקלונגען אין לעדער־פֿאַריין, אָפּגערעדט מיטן פֿאָרזיצער, אַז אַף דער פֿאַרזאַמלונג אין פֿאַבריק אַריין וועט ער קומען פּונקט צו דער צייט, און אַ פֿאַרטיפֿטער, אַ געהויקערטער איז דער דירעקטער אַוועק איבער די צעכן.

טיף געבויגן איבער די פֿאַילץ־בלאָקן זײַנען אין אַ לאַנגער רײ גע־שטאַנען עטלעכע צענדליק פֿאַילצער און מיט געהענטלטע מעסערס גע־שאָבן די נאַסע פֿעל.

מיט אַ לאַנגן בעזעם אין האַנט איז פֿון בלאָק צו בלאָק אומגעגאַנגען אַ גרייז־גרויער ייד און אונטערגעקערט די פֿאַילץ־שפּענער.

זײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַקן, די פֿאַרזונקענע אויגן און דאָס קורנאָסע פּיצל נעזל, האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פֿון אַ טויטן שאַרבן, אַ טויטער שאַרבן אין אַ גרויער היטל אָנגערוקט ביז אַריבער די אויערן.

פֿאַר די פֿערציק יאָר, וואָס דער אַלטער איז אָפּגעשטאַנען באַם פֿאַילץ־בלאָק, האָט ער באַקומען אַ פּענסיע און אַן אָרדען אַלס ערן־העלד פֿון מי. נאָר אַ פּאָר כאָדאָשים איז ער אַלס פּענסיאָנער אומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג, געבענקט נאָכן שאַרפֿן איפֿעש פֿון די נאַסע פֿעל, געבענקט נאָך די כאָכמעס באַ דער אַרבעט, און לעסאָף אומגעקערט זיך צוריק אין פֿאַבריק כאָטש אַלס אונטערקערער.

ווי נאָר עמעץ איז אַף אַ רעגע אָפּגעגאַנגען פֿון בלאָק, פֿלעגט דער אַלטיטשקער כאַפּן דעם שאַבמעסער, און מיט אַ דאָרשטיקן פֿאַרגעניגן אָנהייבן פֿאַילצעווען דאָס לעדער.

— נו, רעב קאַלמען, מע יאָכלט נאָך?

— וואָס זשע, — פֿלעגט ער שטאָלץ צעשמייכלען זיך — כ'בין כאַ־לילע אַ ראָוו בין איך, צי אַן אַרבעטער? מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעזאַפּט מיט דעם מוז ער צעבראָכן ווערן.

אַ שטומער, אַ פּאַרטײַטער איז דער דירעקטער אומגעגאַנגען פֿון בלאָק צו בלאָק און נאָר איין־איינציק מאָל אַ פֿרעג געטאָן מיטן בליק בײַ אַ מיטגליד פֿון פּאַרטיי־ביוראָ, צי די אַרבעטער ווייסן עפּעס וועגן דעם סאָד.

בײַ אַלע פֿאַלצער זיינען שוין נאָס געווען די פֿאַרוסיגנע העמדער, אין ברודיקן שווייס אויסגעווייקט די האָר, אויסגעווייקט די פּענימער און אויסגעווייקט די לעדערנע פֿאַרטעכער. נאָר די פּלייצעס זיינען אַלץ געווען געבויגן איבער די פֿאַילץ־בלאָקן, און די אָנגעדראָלענע הענט האָבן געיאָגט. געיאָגט אַזוי איילּיק, געיאָגט אזוי אַקשאָנעסדיק, גלייך פֿון קינדווייז האָט דער אימפּעט באַהערשט די הענט, באַהערשט אַלע גלידער, און אין מויעך איינגעקריצט, אַז דאָס פֿאַבריקל איז אַלט, קיין מאַשין איז דאָ קיינמאָל ניט געווען, און אַ איבעריקן גראָשן פּאַרנאָסע קאָן מען אַרויסיאָגן נאָר פֿונעם אייגענעם שווייס.

נעבן אַ באַיאָרנטן אַרבעטער מיט א גלאַנצנדיקן פּליכעוואַטן קאָפּ, איז דער דירעקטער געבליבן שטיין, און מיט די פֿינגער אַ פּרווו געטאָן, צי דאָס לעדער איז אויסגעפֿאַלצט אומעטום גלייך:

— נו, כאַוער נאָטע, מע רייסט אריין?

מיטן פֿאַרשאַרצטן ברודיקן אַרבל האָט נאָטע אָפּגעווישט דעם שווייס, שמייכלענדיק אויסגעדרייט צום דירעקטער אַ געקנייטשטן ראַזירטן פּאָנים מיט אַ פּוסטן מויל, און נאָר צוויי זייטיקע ציין האָבן ארויסגעשטעקט ווי קליינינקע געלע הערנער.

— אַי, רייסט מען, כאַווער זעלצער, דער קריזש טרישטשעט אַזש ביז מע יאָגט אַרויס אַף דער הויצאָע.

אין נאָטעס ענטפֿער האָט זעלצער דערפֿילט אַ שטאָך, און גראָד פֿון נאָטען, פֿון אָט דעם באַוווסטזיניקן אַלטן אַרבעטער, וואָס פֿלעגט קיינמאָל ניט בורטשען, ניט באַקלאָגן זיך און ניט האָבן קיין קליינלעכע טאַינעס צו דער אַדמיניסטראַציע—גראָד פֿון אים האָט זעלצער ניט געוואַרט אַף אַזאַ ענטפֿער. ניט אַנדערש, אַז נאָטע ווייסט שוין עפּעס מעקויעך דעם סאָד, און מיט שטעכווערטלעך וויל ער געבן אָנצוהערן.

מיטן פֿאַריין, מיטן פֿאַבקאָם, און מיט דער ביוראָ פֿון קאָמערל, האָט דאָך זעלצער אָפּגערעדט, אַז ביז דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג האַלט מען

אַלץ בעסאָד. איצט אָבער, ווי באַלד נאָטע ווייסט, אדער אַפילע אויב נאָר ער שטויסט זיך אָן, וועט ער מיט זיין אַווטאָריטעט־וואָרט ווירקן אַף די אַרבעטער, און דער גאַנצער פּלאַן קאָן אונטערגעריסן ווערן.

נעבן אַ צווייטן מיטגליד פֿון פֿאַרטיי־ביוראָ איז ער ווידער געבליבן שטיין און מיטן בליק אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז עמעס, אַז נאָטע ווייסט וועגן דעם סאָד.

דער ארבעטער האָט דעם וווּנק ניט פֿאַרשטאַנען, און צוגעבאָמקעט מיטן קאָפּ. איז זעלצער מיטאַמאָל כמורנע געוואָרן, און אַ זיכערער, אַז די אַרבעטער ווייסן שוין דעם סאָד און דער גאַנצער פּלאַן וועט אַרונטערגעריסן ווערן, איז ער אַוועק איבער די איבעריקע צעכן.

אין דער אָפּטיילונג, ווו מע נעצט דאָס אויסגעאַרבטע לעדער, איז געווען פייכט, קאַלט און פינצטער.

געבויגן איבער בייכיקע פעסער מיט הייסער וואַסער איז געשטאַנען א באַיאָרנטער ייד מיט אַ נאָז ווי אַ בלויער שנאָבל און פּעקלעכווייז געווייקט דאָס לעדער.

די העמד, דער לעדערנער פֿאַרטעך, די גרויסע שווערע שטיוול און דאס לעצט ביסל האָר אַף זיין פליכוואַטן קאָפּ זיינען געווען אַזוי נאַס, גלייך ער ווייקט אין די פעסער ניט דאס לעדער, נאָר דאָס אייגן לייב.

אַף די טרעפּ האָט זיך זעלצער אָפּגעשטעלט און טרויעריק א קוק געטאָן אַפן אַרבעטער.

פונקט אַזוי געבויגן איז זעלצערס טאַטע אָפּגעשטאַנען באַ די פעסער פֿון דער יוגנט ביזן טויט. פונקט אַזוי געבויגן שטייט באַ זיי דאס יידל שוין דאָס צווייטע צענדליק יאָר. דער רעוומאַטיזם האָט שוין אויסגעטרונקען דאס לעצטע ביסל בלוט פֿון זיין פּאָנים, צונויפגעדרייט די פינגער, געהויקערט די געזונטעברייטע פּלייצע, און דאָך איז זעלצער זיכער, אַז ווי נאָר מע וועט אים פֿאָרלייגן פּאָטער ווערן פֿון דער שווערער אַרבעט, וועט ער מיסטאָמע אָנהויבן גוואַלדעווען, פונקט ווי אַלע אַרבעטער.

וואָס זשע וועט טאַקע זיין אויב די ארבעטער וועלן פּאָרט ניט איינשטימען מיטן נייעם פּלאַן?

אַף די טרעפּ איז זעלצער געגאַנגען מיט אַ בעקיווּנדיקער לאַנגזאַמקייט און אַלץ געוואָלט דערטראכטן, ווי אזוי זאָל ער זיך האַלטן אַף

דער פֿאַרזאַמלונג: באַשיצן די אינטערעסן פֿון טרעסט? גיין מיט די אַרבעטער, צי עפּשער גאָר שווייַגן און זאָל זיך גיין ווי סע גייט?

דאָ, אין גרויסן צימער האָט מען געוואַלקערט, געפֿאַרבט, גלאַזורט און איינגעריבן דעם „נאַקאַט“.

געשטינקען האָט מיט פֿעל, מיט עלענאַפּט, מיט פֿאַרב און מיט הייסן ברודיקן מענטשלעכן שווייס.

צענדליקער אַרבעטער אין נאַסע קויטיקע העמדער זייַנען געשטאַנען מיט אַרבל פֿאַרשאַרצטע ביז די אַקסל, אַף די הילצערנע פֿאָרמעס פֿלינק געבויגן דאָס לעדער, געריבן עס מיט הייסע נאַסע בערשטלעך, געפֿאַרבט און גלאַזורט.

דאָ, האָט דער רוישיקע אימפּעט נאָך שטאַרקער געוויגט די געבויגענע פּלייצעס, געיאָגט די הענט נאָך א הילצערנער פֿאָרמע, פֿלינק געכאַפּט זי, אַ רעגע אָפּגעהאַלטן די פֿאָרמע אין די דלאָניעס ווי א גרויסע הייסע קויל, און אייליק אָפּגעוואָרפֿן א פֿאָרמע נאָך א פֿאָרמע. נאָר אָפּגעוואָרפֿן מיט אַזא ריטמישן געקנאַקערייַ, פּונקט דאָס קנאַקן ניט קיין אויסגענוצטע פֿאָרמעס, נאָר אויסגעהאָרעוועטע רעוומאַטישע ביינער.

יעדער באַוועגונג, יעדער רעגע האָט געהאַט איר פּרייַז, וויפֿל מע קאָן פֿאַרדינען, וויפֿל מע קאָן אָנווערן, אויב מע וועט צו דער סעקונדע ניט כאַפּן די פֿאָרמע, און אַפֿילע באַם רעדן, בא עפּעס בעטן, פֿלעגט מען אויך יאָגן די אַרבעט.

אינמיטן גרויסן צימער איז געשטאַנען א שווערע הילצערנע ראָל-מאַשין, און טיף געבויגן צום וואַרסטעט פֿון דער מאַשין, איז א יונגער אַרבעטער געשטאַנען ווי אַ איבערגעבראָכענער אַף צווייען, יעדער סעקונדע געביטן אַ מידע האַנט, אייליק געטריבן מיט איר די ראָל-מאַשין, און איינגעריבן דעם „נאַקאַט“.

זיין פּלייצע איז געווען נאַס, פּונעם פּאָנים איז אַפּן לעדער יעדער רעגע אַראָפּגעפֿאַלן א הייסער טראָפּן שווייס, און ס'פֿלעגט זיך דאַכטן, אַז דאס לעדער באַדעקט ער ניט מיטן „נאקאט“ פֿון דער ראָל-מאַשין, נאָר מיט גרייפּעלעך פֿון זיין אייגענעם שווייס.

— ריינער אַביסל, — האָט אים זעלצער אָנגעוויזן אַף א שלעכט אויסגעראָלטער כאָליעווע — אַ-בי-סע-לע ריינער.

ניט ארויסלאָזנדיק דעם ראָל פון האַנט, האט דער ארבעטער אויסגע־דרייט צו זעלצערן דאס פארשוויצטע פּאָנים און אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן:

— פאַר אזא פרייז האט גאָט אליין ניט געהייסן מאַכן קיין בעסערע ארבעט.

אין אַן אנדער צייט וואָלט זעלצער געהייסן איבערקוקן זיין גאַנצע פארטיע ארבעט, און פאַרן מינדסטן בראַק געצוואונגען אים איבערמאַכן אלץ; איצט אָבער, מוז מען זיין פאָרזיכטיק און ניט איינרייסן מיט די ארבעטער.

— אויב סע לוינט ניט — האט ער ווייך דורכגעזאָגט — ארבעט מען ניט, אָבער פאַטערן סכוירע איז ניטאָ צו וואָס.

— און אז סע געפעלט ניט מיין ארבעט, שטעלט מען זיך אליין צו דער ראָל־מאשין און מע בורטשעט ניט.

פונעם האָזעדיקן ענטפער איז זעלצערן נאָך מער קלאָר געווארן, אַז די ארבעטער רעדן אזוי אַפּאָנים נאר דערפאר, ווייל זיי ווייסן שוין דעם סאָד. און ווי באַלד אזוי, וואָלט עפשער געווען אַ סייכל, ער זאָל איצט פארפירן א שמועס און באצייטנס צוגרייטן די ארבעטער, קעדיי זיי זאָלן פארשטיין, אז דער נייער פלאַן וועט זיי ארויספירן אף גאָר אַ נייעם וועג.

אַ צווייטער ארבעטער האט זיך אבער אפגעווענדט פון בלאָק און גוטברודעריש אויסגעשטרעקט אים דעם שאָב־מעסער:

— אנו, כאווער זעלצער, גיב נאָר א שטיקל קריזש! כ'לעבן, וויפל איז דער שיר צו זיין „א טראָג־מיך" און אומגיין מיטן פאָרטפעל. עפּעס קאָמעניזעם, אַלע גלייך, און א האלב יאָר האָסטו אויסגערוט דיביינער, איז לאז אַ נאַשבראַט אויך געניסן.

— געטראָפן דעם אָרט, — האט א דריטער צוגעגעבן, — אַז מע פאַר־זוכט דעם טאַם פון א פארטיי־מאַקסעמעם, ווערט דער מאָגן אַ טשילי־גענטער, און סע ווילט זיך סיים ניט סוויצן באַם בלאָק פאר א הונדערט פופטשיק קארביינעם.

זעלצער האָט זיך געמאַכט ניטהערנדיק, און אַ שטומער אוועק פון צעך.

הונדערטער מאל איז אים שוין אויסגעקומען הערן אָט די בייזע שטעכ־ווערטלעך, און הונדערטער מאל איז אים באפאלן א פארלאנג א שפּיי טאָן אף אלץ און שטעלן זיך צום ווארסטאַט, נאר יעדעס מאָל פלעגט ער

זיך באַטראַכטן, אַז שטעלן זיך צוריק צום וואָרסטאַט, איז אייגנטלעך אַסאַך אַ קלענערע כאָכמע איידער אויסלערנען זיך זיין אַ גוטער דירעקטער און פירן די פאַבריקן ווי געהעריק. אַי, מע יאַדעט? איז מיילע, פאַרוואָס קומט אים צו זיין אַן אויסנאַם צווישן אַלע אַרבעטער דירעקטאָרן? ניט אים דעם ערשטן, ניט אים דעם לעצטן יאַדעט מען.

באַם טיר האָט זעלצער צוגערופן דעם אַלטן פּאַרקערער, געהייסן אים פאַרשליסן דעם טויער, און מעלדן אין אַלע צעכן, אַז נאָך דער אַרבעט וועט פאָרקומען אַ וויכטיקע פאַרזאַמלונג, און קיינעם וועט מען פון פאַבריק ניט אַרויסלאָזן ביז נאָך דער פאַרזאַמלונג.

II

שטומע, אָנגעשטרענגטע זיינען די אַרבעטער געזעסן באַ די טישן אין דער פאַבריק-קיך, און ניט מיטן געהער, נאָר מיט אַלע איבערים איינגעהערט זיך, ווי דער פאָרזיצער פון לעדער-פאַריין דערקלערט, אַז דאָס קוסטאַרנע פאַבריקל ברענגט דעם טרעסט גרויס שאָדן. דאָ, אין שטאָט אופבויען אַ טעכניזירטע פאַבריק לוינט ניט, ווייל אין ראַיאָן איז ניטאָ קיין רויוואַרג, און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרמאַכן דאָס פאַבריקל און אַלע אַרבעטער אַריבערפירן אין דער שוך-פאַבריק, וווּ מע וועט יעדן אויסלערנען אַרבעטן באַ אַ מאַשין.

דעם אויספיר האָבן אַלע אַרבעטער געהערט, נאָר קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז די ווערטער זיינען בעפיירעש טאַקע געזאָגט געוואָרן.

וואָס הייסט פאַרמאַכן דאָס פאַבריקל, און זיי, אַלטע קוואַליפיצירטע גאַרבער, וועט מען גאָר מאַכן פאַר דער רויעך ווייסט וואָס?

איבעראַשטע האָבן די אַרבעטער אויסגעדרייט די קעפּ און מיטן פאַרכידעשטן בליק איינס באַם צווייטן איבערגעפרעגט: צי זיי דאַכט זיך, צי די ווערטער זיינען בעפיירעש טאַקע געזאָגט געוואָרן?

אַף אַזאַ איינפאַל האָט זיך קיינער ניט געריכט: יעדער טרעסט פאַרברייטערט די פאַבריקן, און דאָ מאַכט מען גאָר אויס פאַבריק.

צעטומלטע זיינען די אַרבעטער געבליבן זיצן, און שטום, דערשלאָגן נאָר געקוקט איינער אַפן צווייטן.

ער אָבער, דער ווייקער מיטן בלויען שנאָבל, האָט זיך ראַש א הויב געטאָן, אויסגעשטרעקט צום פרעזידיום צוויי טאַינענדיקע הענט, און אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויסגעקראָכענע רויטע וויעס:

— מאַכט מיך נאָר קלאָר מאַכט מיך: איז טאקע באַשלאָסן געוואָרן? קאַפּוט, הייסט עס, מיט אונדזער פאַבריקל? צי מע וויל נאָר אָנטאַפּן דעם דייפעק?

— טאקע באַשלאָסן, כאַווער שלוימע, באַשלאָסן.

פונעם ענטפער האָט זיך שלוימקע מיטאמאָל אַראָפּגעזעצט און טרויעריק נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי באַלד אזוי, איז אונדז טאַקע גוט, דריי מאָל גוט מיט אַביסל.

עפּעס איז די שטילקייט אָנגעשוואָלן געוואָרן מיט אַ שווערן קאַלטן ערנסט, און וויפל דער דירעקטער האָט זיך ניט געווענדט מע זאָל נעמען ווערטער, זיינען אַלע געזעסן שווייגנדיק און נאָר פון מאָל צו מאָל נייגעריק א קוק געטאָן צו אים, צו נאָטען, אַ קוק געטאָן, און מיטן בליק געוואָלט דערוויסן, צי ער, דער עלטסטער גאַרבער, וועט טאקע פאַרשווייגן אזא אַוולע, צי באלד וועט ער אָנהויבן דעקן?

— נו, איז וואָס זשע זיצט מען ווי נעבן א מעס? — איז דער דירעקטער בייז געוואָרן. — צעמעדן! עפן נאָר דעם מאַינע לאָשן!

שווער, מיד און פאַרזאָרגט האָט זיך אופגעהויבן א פאַרשוין, מיט אַ פּאָנים פון אַ גוטמוטיקן באַנדיט, און פאַרצווייפלט צעשפּרייט די הענט:

— כאָטש קוילעט מיך, נאָר די גאַנצע מאַנסע פאַטופּעט זיך ניט אין מאַן קאָפּ. דאס גאַנצע לעבן זאָגען מיר גיווין גאָרבער, געווייקט זיך אין קאַלעך, געווייקט זיך אין עלינאַפּט, דו, אין פאַבריקל באַקימען אַ ראַמיטיז אין אלע גלידער, און פליצלינג די קאַנאַמישע לאָגע פונעם טרעסט פאָדערט. נו, און וועגן אינזער קאַנאַמישער לאָגע ווער וועט טראַכטן? עפּעס זאָגען מיר דאָך טאַטעס פון קינדער, אַף דער עלטער וועלן מיר ווערן לערנייגלעך פון א נייעם פאַך? כ׳לעבן, צי וואס, פריג איך אַך, זאָגען די אלע שמאַד־שטיק? זוגט, אז איר האָט באַשלאָסן קוילענען אָן אַ מעסער און א סאָף מיט אַ נעק.

אין שטילן שטייענדיקן וואַסער איז אריינגעפאַלן אַ שווערער שטיין, און צעוועקט די גאַל, אָנגעצונדן דעם קאַעס, און צעבונדן די צינגער.

אַ מינוט צען האָט דער דירעקטער אַלץ געקלונגען אין גלעקל, געבעטן מע זאָל נעמען ווערטער, און ניט שרייען צווישן זיך. נאָר קיינעם ניט געקאָנט איינשטילן.

ווי אָף אַ בלוטיקן סוינע האָט מען מיט אָנגעצונדענע אויגן געקוקט אָפן פאָרזיצער פון פאַריין, מיט כריפּענדיקע שטימען געדראָט, געשאָלטן, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די טישן און געשריען, אַז דער נומער וועט ניט דורכגיין:

— פאַראַן אַ פּאַרטיע, און מיר וועלן זיך דורכשמועסן, צי מעג מען אזוי באַגיין זיך מיט אַרבעטער.

— אַדעראבּע, אדעראַבּע,— האָט מען פון פאַרשיידענע בענק געשריען,— זאָל די פּארטיע באשטעטיקן, אז אזוי דארף טאַקע זיין. אדעראבּע, וועלן מיר זעען.

די גאַנצע צייט, וואס דער אוילעם האָט גערוישט, איז דער דירעקטער געזעסן מיט איין האַנט אונטערגעשפּארט די קאָפּ, מיט דער צווייטער געקלינגען אין גלעקל און פארזאָרגט געקוקט אָפן אוילעם.

זייער ווי' האָט ער געפילט, דעם קאָעס זייערן פארשטאַנען, נאָר אַלץ ניט געקאָנט צוטראכטן, וואס פאר א אייצע גיט מען די ארבעטער.

אַז אלע בייזע ווערטער זיינען שוין ארויסגעזאָגט געוואָרן, און דער קאָעס איז געוואָרן שטילער, איז ער אופגעשטאַנען, עטלעכע מאָל דורכ־געריבן דעם שטערן, גלייך ער וויל פון מויעך דורכטרייבן די זייטיקע געדאַנקען, און ווייך, האַרציק אָנגעהויבן רעדן, אַז די אָקטיאבער־רעוואָ־ליוציע האט פאר אלע ארבעטער צעעפנט נייע טירן, נאָר זיי, די ארבע־טער פון דעמדאזיקן פאַבריקל,— זיי געלאזט אף יענער זייט שוועל. פונקט ווי פאַר דער רעוואליוציע, אזוי הארעווען זיי נאך ביז איצט אין דעמ־זעלבן קוסטאַרנעם פאַבריקל. דער גאַנצער אונטערשייד באַשטייט נאָר אין דעם, וואס פריער פלעגן זיי ארבעטן צו צען־פופצן מאַן אין אַ ווער־סטאַטל, און איצט,— צו הונדערט מאַן, אבער דער טאָך, דער טאָך איז דערזעלבער.

דיזעלבע קוסטאַרעריי, דיזעלבע שווערע האַרעוואַניע, אָן דער מינד־סטער הילף פון אַ מאשין:

— און וויפל, פרעג איך אייך, איז דער שיר ארויסצופאָרן בלויז אָפן אייגענעם שוויס, האַ! וויפל?

אַף עטלעכע מינוט האָט זיין אופריכטיק וואָרט באהערשט דעם קאַעס, באהערשט די געדאַנקען, און הערנדיק דעם דירעקטערס ווערטער, האָט מען דערפילט די מידע נאסע פלייצעס, די אָנגעדראָלענע רעוומאַטישע הענט, וואס יאָגן אָן אופהער אין מעשעך פון אַכט שאָ. פונקט אזוי האָבן באַ דערזעלבער ארבעט געיאָגט זייערע טאַטעס, פונקט אזוי האָרעווען זיי איצט, און וואס איז טאקע דער טאַכלעס? פריער אָדער שפעטער וועט דאָך דאס קוסטאר-פאבריקל מוזן אונטערגיין. נאָר ווי אזוי, ווי אזוי ווערט מען עס אף די עלטערע יאָרן אַ לערניינגל באַ אַ נייעם פאַך? ווי אזוי שטעלט מען זיך עס בא א מאשין, אז מע ווייסט זי ניט, מע פארשטייט ניט איר לאָשן, און מע קאָן גאָרניט דאָס פאַך?

דאָ, אין דעם קוסטאר-פאבריקל איז דאָך יעדערער אַ קוואַליפיצירטער פאַך-מאַן, די פינגער פילן יעדער שטיקל סכוירע, דאס אויג פארשטייט, וואָס איז גוט און וואס איז שלעכט געמאכט געווארן, אָבער דארט! — זיין אַ בלינדע ביילאַגע צו דער מאַשין? זיין ניט מער ווי א שרייפעלע? זיין אזא פאַך-מאַן וואָס יעדער שווארץ-אַרבעטער קאָן דיך יעדן טאָג פארבייטן? און ס'איז דאָך א גרויסע פראגע, צי וועט מען געניג פאַר-דינען באַ דער נייער ארבעט?

ערנסטע, פאַרזאָרגטע זיינען די ארבעטער זיך צעגאַנגען פון דער פאַר-זאַמלונג, צעגאַנגען זיך מיט אַ פעסטער קלאָרער יעדיע, אז אין פאַבריקל דערארבעטן זיי די לעצטע פאָר טעג, און נאָכדעם — אַף נייע רעלסן.

צו וואָס זיי וועלן זיך דערקייקלען אַף די נייע רעלסן, — דאָס האט קיינער פון זיי ניט געוווּסט און אפילע ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן.

צעמעכן איז אָבער פון דער ערשטער רעגע קלאָר געוואָרן, אַז פונעם גאַנצן פלאַן וועט קיין נאַכעס ניט ארויסקומען, און די גאַנצע צייט, וואס ער איז געגאַנגען מיט נאָטען, האָט ער אין געדאַנק אַלץ געקניפט אַ נייעם פלאַן.

נעבן נאָטעס הויז איז ער שטיין געבליבן און אים אָנגענומען באַם לאַץ:

— נוטע, לאָמיר זיך אויספייפן אַף זייער טאָטן, ביסט אַ ייִנגעלע ביסטו, צי אַ טאַטע פון קינדער? איז פאָלג מיך, נוטע, לאָמיר מאכן אַ שטיקל קוסטאַרנע אַרטיעל, און מירן הובן ברויט מיטן פולן מויל, הערסט, נוטע, מיטן פולן מויל.

ניט צוזאָגנדיק צעמעכן קיין זאַך, האט ער זיך מיט אים צעזעגנט און אריין אין שטוב.

צופוסנס איינס דעם צווייטן זיינען צוויי קינדער געלעגן אױף אַ שמאָל סאָפּקעלע, און צוויי — אױף אַ קאַסטן.

אין אַ צעבראָכן אייזערן בעטל איז געלעגן די פרוי און שלאָפנדיק געוויגט מיטן פוס דאָס וויגל.

מיט שטילע פאַרזאָרגטע טריט איז נאָטע צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען אַ ביסן, און פאַרטראַכט זיך: איצט, ווען ער רעכנט זיך פאַרן בעסטן גאַרבער און פאַרדינט פיל מערער ווי אַלע אַרבעטער, איצט לעבט ער אין דאַכקעס, וואָס וועט זיין בײַ דער נייער אַרבעט?

לאַנג שוין האָט דער אַלטער וואַנטזייגער בייזעריק אָפּגעכריפּעט צוועלף מאָל, און נאָטע איז אַלץ געזעסן מיטן שטיקל ברויט אין האַנט, צוגעהערט זיך ווי די קינדער פּלאַפּלען פון שלאָף, און געטראַכט: צי זאָל ער צופאָרן אין די ראָסטאָווער אָדער בערדיטשעווער גאַרבאַרניעס זוכן אַרבעט, צי זאָל ער גיין אױף דער שוך־פאַבריק, צי עפּשער אָנעמען צעמעכס פּלאַן?

### III

די אַרבעט איז שוין קיינעם ניט געלעגן אײַנזינען.

רעדלעכוויז האָט מען זיך צענדליקער מאָל אין טאָג געזאַמלט אין די צעכן, געבורטשעט, געשושקעט זיך, געקריגט זיך, יעדעס מאָל צוגע־טראַכט נייע פּלענער, און געשיקט דעלעגאַציעס אין פאַריין מיט אַ מעל־דונג, אַז אױף דער שוך־פאַבריק וועט מען ניט גיין, און ביז פרילינג זאָל מען דאָס פאַבריקל יעדנפאַלס ניט פאַרמאַכן.

בײַ יעדער רעדל פלעגט טייקעף אױסוואַקסן שפּערלינג דער וואַלקער, און אומעטום איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע:

— די נעשאָמע, כעוורע, פון די פּראָפּבױראָקראַטן! איר הערט? די נע־שאָמע, נאָר זיי זאָלן ניט אױספירן! נישקאָשע, אונדזער מאַכט און אונד־זער דייע.

פון זיינע אומבאַוועגלעכע אויגן, פון זיין לענגלעך אייזלש פּאָנים האָט געוויזט מיט טעמפּער אָנגעשטרענגטער אַקשאָנעס.

באַהערשן זיך, טראַכטן, אָדער קאָנטראָלירן די געדאַנקען, איז ער קיינ־מאָל ניט געווען בעקויעך. איז אים אופגעשווומען אַ געדאַנק, פלעגט ער אין

זיין מויעך בלייבן שטעקן ווי אַ פאַרזשאַווערטער צוויאַק, און אַ בלינדן שטויסן אים אויף אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַרויסטרעטונגען און אַף אַזוינע סקאַנדאַליעזע טאַטן, וואָס פלעגן שטענדיק אופברענגען סאַי די פּאַרטייער, סאַי די אומפּאַרטייער. נאָר קיינמאָל פלעגט ער זיך ניט מוידע זיין, אַז ער איז אומגערעכט.

אפילע דעמאָלט, ווען אַלע אַרבעטער האָבן אים פאַרמישפּעט, אַפילע דעמאָלט איז שפּערלינג געווען זיכער, אַז ער איז אַן אומשולדיקער קאָרבן, און פאַרמישפּעט איז ער נאָר דערפאַר, ווייל אַלע זיינען קאַריעריסטן, אַלע זיינען אונטערלעקער, און זיי לוינט ניט אנערקענען, אַז ער, שפּערלינג, איז גערעכט.

אָנשטאָט שטעלן זיך צו דער אַרבעט, האָט שפּערלינג באַלד נאָך מי־טאָג אופגעזאַמלט עטלעכע צעכן און אָנגעהויבן אונטערהעצן, מע זאָל וואַרפן די אַרבעט, און דערמיט צווינגען דעם פאַריין, צווינגען דעם טרעסט — זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם באַשלוס צו פאַרמאַכן דאָס פאַבריקל.

באַ יעדער רעדל זיינען געשטאַנען עטלעכע פּאַרטייער, געקריגט זיך, און געפּלייסט זיך דערוויזן, אַז פון דעם קוסטאַר־פאַבריקל דאַרף מען פּאָטער ווערן, און קיינער וועט גאָרניט דערלייגן, אויב מע וועט איבער־גיין אַף דער שוך־פאַבריק.

— וואָס קאַטשעט איר אונדז, וואָס? — איז פון רעדל צו רעדל אומגע־לאָפן אַ יונג באָכערל מיט אַ ראָז פּענימל, וואָס שמייכלט שטענדיק. — אָט אין דעם פאַל זעט מען טאַקע דעם עמעסן רעכטן אָפּנויג: אין לאַנד איז אַ דויכעק אין סכוירעס, און מיט קוואַליפיצירטע אַרבעטער וואַרפט מען זיך. מע קאָן מיט אונדז טאָן וואָס מע וויל, און רעד צום לאָמפּ!

געזאָגט האָט ער עס איבערצייגנדיק און ערנסט, נאָר זיינע אייגעלעך און דאָס פּאָנים האָט בעשאַס־מאַיסע אַזוי געשמייכלט, גלייך ער וויצלט זיך און מאַכט גאָר פון עמעצן כויזעק.

אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־ביוראָ מיט אַ געפּאַלבטן טרוקענעם פּאָנים איז צוגעגאַנגען צו שפּערלינגן, מיט גוואַלד אָפּגעריסן אים פון רעדל, און אָנגעהויבן אים וואָרענען, ער זאָל אופהערן העצן די אַרבעטער. פאַראַן אַ פּאַרטיי־באַשלוס וועגן אַריבערפירן די אַרבעטער אַף דער שוך־פאַבריק, און שפּערלינג, אַלס קאָמוניסט, איז מעכוייעוו זיין דיסטי־פּלינירט. אַנדערש וועט די ביוראָ מעלדן וועגן אים אין ראַיקאָם.

— נו, מאַסער מיך, מאַסער! — האָט זיך שפּערלינג איינגעטרונקען אין אים מיט זיין טעמפּן אומבאַוועגלעכן בליק, — געזעען? ער לערנט מיך דיסטיפּלין לערנט ער מיך. ווען דו ביסט געלעגן נעבן דיין ווייבל און געוואַרעמט זיך אַף צו זיין א מיטגליד פון ביוראָ, האָב איך דריי יאָר געהאָדעוועט לייז אַף די פראָנטן. פאַרשטייסט, צי ניין?

א שטומער, א פאַרזאָרגטער איז נאָטע געשטאַנען באַ דער אַרבעט, גלייכגילטיק צוגעהערט זיך צו שפּערלינגס רייד, גלייכגילטיק צוגעהערט זיך צו די וויקוכים, און איינציקייטיק געשאָבן די פעל און דעם אייגענעם מויעך:

פינף און צוואַנציק יאָר איז ער געווען א קוואַליפיצירטער גאַרבער, שטענדיק געפילט, אז אַן אַזוינע ווי ער, קאָן מען ניט אויסקומען, און פּלוצלינג — אויס מעיוכעס.

עטלעכע מאל אין טאָג איז צו נאָטען צוגעגאַנגען צעמעך, און שעפּסל — אַ דאַר יידל מיט אַן אויסגעווייקטן בלייכן פּאָנים און מיט עטלעכע שי־טערע הערעלעך אַפן אויסגעקראָכענעם קאָפּ.

ביידע האָבן געהאַלטן אין איין טאַינען, אז אַף דער שוך־פאַבריק לוינט ניט גיין, און מיט אַזוינע הענט ווי זייערע, קאָן מען אין אַן אַרטעל שאַרן גאָלד.

— נו, באַקלער זיך, נאָטע — איז שעפּסל יעדעס מאָל צוגעשטאַנען — ביסט דאָך אַ מיענץ ביסטו דאָך, אמאָל ווילסטו נעמען א ביסל ברויפן, ווילסט אָפּהוליען א טאָג באַ א גוטנברודער אף א בריס, פּרוּוו אָבער אַוועקגיין פון דער מאַשין אַף א פּאָר טעג, וועט מען דיך אַרויסליידערן אף דריי ספּענדלעך וועט מען דיך ארויסליידערן. אבער אין אַן ארטעל, ביסטו אַליין באַלעבאָס.

פון אלע זייערע ראַיעס איז נאָטען אַלץ קלאָרער געוואָרן, אז אף דער שוך־פאַבריק וועט באַשטימט זיין שווער און ביטער.

זינט ער געדענקט זיך, איז ער געווען א זעלבשטענדיקער אַרבעטער. צווישן הונדערטער האָט מען געקאָנט אונטערשיידן זיין פאַרטיע אַרבעט: אין יעדער שטיקל אַרבעט איז דאָך געלעגן זיין מי, זיין פלייס, און זיין אייגנאַרטיקער געשמאַק. אַזוי פיל יאָרן אָפּגעהאָרעוועט, און איצט גיי ווער גאָר א מאַניקען באַ א מאַשין, פּאַס זיך צו צו אירע קאַפּריזן, און ווער ענלעך צו הונדערטער שוואַרץ־אַרבעטער.

ווען ניט זיין גרויסע פאַמיליע וואָלט ער זיך לאַכלוטן ניט געקימערט: פאַראַן אין אוקראַינע געגוג גאַרבאַרניעס, ווו מע נויטיק זיך אין גוטע פאַילצער, און מע קאָן נאָך פאַרדינען דעם שיינעם רובל. נאָר אַף וואָס לאָזט מען די ווייב מיט די פינף פּיקערס?

אַפן אויבערשטן שטאָק האט מען אַלץ צוגעטראָגט נייע פּלענער, געאַמפּערט, געקריגט זיך, און נאָטע איז געשטאַנען געבויגן איבערן פאַילץ-בלאָק, געשאָבן די פעל, פון מאָל צו מאָל א קוק געטאָן ווי דער טאָג גייסעט, און געטראַכט, אַז באַלד, באַלד וועט מען ענדיקן די אַרבעט, פאַרוויקלען דאס געצייג אין די פאַרטעכער, און אַף שטענדיק צעזעגענען זיך מיט דעם פאַבריקל. נאָר וווהין וועט ער גיין? צי צו דער מאַשין אין דער שוך-פאַבריק, ווערן טאַקע אַן עמעסער פּראָלעטאַריער? צי ער וועט גאָר ווערן א באַלעבעסל אין א קאַפּצאָנישן אַרטעל?

אין צעך האָבן זיך פלוצלינג אַריינגעוואָלגערט עטלעכע צענדליק אַרבעטער, געמאָלדן, אַז מע פאַרשטרייקט, און אַלע זיינען מעכוייעוו וואַרפן די אַרבעט.

— און וואָס אַן ערעך וועט מען זיך דערשלאָגן מיט אַזעטיקע כאַכמעס? — איז שעפּסל נייגעריק געוואָרן צו דערוויסן. — האַ! וואס אַן ערעך?

— אונדזער פאַבריקל ליקווידירט מען — האט אים אן ארבעטער געענטפערט — איז זאָל מען באַצאָלן פאַר דריי כאַדאָשים, און נאָכדעם וועלן מיר זעען וואס מיר האבן צו טאָן.

טייל האבן געוואָרפן די ארבעט און אָנגעהויבן איבערטאָן זיך אין די אייגענע קליידער.

אָנגעשפּארט אַפן פאַילץ-בלאָק איז נאָטע געשטאַנען און נאָר קרומלעך געשמייכלט:

— נו, נאָטע, וואַרסט אַף קאָוועד?!

— קאָוועד ניט קאָוועד, נאָר אַף קיין שטרייקן וועל איך ניט גיין.

צענדליקער אויגן האבן זיך אנגעצונדן, און שטימען זיינען אנגעשוואָלן געוואָרן מיט צאָרן און מיט סינע צו נאָטען.

— וואָס זשע? — האט א באָכערל צו אים געשריען — אַף דער נייער פאַבריק ביסטו נאָך ניט אָנגעקומען און ביסט שוין געוואָרן אַן אונטערלעקער? מיינסט, אז די קאָמוניסטן וועלן אונטערכאַפּן אַזאַ עוון-טאָוו ווי-

דו? נישקאָשע, פאַר קיין דירעקטער וועט מען דיך ניט מאַכן, פון אַזאַ אומגליק ביסטו באַשיצט און באַוואָרנט.

אַ לאַנגע צייט האט מען זיך געקריגט, איינס דעם צווייטן געשאָלטן אין טאַטנס־טאַטן, נאָר צו קיין אויסגלייך פאָרט ניט געקומען.

נאר וואָס מער מע האט זיך געקריגט, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, אַז קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר איבערצוגיין אין דער שוך־פאַבריק, איז פאָרט ניטאָ.

אין מעשׂעך פון צוויי כאַדאָשים וועט מען דאָך יעדן אַרבעטער צאָלן פונקט דאָסזעלבע געהאלט, וואס ער האט פאַרדינט בא גארבעריי, און פאר דער צייט וועט מען זיך עפשער אויסלערנען אַרבעטן באַ דער מאַשין.

פאַרזאָרגטע, פאַרביטערטע האט מען פאַרוויקלט דאָס געצייג, גענומען אונטערן פאַכווע דעם פאַרטעך, באַקומען אין קאָנטאָר דאס געהאַלט, און אַלע צוזאַמען געלאָזט זיך פון פאַבריק.

באַם טויער איז געשטאַנען דער אַלטער קאלמען, יעדערן געדריקט די האַנט און מיט א פאַרוואָרגענער שטים געבעטן זיך, מע זאָל כאָטש קומען אַף זיין לעוואַיע.

ווי נאָר די אַרבעטער זיינען פאַרשוווּנדן, איז קאַלמען אריין צוריק אין פאַבריק, גענומען דעם גרויסן בעזעם, און אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן בעזעם, איז ער געבליבן שטיין אַ פארטראַכטער.

אָקארשט איז די פאַבריק נאָך פול געווען מיט לעבן און גערויש. לענג־אויס דער וואנט האָבן זיך דאָך געוויגט אַזוי פיל פלייצעס. איצט שטייען די פאילץ־בלאָקן ווי פרישע מאַצייווע־ברעטלעך, און ברוינע בערגעלעך פאילץ־שפּענער ליגן נעבן די בלאָקן ווי פרישע ברוינע קוואָרים.

— נו, קאלמען, וואס שטייט איר? — האט זיך צו אים דער דירעקטער געווענדט — ראַמט צו.

— וואָס זשע, טאַקע אויסקערן דאס לעצט ביסל כאָמעץ?

דעם דירעקטערס טריט זיינען שוין לאַנג, לאַנג פאַרשטאָרבן, און קאלמען איז נאָך אלץ געשטאַנען אָנגעלענט אפן בעזעם, פאַריאָסעמט געקוקט אַף די פאַרלאָזטע פאילץ־בלאָקען, און ניט געקאָנט בא זיך פוילן ער זאָל אויסקערן די פאילץ־שפּענער, ער זאָל אויסקערן דעם לעצטן זייכער, און צוזאַמענ׳עבן זיך מיטן געדאַנק, אז אויס פאַבריק.

צוגעפאַלן איז אַ טריבער אָוונט, און קאַלמען, אונטערברומענדיק אַ טרויעריקן טילים־ניגון, איז הין און צוריק אומגעגאַנגען מיטן בעזעם אין האנט, אומגעגאַנגען ווי אַן עלנטער וועכטער אַף אַ גרויסן בייסוילעם.

IV

פון אונטער שווערע ברודיקע כמארעס איז פויל אַרויסגעקראָכן אַ פאַרצאָקטער געליזיכטיקער טאָג, און פאַרוויינט אַ קוק געטאָן אַף די גאַר־בער, וואס זיינען געזעסן אין קיך פון דער שוך־פאַבריק, פויל געקייט, געפיפקעט, געפלאפלט און אומגעדולדיק אָפט געקוקט צום טיר, צי סע גייט ניט דער דירעקטער.

ענדלעך איז ער אריינגעקומען גאַדלעסדיק, פאריסן, אַ פאַטש געטאָן מיטן האנט אין טיש און צוגעמאכט דאס לינקע אייגל:

— כאַוויירים! באַ קיין מאַסין האט איר נאָך קיינמאל ניט געאַרבעט, איז זייט וויסן, אז גרינג וועט עס אייך ניט אנקומען. נאָר סריעקט זיך ניט. קיין מאלאכים וועלן ניט געבוירן, פאר איין ביידעס מאַך איך אייך פאר גוטע קאַלפעצירטע אַרבעטער, אָבער מיט איין טנאַי — דיסטיפלין. נו, איז מיט דער רעכטער פוס, און זאָל זיין אין אַ גוטער שאָ.

פון הויכן קוימען האט זיינע ווערטער באַגריסט אַ לאַנגער פרייליכער הודאָק, און די אַרבעטער האבן זיך געלאָזט צו דער פאַבריק.

באם אריינגאַנג איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט אַ צעטל, און לויט די פאַמיליעס צעשיקט די אַרבעטער אין פאַרשיידענע צעכן און אין פאַר־שיידענע שטאָקן.

ארומגערינגלט מיט מאַיסטערס פון די פאַרשיידענע צעכן, איז דער דירעקטער געשטאַנען מיט הענט פאַרלייגטע אַף הינטן, מיט אַ צוגע־זשמורעט לינק אייגל אָפגעמאָסטן די הויך און ברייט פון יעדן אַרבע־טער, און צופרידן יעדעס מאָל צוגעגעבן:

— הא! יאַטן מיט פלייצעס? און טאקע עמעסע, אַלטע פראָלעטאַריער.

נאָטען, שפערלינגן, שעפסלען, כאצקלען און נאָך אַ צענדליק אַרבע־טער, האט מען אָפגעשיקט אַפן אויבערשטן שטאָק אין דער מאַשין־אָפטיילונג.

באַגעגנט האט זיי אַ פאַרטויבנדיק גערויש, נאָר אַזאַ מעשונעדיקס, גלייך טויזנטער באשעפענישן שווענקען די גאָרגלען, ציִשן, זיפצן, הוילן,

בּרילן, פלאפלען ווי ענטלעך, קוויטשען ווי כאַזיירים, און קלאַפּן אויס א מאָדנעם ריטמירטן טאַקט.

— געפעלט אייך נאָר דער וויוועד? — האט צעמעך א פרעג געטאָן שפּאַנענדיק אף די טרעפּ. — כעוורע! עפּעס ציטערן די טרעפּ. גאָט ווייסט העלפן וועלן מיר דאָ נאָך באַגראָבן ווערן. שעפּסל! פאַרקער־עווסט די האלאָב־ליעס?

אינעם מעשונעדיקן גערויש האט אבער נאָטע דערפילט א מאָדנע מונטערע פרייד, אונטער די פיס ציטערן די טרעפּ, א יונגער אימפּעטדי־קער פיבער רוישט אַף אלע שטאָקן, אָט איז דער לאנג־געגארטער בינשטאָק. צענדליקער יאָר האט ער דאָך אינדערשטיל געכאָלעמט, צענדליקער יאָר מעקאנע געווען יעדן אַרבעטער, וואס שטייט באַ אַ מאַשין, מעקאַנע געווען, און דאָך געבליבן שטיין געבויגן באם פאילץ־בלאָק. איצט אבער, איצט איז דער פאָדעם פון זיין אַלט לעבן איבער־געריסן געוואָרן מיט גוואַלד, און ער שפּאַנט אצינד אַף נייע רוישיקע טרעפּ.

— איר הערט א זעמערל? — האט נאָטע פריילעך געווענדט זיך צו די כאַוויירים. — הא, שעפּסל! סע ניט קיין קוסטאַרנער שאָב־מעסער מיט קיין שטומען פאילץ־בלאָק. דא זאָגט מען דעם פּאָסעק גאָר אף אן אנ־דער שפּראַך.

— יאָ — האט שעפּסל טרויעריק אויסגעזיפצט. — פון אזעטיקע געטומלען וועל איך מיט מיין סוואַכן קאָפּ טאַקע ליגן גוט אין דער אַדאָמע.

דער אומענדלעך לאנגער קאָרפּוס איז אינגאַנצן געווען פארשטאָפּט מיט הונדערטער וואַגאָניעטקעס, געבויטע ווי לאַנגע צווישטאָקיקע עטאַזשערקעס, און אַף די וואַגאָניעטקעס — שוואַרצע שיך.

פונקט אינמיטן קאָרפּוס האט זיך פון וואַנט צו וואַנט געצויגן די טראַנסמיסיע. אירע ברייטע צוויי פּאַסן, פאַרגראַטעטע אין א לאַנגער הילצערנער שטייג, זיינען ווי געפלאָכטענע גראָבע שלאַנגען צישענדיק געקראָכן איבער די צענטראַלע צוויי שקיוון, און שווינדיק און ווינטיק געטריבן די וואַלן.

פון די קליינע שקיוועלעך האט זיך צו יעדער מאַשין אַראָפּגעלאָזט אַ שמאָלער פּאַס, באַם זייט — אַ הויבער־שטאנג, און איבער יעדן ארבעטערס קאָפּ — אן עלעקטריש לעמפּעלע ווי א זילבערנער באַר.

די גאַנצע לענג און ברייט פון קאָרפּוס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט אַ באַוועגלעכער שוואַרצקייט, און צווישן די אָנגעלאָדענע שוואַרצע וואַגאָניעטקעס — שטום געבויגענע מענטשן, און פלאפלענדיקע מאַשינעס.

א הויכער מאַיסטער מיט א ברייט מאַלפּיש פּאָנים האט אָפּגעקליבן א צענדליק גאַרבער, און צעשטעלט זיי, — טייל בא די מאַשינעס, וואָס פיילן קאַבלוקן; טייל בא די מאַשינעס, וואס שאָבן פּאָדעשוועס, און טייל בא מאַשינעס, וואס קוועטשן אויס דעם ציינדלענדיקן ראַנט.

א צווייטער מאַיסטער מיט א ציגיינערישׁ פּאָנים און מיט כיטרע לויפנדיקע אייגעלעך האט גוטברודעריש אָנגענומען שעפסלען באַם האַנט, און אים צוגעפירט צו א גרויסער צאַפּלענדיקער מאַשין:

— איר זעט אט די שטאָלענע מאַמע? זי איז א געטרייע, און צאפּלט שטענדיק נאָך ארבעט. איז אויב איר וועט איר צו דער צייט אונטערוקן א שוך, וועט זי פאַר אייך האָרעווען און שיטן אייך קלינגערס אין קעשענע.

טאָקע א מאַמע, — האט שעפסל א טראַכט געטאָן קוקנדיק אף דער מאַשין.

אין די אויסגעשטרעקטע שטאָלענע הענט האַלט זי א קורצע גלאַנציקע קאַטשעלקע, און ווי נאָר מע רוקט איר אונטער א שוך, לאָזט זי אליין אראָפּ די קאַטשעלקע, אליין בויגט זי דעם שוך אף אלע זייטן, אומעטום גלעט זי אויס די פּאָדעשווע, ווי א גוטער בעדער גלעט אויס אלע גלידער, און נאָכדעם, ווי זי גלעט אויס די פּאָדעשווע, הויבט זי אַווטאָמאַטיש אוף די אויסגעשטרעקטע הענט און צאַפּלט, צאַפּלט מע זאָל איר גיכער אונטערוקן א צווייטן שוך.

די גאַנצע צייט, וואָס דער מאַיסטער האט שעפסלען געוויזן, ווי אזוי צו ארבעטן בא דער מאַשין, איז נאָטע געשטאַנען דערנעבן און פאַרליבט געקוקט.

א האַלב לעבן איז דאָך שעפסל אָפּגעשטאַנען באַם פאַלץ-בלאָק און געיאָגט פון זיך דעם זיבעטן שוויס, יעדער איבעריקן גראָשן פאַרנאָסע האט מען דאָך געדאַרפט ארויסציען פון די אייגענע ביינער, און איצט האט ער באַקומען א שטאָלענע מאַמע, אף אירע אויסגעשטרעקטע צאַפּלענדיקע הענט וועט ער ארופלייגן די גאנצע שווערע ארבעט, און אליין וועט ער שטיין ווי א פּאָרעץ און נאָר אונטערוקן.

— האַ! סע פּידלט? — האט זיך דער מאַיסטער געוואונדערט צו נאָטען — אין א וואָך ארום וועט עס בא אים גיין ווי א מיזמער. נו, קומט וועל איך אייך מעכאַבעד זיין מיט א שטאָלענעם גאָנער.

בא א ברייטן ווארסטאט זיינען געשטאַנען דריי הויכע צוויק־מאַשינען מיט לאַנגע געגלידערטע העלדזער.

בא איין מאַשין איז געשטאַנען אַן אוקראַינער מיט גרויסע געכאָליעטע וואָנצעס און מיט א גאַזלאָנישן דורכדרינגלעכן בליק; בא דער צווייטער מאַשין איז געשטאַנען א געל יידל מיט גרויסע זעקעלעך אונטער די אויגן, און די הויט אף זיין האַלדז און פּאָנים איז געווען ווי אָפּגעשטאַנען:

— וואס, — האט דאס יידל יעכידנע א פרעג געטאָן — געבראכט א נייעם העכט מאַל צו זיין בא דער צוויק־מאַשין?

— געפעלט אייך נאָר דער קנאָקער! — האט דער מאַיסטער א ווינק געטאָן צו נאָטען אַפן אַרבעטער, — מיט דריי כאַדאָשים צוריק האט אים נאָך דער פּופּיק געציטערט בא דער מאַשין, איצט פאַרייסט ער שוין דעם שמעקער. נו, קוקט. ווי הייסט איר?

— נאָטע.

— און איך הייס פאַרבמאַן. איז אָט, כאַווער נאָטע, אָט דעם גאָנער זעט איר? אז מע קוועטשט אָן דעם פּעדאַל, פליט פון זיין גאָרגל אזוינע מאָנטשענקי טשוועקלעך, טעקס הייסן זיי, און אָט די צוויי שטאָלענע פּיסקעס האבן ליב פרעסן לעדער. נאָר אז זיי כאַפּן אריין א פינגער, איז בלייבט פון אים נאָר א קרעכטש. איז געדענקט, אז בא דער מאַשין טאָר מען ניט כאַפּן קיין פייגעלעך.

אין דעמזעלבן צעך זיינען געשטאַנען דריי באַראבאַן־מאשינעס, וואס האבן אָפּגעהריזעט דאס איבעריקע לעדער אַפן אָנגעצויגענעם שוך, און אויסגעגלעט די קנייטשן פון די זאַדניקעס און פון די נעזלעך.

די באַראבאַן־מאַשינעס האבן געקוויטשעט אף דריי פאַרשיידענע שטימען, נאָר אזוי גוואַלדיק, אז נאָטע האט קוים געהערט וואס דער מאַיסטער זאָגט אים.

א פּאָר שאָ איז נאָטע געשטאַנען בא דער מאַשין און נאָר געכידעשט זיך, ווי קונציק, ווי פלינק די שטאָלענע ציינער כאַפּן דאס לעדער, ציען אָן דעם שוך, איינצייטיק קלאַפּן זיי אים ארום מיט שווארצן טעקס, און

די גאנצע פאך־קענטעניש ליגט גאָר אין די קאַלטע שטאָלענע גלידער פון דער מאַשין: אליין באַוועגן זיי זיך, אליין טוען זיי אלץ, און ער, דער לעבעדיקער מענטש, איז ניט מער ווי א רעגולירער,— א רעגולירער, וואס קאָן בא דער אַרבעט פריי אָטעמען, און גייט ניט אָפּ מיט קיין שטראָמען שוויס ווי ער, נאָטע, פלעגט אָפּגיין באם פאילץ־בלאָק אין דעם קוסטאַרנעם פאַבריקל.

קוקנדיק אף דער מאַשין, האט ער אַרויסגענומען א פאַפּיראָס און פאַררויכערט.

— אין פאַבריק רויכערט מען ניט,— האבן אף אים א קוק געטאָן די גאַזלאָנישע אויגן,—אונטן איז פאַראַן א רויכער־צימער.

— ניין איז ניין.— און אַראָפּגייענדיק אין רויכער־צימער האָט ער געטראָפּן צעמעכן:

נו, צעמעך, מע דזשובעט?

— ע, קאַי און שפּאַי, קיין קאָפּ צו אזא ארבעט דאָרף מען ניט. א פלאָקן וועט אויך קאָנען זאַן א שטיפער. נאָר גוניט, מיר זאָגען אריינגעפאָלן אינעם עמעסן גאָניידן: רעדן בא דער אַרבעט טור מען ניט, רויכערן טור מען ניט, פון די רעדער שווינדלט אין די אויגן, און זאַן וועט אונדז דריי מאָל גוט מיט אביסל.

דעם גאנצן טאָג האט נאָטע נאר געקוקט. פון פאבריק איז ער אָבער אַוועק א מידער, א צעבראָכענער. דעם גאַנצן וועג געפילט ווי אין די אויערן רוישט דאס געדעוו פון די מאַשינעס, און אונטער די פיס ציטערט די ערד, ציטערט, פונקט ווי ס׳האט געציטערט דער דיל אין פאַבריק.

קומענדיק אהיים, האט ער זיך דעם ערשטן מאָל ניט געזעצט צום טיש עסן, נאָר א מידער צוגעלייגט זיך אָפּן בעטל.

פארלייגט די הענט אַף דער ברוסט איז די ווייב געשטאַנען באם אויוון, און מיט א ווייטיקלעכן ראַכמאָנעס געקוקט אַף נאָטען ווי אַף אַ געשטראָפּטן.

א יינגעלע איז צוגעגאַנגען און אָנגעהויבן פאַרקלאָגן זיך אַף די שכיינעסדיקע קינדער.

— לאז געמאַך— איז נאָטע בייז געוואָרן און אָפּגעשטופּט פון זיך דאס קינד,— די קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן פונעם געטומל, פאַרדרייט ער גאָר אַ ספּאָדיק.

דאס קינד האט אַרייַנגעדרוקט אַ פינגער אין מויל, פאַרכידעשט, באַ־לײדיקט לאַנג געקוקט אַף נאָטען, און געטראַכט: וואס אַזױנס איז פאָר־געקומען מיט זיין גוטמוטיקן טאַטן, וואס איצט איז ער פּלוצלינג געוואָרן אַזוי בייז און ניט אופמערקזאַם צו אים?

צוגעבויגן צום פענצטער האט די מוטער אָפּט און הילכיק געשנייצט די נאָז אין פאַרטעך, און שטום געשלונגען אַ טרער נאָך אַ טרער.

V

פון טאָג צו טאָג איז מען מערער צוגעוווינט געוואָרן צום גערויש פון די מאַשינען, צום געשווינדל פון די פאַסן, פון די שקיוון, און זיי האבן אופגעהערט ווירקן.

פאַרשטענדלעכער איז געוואָרן די אַרבעט, באַקאַנטער די מאַשין, און לויטן טאָן פון איר געזאַנג האט מען אָנגעהויבן פאַרשטיין איר צושטאַנד, אירע קאַפּריזן, און וואס זי פאַרלאַנגט.

דער גרעסטער טייל ניי אָנגעקומענע האבן נאָר ניט פאַרשטאַנען, אַז גאָר אינגיכן וועט מען איבערגיין אַף אייגענע קעסט, און מע דאַרף זיך באַצייַטנס אויסלערנען גוט און גיך אַרבעטן.

אין קאָפּ איז יעדן געלעגן, אז לויטן אָפּמאַך מיטן טרעסט, איז די פאַבריק מעכויעוו צאָלן אין מעשעך פון צוויי כאַדאָשים פונקט דעם־זעלבן געהאַלט, וואס זיי האבן פריער פאַרדינט אין דעם קוסטאַרנעם גאַרבער־פאַבריקל. נאָר צוויי כאַדאָשים איז דאָך עפּעס אַ היפּש ביסל צייט, ביז די צוויי כאַדאָשים וועלן דורכפליען, וועט מען זיך די גרויסע טוירע אויסלערנען, און דערווייל איז מען צענדליקער מאָל אין טאָג גע־לאָפן אין רויכער־צימער פּיפקען, צענדליקער מאָל אין טאָג געוואָרפן די אַרבעט, און פוסט און פּאס געבלאָנדזשעט פון מאַשין צו מאַשין, פון צעך צו צעך, מיט איין ארבעטער געיאַדעט זיך, מיט אַ צווייטן געכאָכ־מעט זיך, אז צוויי כאַדאָשים איז פאראן ווען צו מעלקן, און די מאַכט איז דאָך אונדזערע, און די דייע איז דאָך אונדזערע, מעג מען דער־ווײלע פּוסטעפּאַסעווען, און דערנאָך וועט מען מאַכן אַ כאַי, דערנאָך וועט מען אָנקוועטשן ווי מע דאַרף, און מיסטאמע וועט מען קאָנען מעלקן נאך א כוידעש.

פון די ברייטע אוקראַינער סטעפּעס איז אָבער פלוצלינג אָנגעפלויגן א בייזע זאווערוכע, אין ווייסן, קאַלטן אומעט אָנגעפּעלצט די גאַסן, מיט טויטע בלומען אופגעבליט די פאַבריק-פענצטער, און פּראַסטיק איינגערוימט יעדן אין אויער, אַז די צוויי כאַדאָשים זיינען שוין אַריבער, מער מעלקן וועט מען זיך ניט לאָזן, און יעדן וועט מען צאָלן נאָר לויט זיין פאַקטישן פאַרדינסט.

פון דער יעדיע איז אלעמען געוואָרן קאַלט אין האַרץ, אין מויעך און אין אלע גלידער.

— וואָס הייסט! — איז שעפּסל נאָכגעלאָפן דעם דירעקטער און טאַכנונימדיק געשפּרייט צו אים די הענט — און ווו איז יויסער? איכ'ל דאָך פון אזעטיקע פּאַרנאָסעס נאָר האָבן וואַסער אַף קאַסע.

— ניט מיין אייסעק, כאַווער, צוויי כעדאָסים זייט איר געווען באַ דער מעלוכע אַף קעסט? האָט איר געזאָלט פאַר דערדאָזיקער צייט ווערן פלינקע קאַלפעציירטע אַרבעטער. זייט איר עס ניט געוואָרן, איז פאַר וואָס דאַרף מען אייך צאָלן מער ווי איר זייט ווערט? אין ביכלאַל סמועס איך ניט אין פאַבריק, פאַראַן א קאָנטאָר, און דאָרטן — ביטע, כאָץ ביזל טאָג.

מיט א טעמפּן, אקשאָנעסדיקן בליק האָט שפּערלינג געקוקט פון דער זייט, און נאָר געפילט, אז די אַלטע סינע, וואָס האָט אַמאָל אין אים געברענט צום באַלעבאָס, אט די אַלטע סינע צעוואַקסט זיך אין אים צום דירעקטער. צעוואַקסט זיך, פאַרכלינעט זיינע געדאַנקען, און צווינגט אים פאַרגעסן, אז ער, דער דירעקטער, איז פונקט אַזאַ קאָמוניסט ווי שפּערלינג, אַז געשטעלט איז ער אָנצופירן מיטן אייגנטום, וואָס געהערט אויך אים, שפּערלינגן, און אַז דער דירעקטער איז מעכויעוו היטן יעדן גראָשן, אבער ניט צעטרענצלען קיין מעלוכע-אויצרעס.

ווי נאָר דער דירעקטער איז אָפּגעגאַנגען צו א צווייטער מאַשין, איז שפּערלינג צוגעגאַנגען צו שעפּסלען און הילכיק אריינגעשריען אים אין אויער:

— צו אַזאַ פיירע קאָנסטו רעדן צעזעצטערהייט און ס'וועט צו אים צושטיין ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. ער איז דען אין אונדזער לאַגע? אים טוט דען וויי? אָי, האָבן מיר אנגעפלאָדיעט אביסל ביוראָקראַטן!

אַן אָנגעצונדענער האט זיך דער דירעקטער אויסגעדרייט, צוגעזשמורעט דאס לינקע אייגל, און מיט אַ פּאַריסענער קאָפּ אַ קוק געטאָן אַף שפּערלינגן:

— איר זייט, דאַכט זיך, אַ קאָמוניסט?

— און אַז א קאָמוניסט איז וואס!

— איז פאַראַן א פּאַרטיי-ביוראָ, ווו א קאָמוניסט קאָן זיך אַף מיר פאַרקלאָגן, אָבער העצן קעגן מיר אַף דער פאַבריק, וועל איך ניט דערלויבן. דא איז אייך ניט די גאַרבעריי אייערע, ווו איר פלעגט אַלע מיטוואָך און דאָנערסטיק אראָפּזעצן די דירעקטערס מיט די מאַיסטערס. זייט זיך מאַטריעך אַראָפּגיין אונטן.

— וווהין אונטן?

— אין רויכער-צימער.

— נאָך וואָס?

— וואַרטן, ביז איך וועל פון אייך אַראָפּנעמען די סטראָף, און דערלויבן אייך גיין צוריק צו דער אַרבעט.

— וואָס הייסט! פאַר וואָס?

דערפאַר ווייל אַ קאָמוניסט דאַרף זיין דיסטיפּלינירט און דאַרף קאָנען האַלטן דעם צונג אונטער די ציין. טי-מאָ-שענ-קאָ! — האט ער אַ געשריי געטאָן צום פאַרוואַלטער פון צעך — נעם בא אים צו די אַרבעט.

בא דער צווייטער ריי מאַשינעס, פּונקט קעגנאיבער, איז געשטאַנען דער אַרבקאָר האָבערמאַן, אַ יונגער באָכער מיט אַן אויסזעען פון אַן אופּגערייצטן דרייסטן האָן, וואס איז שטענדיק גרייט אָנצופאַלן.

ווי נאָר דער סיכסעך האט אויסגעבראָכן, האט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין און א נייגעריקער אָנגעשפּאַרט זיך אַף דער וואַגאָניעטקע.

— נו, האָנאָראַרשטשיק! האסט שיים מאַטעריאַל — איז פאַרביי אים דורכגעגאַנגען דער דירעקטער און גאַליק א שטאָך געטאָן — קאָנסט שיים אָנשרייבן אין צייטונג וועגן דעם דירעקטער דעם דעספּאָט, און אריינכאַפּן דערפאַר א דרייערל.

א באַליידיקטער איז האָבערמאַן צוגעגאַנגען צו נאָטען און אנגעהויבן פאַרקלאָגן זיך:

— איר זעט א באַציונג צו אַרבקאָרן? מיר געפינען די מאַקעס, מיר שניידן זיי אוף, קעדיי דערמיט העלפן בויען, קומט די אַדמיניסטראַציע

און קרוינט אונדז גאָר מיטן נאָמען האָנאָראַרשטשיק. נו, פרעג איך אייך, קאָן מען ניט צעפּלאַצט ווערן?

פון דער גאַנצער מאַיסע איז נאָטע שטאַרק אופגעבראַכט געפּאָרן סאַי אַפן דירעקטער, סאַי אף שפערלינגן.

פון לאַנג איז אים שוין נימעס געווען אָט די דווירעסדיקע סינע פון די אַרבעטער צו דער אדמיניסטראַציע, און די פאַרבאָרגענע סינע פון דער אדמיניסטראַציע צו יעדער אַרבקאָר, וואס אנטפּלעקט פאַר דער געזעלשאַפטלעכקייט די שלעכטע זייטן פון דער אונטערנעמונג.

אַלץ האט די רעוואָליוציע געענדערט, אַ היפש ביסל שימל אויסגע־לופטערט פון די מויכעס. נאר אָט די אַלטע יערושע איז אַלץ נאך גע־בליבן און מע קאָן פון איר ניט פּאָטער ווערן.

געמיינט האט ער אָבער, אַז די סינע הערשט נאָר אין די אָפּגעשטאַ־נענע קוסטאַר־פאבריקלעך, דארט, ווו דער אַרבעטער איז נאָך ביז איצט בונטאריש געשטימט; דארט, ווו דער אַרבעטער שטאָלצירט נאָך מיט זיין באַלמעלאָכישן האָנער — דארט איז די סינע פאַרשטענדלעך, אָבער דאָ, אין דער גרויסער פאַבריק, ווו יעדער אַרבעטער איז ניט מער ווי א שרייפעלע פון איין גרויסער מאַשין, דאָ, ווו איין מאַשין נאך דער צווייי־טער שאָבט אַראָפּ די אינדיווידועלע אייגנשאפטן און דעם פערזענלעכן געשמאק, פאַר וואס זשע איז דאָ דער טהאָם אזוי טיף?—צוזאַמען בויט מען דאָך א ניי סאָציאַליסטיש לעבן, פאַר וואָס זשע בורטשען די ארבע־טער, פאַר וואָס זיינען זיי שטענדיק אומצופרידן מיט דער דיסציפּלין, וואס די אַדמיניסטראַציע דארף און מוז איינפירן אַף דער פאַבריק? און ווי קומט עס, וואָס מערסטן טייל אַרבעטער קוקן אַף דער אַדמיניסטראציע ווי אַף באַלעבאַטים?

טאָג אַף טאָג פלעגט ער זיך נייגעריק צוהערן צו די סיכסוכים, וואָס קומען פאָר צווישן די אַרבעטער מיט דער אדמיניסטראַציע, און לעסאָף געקומען צום באשלוס, אז דער גרעסטער טייל ארבעטער באַנעמען נאָך ניט ווער זיי זיינען, און וואס זיי דארפן זיין. ביז היינטיקן טאָג פאַר־שטייען זיי נאָך ניט, אז זיי זיינען ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך באַלע־באַטים, פון זייער מי ווערן די אויצרעס געשאַפן, און צוליב זייער פארגעניגן וועלן די אויצרעס פארנוצט ווערן. נאָר פארנוצט ווערן מיט א פּלאַן, מיט א ציל, מיט א זין.

טראַכטנדיק וועגן דעם צעשלוס, וואָס הערשט שטענדיק צווישן דער אדמיניסטראַציע מיט די אַרבעטער, פלעגט ער דאָן באַשולדיקן די אדמי־ניסטראַציע; באַשולדיקן, פאר וואס זי האט ניט געפונען דעם פאסיקן טאָן, די געהעריקע שפראַך, קעדיי דער אַרבעטער זאָל אויספירן אלע אירע באפעלן, אויספירן ניט אויס מוירע, אַז ער וועט פאַרלירן די אַרבעט, נאר אלס באוווסטזיניקן כויוו, אלס כאַווערישן באַפעל, און גראד וועגן דערדאָזיקער כאווערישקייט האט דאָך נאָטע יאָרן געכאָלעמט, געגאַרט און געבענקט.

פונעם ערשטן טאג, וואָס נאָטע איז אָנגעקומען אין פאַבריק, איז ער געווען זיכער, אַז סאַי מיט די אַרבעטער, סאַי מיט דער אַדמיניסטראציע וועלן באַ אים קיין צוזאמענשטויסן ניט זיין.

אופמערקזאַם און פלייסיק איז ער, די אַרבעט האט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, און קיין קליינלעכקייטן וועלן אים ניט באַרירן.

זינט אבער די צווי כאַדאָשים זיינען אריבער, זינט ער איז געוואָרן אן ארבעטער צוגלייך מיט די קוואַליפיצירטע אַלטע אַרבעטער, און אויך אָנגעהויבן ארבעטן פון שטיק, זיינען די שכיינים זיינע געוואָרן פרעמד, אָנגעבלאָזן. יעדער פאַרטיע אַרבעט, וואס ער באַקומט, רופט באַ זיי ארויס א בייזן פאַרדראָס, גלייך ער נעמט צו זייער פאַרנאָסע, און ארום זיין מאשין האבן אָנגעהויבן פאַרקומען מאָדנע געשעעניש.

אקאָרשט האט ער אָנגעצוויקעוועט אַ שוך און גענומען זיך צום צווייטן נאָר ערגעץ איז נעלעם געוואָרן דער ערשטער שוך.

טייל מאָל פלעגט באַ אים פון אונטערן האנט פלוצלינג פארפאלן ווערן דאס געצייג. ער דרייט זיך אום איבערן צעך, א האלבע שאָ פאַרנאָסע פאטערט ער אין זוכעניש, און לעסאָף געפינט ער גאָר דאס געצייג אונטערן פעדאַל פון דער מאַשין.

איינמאָל איז ער אַף עטלעכע מינוט אראָפגעגאַנגען רויכערן, ער קערט זיך אום, וויל זיך נעמען צו דער ארבעט, נאָר די מאַשין גייט ניט. פאַר־וואָס, פאַרווען? — דאס האט אפילע ניט געקאנט דערגיין דער טעכאָנ־פירער.

נאר אַפן צווייטן טאג, צענעמענדיק די גאַנצע מאַשין, האָט ער געפונען קליינע טעקס־צוועקלעך גראד אין יענעם קעסטעלע, ווו עס טאר זיך ניט געפינען אפילע קיין שטויבעלע.

קוקנדיק ווי די שכיינים זייגע פרייען זיך, וואָס זיין מאַשין שטייט, און דערוויל פאַרענדיקן זיי די פאַרטיע ארבעט, וואס נאָטע האט געזאָלט מאַכן.

קוקנדיק ווי זיי יאָגן די אַרבעט און ווי זיי וואַרפן זיך איבער מיט בליקן, איז נאָטען טייקעף קלאָר געוואָרן, אז דאס איז זייער שפיצל. אָט דאס געל יידל, וואס האט ערשט פאראיאָרן געהאַנדלט אין גאַס מיט פאַפּיראָסן, און אָט דער אוקראַינער מיט די געכאָליעטע וואָנצעס, וואָס פאָרט אַלע זונטיק צום ווייבל אין דאָרף אריין — זיי האבן עס אָנגעשאָטן טעקס אין קעסטל, קעדיי די מאַשין זאָל בלייבן שטיין און דערוויל ווען זיי מערער פאַרדינען.

אַ פאָר מאָל איז ער צוגעגאַנגען צום דירעקטער און געוואָלט זיך פאַרקלאָגן, און געוואָלט אים וואָרענען, אז ווי באַלד זיי קאָנען אָפּטאָן אַ שפיצל מיט זיין מאשין, קאָנען זיי אָנטאָן צאָרעס אויך באַ אנדערע מאַשינעס, נאָר אַפן ערשטן וואָרט האט אים דער דירעקטער איבערגעהאַקט:

— אין קאנטאָר, אין קאנטאר. דאָ אין פאַבריק סמועס איך ניט.

איז ער איינמאָל אריין אין קאנטאָר און געטראָפן דעם דירעקטער פאַרנומען מיט אַ קאמיסיע, א צווייטן מאל — פארנומען אף א באראטונג, א פערטן, א פינפטן מאָל — ווידער אָנגעשטויסן זיך אף א קאָמיסיע, אַף אַ דעלעגאַציע, אף א נייער רעווידיר - קאָמיסיע, און אפן האַרצן איז אים געווארן ביטערער פון טאג צו טאג. קיין באלעבאָס איבער דער מאַשין איז ער נאָך ניט געווען, און פארדינען האָט זיך געוואָלט וואס מערער, איז אָבער דער הויפּטמאַיסטער געוואָרן אַן אָפטער גאַסט באַ זיין מאַשין, איבערגעקוקט יעדער שוך, צענדליקער מאָל אים געצוווּנגען איבערצוּמאַכן, און בייז געפאָדערט גוטע ארבעט.

מיטן געדאַנק האט נאָטע פאַרשטאנען, אז דער הויפּטמאַיסטער איז גערעכט, גוטע ארבעט דאַרף ער פאָדערן פון יעדן. נאר פאַרוואָס דאַרף עס געפאָדערט ווערן מיט אזא בייזן באַליידיקטן טאָן? ער איז דען א יינגעלע? ער באמיט זיך דען ניט בעסער קענען די ארבעט? צי וואָס זשע איז דער בייזער באַלעבאַטישער טאָן, און פארוואס געפעלט אזוי אָט דער באַלעבאטישער טאָן ניט נאר דעם דירעקטער, נאר אפילע דעם פאָרזיצער פון זאַווקאָם? די דיסציפלין קאָן מען דען ניט איינפירן אַף אַן אנדער אויפן?

צענדליקער מאל האט ער געטראַכט, ווי אזוי, און אף וואס זשע פאר אַן אנדער אויפן קאָן מען איינפירן די דיסציפלין? אין פאבריק זיינען דאָך פאַראַן פאַרשיידענע ארבעטער, איינער פארשטייט זיין כויוו, און צענדליקער ווילן דאס ניט פארשטיין. יעדערער וויל דאך פאַרדינען וואס מערער, און דאפקע אף דער קוואליטעט פון דער ארבעט ווילט זיך לייגן וואס ווייניקער אכט. וואס זשע פאר אן אויסוועג איז פאראַן?

קיין אויסוועג האָט נאָטע ניט געפונען, נאר פון טאָג צו טאָג געפילט, אַז עס וואַקסט אין אים א פאַרביטערטע סינע צום הויפטמאַיסטער, און עס וואקסט אין אים אַן אָפּשיילעכער עקל צו זיין בלויער פליישיקער נאָז, צו זיינע קליינע כאַזערשע אייגעלעך, און צו זיין בייזן באַלעבאַטישן טאָן.

יעדעס מאָל, ווי נאָר דער הויפטמאַיסטער פלעגט אָפּגיין פון נאָטעס מאַשין, פלעגט טייקעף צוגיין פארבמאַן.— אָט דער צעך־מאיסטער מיטן ציגיינערישן פּאָנים און מיט די לויפנדיקע כיטרע אייגעלעך. צוגיין, פריינטלעך אָנווייזן אים די פעלערן, און אליין פלעגט ער זיך שטעלן באַ א פרייער מאַשין — איבערמאכן נאָטעס ארבעט.

— צי וואס דארפט איר זיך מאַטריעך זיין, כ׳וועל אליין איבערמאַכן.

— ניין, כאַווער נאָטע, איר ארבעט פון שטיק, און פאַר דער צייט, וואָס איר וועט איבערמאַכן, וועט מען אייך ניט צאָלן. איז נעמט אין אכט מיינע אָנווייזונגען, און איבערמאַכן וועל איך שוין אליין.

די וואַרעמע באַציונג, דאָס, וואָס פאַרבמאַן פלעגט שטענדיק צוגיין פונקט דעמאָלט, ווען אים פלעגט זיין ביטער אפן האַרצן פונעם מאַיסטערס בייזן טאָן,—דאס אלץ האט אין נאָטען פארפלאַנצט אַ קנעכטישע דאנקבאַרקייט, און אַ באַזונדערע אכטונג צו פאַרבמאַנען.

איינס איז אים נאָר ניט געווען פארשטענדלעך: אַזאַ הארציקן מענטשן ווי פאַרבמאַנען האָט מען געגעבן אַ צונעמעניש „פיקסל”, און צום הויפטמאיסטער, אט צו דעם געוועזענעם אייגנטימער פון א פאַבריקל, צו אים באַציען זיך די ארבעטער מיט א מאָדנעם פאָרכטיקן אָפּשיי.

גראד דעם טאָג איז נאָטען די ארבעט ניט געגאַנגען. אלע פינף מינוט איז די מאַשין געבליבן שטיין, און געוווּסט האט ער, אז פאר די קורצע האפּסאָקעס, וואס די מאשין מאַכט, וועט מען אים ניט באַצאָלן, און פאַרן טאָג וועט ער פארדינען א העלפט.

נאר וואס מער נאָטע האט זיך געערגערט, אלץ קאַפּריזנער איז גע־וואָרן די מאַשין און ערגער די ארבעט.

פּלוצלינג איז צוגעגאַנגען דער הויפּטמאַיסטער און מיט א בייזן בליק איבערגעקוקט זיין ארבעט:

— וואָס פּאַסקודיעט איר, וואס פּאטערט איר סכוירע וויל איך וויסן? זייט איר אַ קאַליקע, איז גייט אף סאָצפּארזיכערונג, און איפּעשט ניט אין פאבריק. פאַר־טאַטש!

עפּעס האט נאָטע געוואלט א געשריי טאָן, נאר פּלוצלינג דערפילט, אַז פארקלעמט איז דאָס הארץ, פארגליווערט דאס מויל, און אַ דערנידעריק־טער, אַ באַשפּיגענער איז ער געבליבן שטיין. געבליבן שטיין מיט אזא פיינלעך צונויפגעשרומפּענעם פּאָנים, גלייך עס ווילט זיך אים וויינען, נאר ער קאָן ניט.

פינף און צוואַנציק יאָר איז ער געווען אַ קוואליפיצירטער ארבעטער, שטאָלצירט מיט דעם, געפילט, אז ער איז די נעשאָמע פון דער פּראָ־דוקציע, אַז אָן אזוינע ווי ער, קאָן מען ניט אויסקומען. פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר האט ער הונדערטער אויסגעלערנט ווערן גוטע ארבע־טער, קיין איינציקער מאַיסטער האָט זיך קיינמאָל ניט דערוואַגט זאָגן קיין וואָרט אף זיין ארבעט, און איצט איז ער אנטקרוינט, דאָ באַ דער מאַשין איז ער אַ גאָרנישט, און יעדן טאָג גיט מען אים אָנצוהערן, אַז מע קאָן אויסקומען אָן אים.

די גאנצע וואַכט איז ער באַ דער מאַשין אָפּגעשטאַנען יאָרדיש, דערשלאָגן. פארנאכט אפּגענומען אין קאָנטאָר דעם פאַרדינסט פאַר די צוויי וואָכן, און ארייגגייענדיק צו זיך אין שטוב, האָט ער בייז א שליי־דער געטאָן דאָס געלט אַפן טיש.

ביז דאָס ווייב האָט איבערגעציילט דאָס געלט, איז ער ארונטערגע־קראָכן אונטערן בעט, און ארויסגעשלעפּט דאָס פאַרטעך, אין וועלכן ער האט געארבעט אלס פאַילצער.

פאר דער צייט איז דער לעדערנער פארטעך געוואָרן פאַרדאַרט, צע־קנייטשט, פּונקט אזוי צעקנייטשט און פארדאַרט, ווי זיין שטאָלץ אלס קוואַליפיצירטער ארבעטער.

— דאָס איז די גאנצע פארדענאָסע? — האט דאס ווייב פארביטערט אַ פרעג געטאָן.

— די גאנצע, די גאנצע. וואס זשע, טויזנטער ווילסטו?

— איז דאָך טאקע אָך און ווי צו די יאָר. און וואָס? אַלץ אָקשאָנעס. אַז צעמעך האט פאָרגעלייגט מאַכן א קוסטאַרנע ארטעל, איז אים ניט אָנגעשטאַנען. שאַיעך, פאָטעמסטווענער דאָסער. איצט וועט מען לייגן די ציין אַף די פאָליצעס.

אַף אַלע אירע טאַינעס האָט נאָטע גאָרניט געענטפערט.

אַ געהויקערטער איז ער געזעסן אַפן ברעג בעט, אָפט געשפּיגן אַפן פּאַרטעך, געגלעט אף דער קני זיינע פאַרדאַרטע לעדער-קנייטשן, גע־גלעט אזוי אקשאנעסדיק, גלייך ער האט פעסט באשלאָסן, אז אף דער פאבריק וועט קיין נאכעס ניט זיין. ווידער מוז מען אָנטאָן דעם אַלטן פּארטעך, אָנשאַרפן דעם אלטן שאָב-מעסער און אומקערן זיך אהין, ווו ער איז געווען נאָטע דער פאַרדינער, נאָטע דער מעיוכעסדיקער פּאַילצער.

VI

מיט אַ פארוויגעטן בליק האט דער ווינטער טאָג אף טאָג ארייננגע־קוקט אין די פענצטער, פאַרביטערט געהוילט אין די קוימענס. און מיט גרויע זאַווערוכעס געיאָגט זיך איבער די גאַסן.

דאָ אָבער, אין הייסן געררויש פון די מאַשינען, דאָ האט מען ניט גע־הערט זיין פאַרצאָקטן געהויל און ניט געפילט זיין פראָסטיקן אָטעם.

אַ צופרידענער איז נאָטע געשטאַנען באַ דער מאַשין, קלאָרער אָנגע־הויבן פארשטיין איר שפּראַך, איר גאַנג, אירע קאַפּריזן, און געפילט, אַז פון טאָג צו טאָג ווערט בעסער זיין ארבעט, ראַציאָנעלער די באַוועגונגען און גרעסער דער פארדינסט.

די גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען בלויז אַף קינדער-שיכלעך, נאר גראד דעם טאָג איז ער דעם ערשטן מאָל איבערגעגאנגען אַף דאַמען-ארבעט. פארשטאַנען, אַז ערשט איצט וועט ער אָנהויבן פאַרדינען ווי געהע־ריק, און מיט אַ שטאָלצן פארגעניגן האט ער אונטערגעטראָגן דער מאַשין דעם גרויסן שווערן שוך, אונטערגעטראָגן פּונקט ווי א מוטער טראָגט אונטער דעם קינד איר פולע שווערע ברוסט.

מיט א כיטרע שמייכעלע אין די לויפנדיקע אייגעלעך איז צו נאָטען צוגעגאַנגען פארבמאַן דער צעך-מאיסטער, און סוידעסדיק איינגערוימט אים אין אויער:

— לייגט ווייניקער אַכט אף דער קוואליטעט, און שמייסט אַף וואָס די וועלט שטייט.

פאַרוואָס פאַרבמאַן הייסט אים שמייסן און ניט יאָגן זיך נאָך דער קוואליטעט, — דאס איז אים ניט געווען פארשטענדלעך, און פרעגן האָט ער ניט געקאָנט, ווייל ניט ווייט פון דער מאַשין איז עפעס געשטאַנען א יונגערמאן מיט א זייגער אין האַנט און נייגעריק געקוקט ווי ער ארבעט.

ניט אנדערש, האט נאָטע א טראכט געטאָן, אז דאָס איז אַ פאָרשטייער פון טרעסט. ער וויל אפאָנים צוקוקן זיך, ווי אזוי ארבעטן די געוועזענע גאַרבער, און גראד איצט איז נאָטען באפאלן אַ פארלאנג אויסשפּיינען זיך מיט דער שנעלקייט פון זיין ארבעט, און זאָל דער פאָרשטייער זען, אַז דער, וואָס פארמאגט פינגער צו גארבעריי, — דער ווערט ניט פארשעמט אפילע בא דער מאשין.

— נו, וויפל האט איר פאר דער האלבער שאָ געמאכט — איז דער יונגערמאַן נייגעריק געוואָרן צו דערוויסן.

— עלף מיט א האַלבן פאָר — האָט אים נאָטע שטאָלץ געענטפערט, און שמייכלענדיק אויסגעדרייט צו אים דאס צעקנייטשטע ראזירטע פּאָנים מיט די לעצטע צוויי ציין, וואָס שטעקן ארויס באַ די זייטן ווי געלע צוויי הערנער.

— הייסט עס, אז דורכשניטלעך, דארף מען רעכענען, וועט איר מאַכן ניט קיין דריי און צוואַנציק, נאר צוואַנציק פּאָר א שאָ. הא! ריכטיק?

— אין דעם ערעך. און צו וואס פרעגט איר עס?

איך בין דער כראָנאָמעטראַזש — האָט אים דער יונגערמאן געענטפערט, און לויט אייער שנעלקייט וועלן מיר אייך טאריפיצירן די ארבעט.

נאָטען איז טייקעף קלאָר געוואָרן, אז ער איז ביטער ארייננעפאלן, און געוואָלט דערקלערן דעם כראָנאָמעטראזש, אז לויט זיין איצטיקער שנעלקייט טאָר מען ניט טאריפיצירן די ארבעט, ווייל ער האט דאָך געיאָגט די נעשאָמע. בא נארמאַלע, רויקער ארבעט וועט ער דאָך מער ווי צען-צוועלף פאָר ניט מאכן. נאר דער יונגערמאַן איז טייקעף פארשוווּנדן, און אנשטאָט אים איז צוגעגאַנגען דער הויפּטמאיסטער, איבערגעקוקט די

גאַנצע וואָגאָניעטקע אַרבעט, און אים באַפוילן איבערמאַכן אַלץ פון דאָס ניי.

— וואָס הייסט! — איז נאָטע אופגעקאָכט געוואָרן.

— דאָס הייסט, אַז מע נעמט געלט, דאַרף מען געבן אַרבעט, און זייט איר אַ קאַליקע, טאָ גייט פאַרקערן גאַסן.

פון דער באַליידיקונג איז נאָטע געוואָרן בלייך, פאַרצווייפלט אויסגע־שפּרייט די הענט און אָנגעהויבן פּינטלען:

— וואָס טוט זיך דאָ, לאָמיך וויסן: פאַרוואָס הייסט מיר יאָגן און ניט קוקן אויף דער קוואַליטעט, קומט איר און הייסט מיר איבערמאַכן די גאַנצע אַרבעט? וואָס זשע איז דאָס, גזילע? רעציכע? איזדיעוואָקעס?

— אַביסעלע העפלעכער, איר הערט, צי ניין! — האָט אים דער מאַיסטער אָנגעהויבן דראָען — אַנדערש וועל איך אייך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט פאַר אַזוינע ווערטער. גראַב־יאַן!

— אַזוי? — איז נאָטע נאָך מער אָנגעצונדן געוואָרן און מיטן צווענגל אָנגעהויבן קלאַפּן אין וואַרסטאַט:

— אַזאַ בלוטזויגער וועט אויף מיר פאָרן רייטנדיק? וואָס מיינסטו — איז ער פלוצלינג געוואָרן מיטן מאַיסטער אויף דו — עס איז דיר אַמאָליקע צייטן? כאַווייריים!

ביז נאָטע איז איבערן צעך אומגעלאָפן פון מאַשין צו מאַשין, און גע־פּאָדערט שטיצע פון די אַרבעטער, האָט דער מאַיסטער אַ נעם געטאָן נאָטעס וואָגאָניעטקע און אָנגעהויבן אָפּרוקן זי פון דער מאַשין, אַלס באַווייז, אַז ער נעמט בא אים צו די אַרבעט. נאָר מיט ביידע הענט האָט זיך נאָטע איינגעקלאַמערט אין דער וואָגאָניעטקע און אָנגעהויבן שלעפּן זי אויף צוריק.

— וואָס מיינסטו, העפקער אַ וועלט? לאָז אָפּ דעם וואָגאָן, זאָג איך דיר, לאָז אָפּ. אַנדערש וועל איך דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן.

פון קאָפּס זיינען נאָטעס אויגן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט טרערן און ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווען דער דירעקטער איז צוגעגאַנגען.

דערפילט האָט ער נאָר, אַז עמעצער האָט אים אָנגענומען פאַרן אַקסל און שרייט אויף אים שטרענג און באַפעלעריש:

— ווער האָט אייך געגעבן אַ מאַנדאַט אויף פלעטן קעפּ? ווי געפינט איר זיך!

— אין א געהענעם געפֿין איך זיך — האט אים נאָטע הייזעריק גע־ענטפֿערט, — אין א געהענעם, כאַוועט דירעקטער.

— קאָן מען אייך טייקעף באַפֿרייען, און ניטאָ וואס צו גוואַלדעווען. וואס האט איר אָפּגעשטעלט די מאַסינעס! — האט זיך דער דירעקטער צעשריען צו די איבעריקע אַרבעטער, — ס'איז אייער געסעפּט?

אַף איין רעגע איז נאָטעס קאָפּ ווי אַראָפּגעזעצט געוואָרן און מיט א פֿאַרוואָרגענער שטימע אָנגעהויבן אים דערציילן, ווי אַזוי די גאַנצע מאַיסע איז פֿאָרגעקומען.

— נו, פֿרעג איך אייך, — האט נאָטע טאַכנונימדיק אויסגעשפּרייט די הענט צום דירעקטער, — וועמען דאַרף איך פֿאָלגן, ווער איז דאָ דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער?

— פֿאַראַנטוואָרטלעך בין איך.

— אויב איר, כאַוועט דירעקטער, איז זייט זיך מאַטריעך באַפֿוילן אייערע מעכאַבלים, זיי זאָלן דעם אַרבעטער ניט אונטערשטעלן קיין פּיסל.

פֿונעם וואָרט „מעכאַבלים" איז דער דירעקטער אָנגעצונדן געוואָרן און צעשריען זיך, אַז פֿאַר אַזאַ אַגיטאַציע קעגן דער אַדמיניסטראַציע וואַרפֿט מען ארויס פֿון פֿאַבריק, און אים, נאָטען, איז שוין צענדליקער מאָל געזאָגט געוואָרן, אז אויב ער איז מיט עפּעס אומצופֿרידן, קאָן ער אריינקומען צו אים אין קאָנטאָר, אָבער ניט גוואַלדעווען אין פֿאַבריק און אונטעררייסן דערמיט די דיסציפּלין.

— אין קאָנטאָר? — האט אים נאָטע גאַליק איבערגעפֿרעגט — אין קאָנ־טאָר? — וואַרטן, ביז איך וועל אַמאָל דערשלאָגן זיך צו אייך? וואַרטן, ביז איך וועל אַמאָל האָבן די זכיע צו רעדן מיט אייך, און דערווייל זאָל מען מיר טרייבערן די קישקעס און שינדן די הויט?

— נו, — האָט זיך דער דירעקטער צעלאַכט, — טרייבערן, שינדן, איר זייט שוין אויוועקבאָטל און רעדט פֿון הייך.

— אַוואַדע, אַוואַדע בין איך אויוועקבאָטל, ווי באַלד איך האָרעווע און איר קאָמאַנדעוועט מיט מיר.

דער דירעקטער האט צוגעמאַכט דאָס לינקע אויג, אָנגעבלאָזן זיך, גאַיוועדיק פֿאַריסן די קאָפּ, און מיטן צוגעמאַכטן אייגל אָפּגעמאָסטן נאָ־טען פֿון קאָפּ ביז פֿיס:

— ווי באַלד איר רעדט מיט אַזאַ שפּראַך, איז זייט זיך מאַטריעך וואַרפן די אַרבעט און אַראָפּגיין אונטן.

פאַראַקשנט האט נאָטע א צי געטאָן די וואַגאָניעטקע, אָנגעקוועטשט דעם פּעדאַל און געלאָזט די מאַשינע:

— איך בין אַהער אָנגעקומען אַרבעטן, אָבער ניט אויסצופירן קיין מעשוגאַעסן!

— איך זאָג אייך, איר זאָלט אַראָפּגיין אין רויכער־צימער, אַנדערס וועל איך באַפוילן, מע זאָל אייך אַראָפּפירן. סקאַנ־דאַ־ליסט.

— שרעקט ניט, שרעקט ניט די גענדז, מיר זיינען אין די טיורמעס אויך געגאַנגען און ניט געשראָקן זיך. געזען? מע דראָט. ניט מיינט אָבער, אַז אַזאַ קאָמאַנדעווען מיט אַרבעטער וועט אייך אַראָפּגיין גלאַט.

ווי נאָר דער דירעקטער איז אָפּגעגאַנגען פון דער מאַשין, איז צו נאָ־טען צוגעגאַנגען פאַרבמאַן, פלוצלינג אויסגעריסן באַ אים דעם שוך פון האַנט, און ראַש אָפּגעשטופּט די וואַגאָניעטקע:

— אַז דער כאַוער דירעקטער בעט אייך מיט גוטן, איז זייט זיך מאַטריעך ניט זיין קיין דאָווראַכער. פּאָ־זשאַ־לעסטע, כאַ־ווער נאָטע.

פון פאַרבמאַנס שפּיצל איז נאָטע אינגאנצן צעטומלט געוואָרן און אויסגעשטרעקט צו די ארבעטער צוויי טאַינענדיקע הענט:

— נו, ווי געפעלט אייך אזא אָנשיקעניש?

— פּיקסל בלייבט פּיקסל,— האבן עטלעכע ארבעטער א בורטשע גע־טאָן און געלאָזט די מאַשינעס.

א באַליידיקטער, א פאַרשעמטער איז נאָטע אַראָפּגעגאַנגען אין רויכער־צימער, פאַרזאָרגט צוגעפּרעסט דעם שטערן צו דער פאַרפרוירענער שויב, און מיט ציטערנדיקע פינגער אָפּט צוגעטראָגן צום מויל א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס.

פינף און צוואַנציק יאר איז ער געווען א זעלבשטענדיקער אַרבעטער, איבערגעלעבט צייטן פאַרשיידענע, נאָר קיינעם איז ניט איינגעפאַלן אַראָפּ־טרייבן אים פון דער ארבעט, און ווי א פאַרשולדיקטן שילער אַוועק־שטעלן אים אין א ווינקל.

פאַר די פּאָר שאָ, וואס ער איז אָפּגעזעסן אין רויכער־צימער, איז דער דירעקטער עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען, און ביידע פלעגן זיי איינס פון דעם צווייטן אָפּקערן די קעפּ.

עפּעס האָט נאָטע ניט געקאָנט אים קוקן אין די אויגן, און יעדעס מאָל, ווי נאָר צו זיין אויער איז דערשווימען דער אָפּהילך פון זיינע טריט, פלעגט זיך אין נאָטען אָנצינדן אַ פאַרביטערטע סינע צום דירעקטער.

אַ לעבן האָט נאָטע אָפּגעקעמפט קעגן באַלעבאַטים, דאָס גאַנץ לעבן געהאַסט אין זיי די קראַפט, די זאַטע זעלבסטצופרידנקייט פון הערשער, וואָס קאָנען באַפעלן, קאָנען צווינגען און קאָנען אויספירן.

ווי שלעכט אים איז ניט געווען, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט אויספירן זייער מינדסטן באַפעל.

בלייבן אָן ברויט, פאַרקויפן די לעצטע בעבעכעס, וואַנדערן מיט ווייב און קינד פון שטאָט צו שטאָט און זוכן אַרבעט, נאָר ניט אונטערגעבן זיך און ניט אָנערקענען זייער רעכט, זייער מאַכט אַלס באַלעבאַטים. אַ גאַנץ לעבן געהאַסט זיי, געקעמפט, ערשט נאָ דיר גאָר נייע באַלעבאַטים!

מיטן געדאַנק האָט נאָטע גוט פאַרשטאַנען, אַז דער איצטיקער דירעקטער באַלעבאַטעוועט ניט צוליב זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. דאָס באַליידיקטע געפיל האָט עס אָבער ניט געוואָלט אָננעמען, און פּראָטעסטירט, און געוואָלט דערוויסן, וואָסער כאַכעם האָט עס אויסגעטראַכט, אַז לעטויוועס דעם קלאַל מעג מען באַצווינגען און דערנידעריקן די פּערזענלעכקייט? און ביזוואַנען איז טאַקע דער שיר, אַז דאָס לעבן זאָל זיך טיילן אַף באַפעלער און אַף פאָלגער! יאָרן איז מען דאָך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, קוים פּאָטער געוואָרן פונעם אַלטן לעבן, ערשט נייע באַפעלער האָבן ווידער באַקומען די רעכט צו באַשטראָפן און באַגנעדיקן!

מיט די שטומע פּראָטעסטן האָט ער אַ פּאָר שאָ געקוויקט דאָס אופגערייצטע האַרץ. און לעסאָף פאָרט געפּרעגט דעם דירעקטער, ביזוואַנען וועט ער זיצן אין רויכער-צימער.

— ביז די אַר. ק. ק. וועט באַשטימען — האָט אים דער דירעקטער קאַלט געענטפערט — ביז זי וועט באַשטימען, צי מע זאָל אייך צולאָזן צו דער אַרבעט, צי אָפּזאָגן אייך פון פאַבריק.

פון דער יעדיע איז אים גאָר אומהיימלעך געוואָרן. געמיינט האָט ער, אַז מע וועט אים באַשטראָפן מיט אַ שאָ אָדער מיט צוויי ליידיק שטיין, און דערמיט וועט ער אָפּקומען, ערשט די גאַנצע מאַיסע הויבט אָן שמעקן מיט ערנסט.

פֿאַר דער צייט זיינען אין רויכער־צימער אַראָפּגעקומען אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע צעכן, געשאָטן פֿעך און שוועבל אָפּן דירעקטער, געשאָלטן די מאַיסטערס, געהיצט זיך, אַז פֿון דער אַדמיניסטראַציע דאַרף מען אַראָפּרייסן דעם האָנער, און אים, נאָטען, געראָטן, ער זאָל זיך דערווייל אַנטשולדיקן פֿאַרן דירעקטער, און אַזוי ווי צו קאָוועד צייט ער זיך ווי א בער צו האָניק, וועט ער אים באַשטימט מוחל זיין, און ניט רעכענען זיך ניט מיטן זאַווקאָם, ניט מיט דער באַשטימונג פֿון אַר. ק. ק.

נאָר וואָס מער די אַרבעטער האָבן נאָטען צוגערעדט, אַלץ בייזער איז ער געוואָרן: וואָס הייסט, גיין בעטן מעכילע, פֿאַר וועלכע זינד? פֿאַר וואָסער אומרעכט? ער, נאָטע, דער אַלטער קוואַליפֿיצירטער אַר־בעטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געבויגן די קאָפּ אַפּילע פֿאַר די אַלטע באַלעבאַטים,—ער וועט זיך גיין דערנידעריקן? ער, אַן אומשולדיקער, וועט זיך אַליין אָנשפּייען אין פּאָנים און גיין בעטן מעכילע בא אַזא אַרבע־טער ווי ער, וואָס היינט איז ער א דירעקטער און מאָרגן קאָן ער זיך שטעלן צו דערזעלבער מאַשין? ניין, דאָס ניט.

ביזן הודאָק איז נאָטקע אָפּגעזעסן א זיכערער, אַז אין דעם גאַנצן סקאַנדאַל איז שולדיק דער הויפּט־מאַיסטער, דער דירעקטער, און מער פֿון אַלעמען איז שולדיק פֿאַרבמאַן מיט די כיטרע, לויפֿנדיקע אייגעלעך.

ניט אומזיסט רופֿט מען אים פּיקסל, ניט אומזיסט קאָנען אים די אַר־בעטער ניט אָנקוקן. און ערשט איצט האָט נאָטע אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס פֿאַרבמאַן פֿלעגט צו אים צוגיין מיט אַזוינע וו'ייכע רייד און מיט אַזא קלוימערשטדיקער פֿריינטשאַפֿט. און שטענדיק פֿלעגט ער צוגיין פּונקט נאָכדעם, ווי דער הויפּט־מאַיסטער פֿלעגט זיך אָף אים אָנבייזערן, און אים, נאָטען, איז געווען אָנגעזאָטן אָפּן האַרצן.

דעמאָלט איז ער אים געווען דאַנקבאַר פֿאַר זיין באַציונג, פֿאַר זיינע טרייסטווערטער, און פֿאַר אַלעמען געהאַלטן אין איין טאַינען, אַז אַלע מאַיסטערס דאַרפֿן זיך לערנען בא פֿאַרבמאַנען, ווי אַזוי כאַווערישׁ בא־גיין זיך מיט ארבעטער. איצט אָבער, איצט איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז סאַי מיט זיינע ווייכע רייד, סאַי מיט דעם, וואָס ער פֿלעגט איבערמאַכן זיין אַרבעט, סאַי מיט זיין קלוימערשטדיקער כאַווערישקייט האָט פֿאַרבמאַן געוואָלט אונטערכאַנפֿענען זיך צו די נייע אַרבעטער, און זאָלן זיי וועגן אים פֿאַרשפּרייטן א קלאַנג, אַז ער איז אופּמערקזאַמער, טאַק־

טישער, כאַווערישער צו די ארבעטער, און דערמיט וועט ער מיט דער צייט אונטערשטעלן א פיסל דעם הויפּט־מאַיסטער און פאַרגעמען זיין פּאָסטן.

ערשט איצט איז נאָטען קלאָר געוואָרן, אז מיטן איינרוימען אין אויער, ער, נאָטע, זאָל יאָגן די ארבעט, איז באַ פאַרבמאַנען געווען א קאַוואָנע, מע זאָל ביליקער טאַריפיצירן די אַרבעט, קעדיי ער זאָל זיך קאָנען אויס־פיינען פאַר דער אַדמיניסטראַציע, אַז באַ אים אין צעך קאָסט די אַרבעט ביליקער ווי אין אַנדערע צעכן. איינצייטיק האט ער, הייסט עס, געוואָלט טאַנצן אַף צוויי כאַסענעס, זיינען דאָך די ארבעטער טאַקע גערעכט, פאַרוואָס זיי רופן אים פּיקסל.

גראָד דאָס מאָל האט אבער פאַרבמאַנען ניט אָפּגעגאָלטן. און ווי נאָר נאָטע איז אַראָפּגעגאַנגען אין רויכער־צימער, האט דער דירעקטער אריינ־גערופן פאַרבמאַנען אין קאָנטאָר אריין, צוגעמאכט דאָס לינקע אייגל און האלב אף רוסיש, האַלב אף יידיש אָנגעהויבן שרייען אף פאַרבמאַנען:

— צטאָ עטע זנאַציט, וויל איך וויסן! ראַבעווען? אונטערפירן אַף סקאַנדאַלן סאַי די ארבעטער, סאַי די אדמיניסטראַציע? דאַסווידאַניע! איר קאָנט זיך סטעלן צוריק צו דער מאַסין, ווו איר זייט געסטאַנען, אָבער קיין מאַיסטער וועט איר מער ניט זיין.

א דערשלאָגענער איז פאַרבמאַן ארויס פון קאָנטאָר, אין רויכער־צימער אָנגעשטויסן זיך אף נאָטען, און פאַרבייגייענדיק א זאָג געטאָן ניט צו נאָ־טען, נאָר צו די געפּרוירענע פענצטער:

— איך בין צו אים געווען ווי אַ אייגענער ברודער, אונטערגערוקט די בעסטע אַרבעט, קוים געפּוילט, מע זאָל אים ניט ארויסוואַרפן נאָך מיט א כוידעש צוריק, האט ער מיר געוואָלט אָפּדאַנקען מיט שטיינער. נו, וועלן מיר נאָך זעען. סוואָ־לאָטש!

וואָס, ווער, וועמען, — האט נאָטע ניט פאַרשטאַנען, נאָר באַמערקט האט ער, אַז פון פאַרבמאַנס אומרויקע אייגעלעך איז נעלעם געוואָרן דאָס כיטרע פּיקסל, און אַפילע איצט לייגט ער.

## VII

פיר טעג נאָכאַנאַנד איז נאָטע צום הודאָק געקומען אין פאַבריק, אופ־געהאַנגען דעם טאַביל, אָנגעטאָן די פּראָדוציר־קליידער, און ביזן הודאָק

אָפּגעזעסן אין רויכער־צימער. אָפּגעזעסן א פארשעמטער, א פאַרצאָקטער, נאָר א זיכערער, אז די אר. ק. ק., וועט באשטימט צומישפּעטן, מע זאָל אים אומקערן צו דער ארבעט, און וויבאַלד ער קומט צום הודאָק און גייט אוועק נאָכן הודאָק, וועט מען אים פאַר די טעג מיסטאָמע באצאָלן.

דענערווירט האט אים נאָר דער געדאַנק, וואס איבער אזא נאַרישקייט זיצט ער פיר טעג אָן ארבעט און דערנאָך וועט מען אים אומזיסט מוזן באצאָלן.

דאָרט, בא זיך אין צעך, האט נאָטע געהערט נאָר דאס געוויש פון דער אייגענער מאַשין, און דאס גרויליקע קוויטשעריי פון די שכיינעס־דיקע באראַבאַן־מאַשינעס; אַהער אָבער, אין רויכער־צימער איז צו אים דערשווימען א פאַרשיידן־שטימיקע מעלאָדיע פון איין גרויסן, פון איין האַרמאָניש־צונויפגעזונגענעם שטאָלענעם כאָר.

אף עטלעכע מינוט פלעגן אייניקע מאשינעס טיילמאָל בלייבן שטיין, און טייקעף ווידער צעהוילן זיך, נאָר אזוי דראָענדיק, אזוי בייז, גלייך זיי פּראָטעסטירן, פאַרוואָס מע שטעלט זיי אָפּ, און דערמיט צוימט מען איין די ברויזנדיקע קראַפט, דעם דאָרשטיקן באַגער צום שאַפן, וואָס יורדט אין זייערע שטאָלענע גלידער.

שטאַרקער פלעגן אופציטערן די שויבן, די ווענט, די אייזערנע טרעפּ, און נאָטען פלעגט זיך דאַכטן, אז די גאַנצע געביידע ווערט פון די מאַשינעס דורכגעפּיבערט מיט א דרייסטער זינגעוודיקער פרייד, און אפילע אין זיין פאַרביטערט געמיט רייסט זיך אריין דיזעלבע פרייד, צווינגט אים זיך מוידע זיין, אז כאָטש ער איז ניט שטענדיק מאסקים מיט אלץ, וואס די קאָמוניסטן טוען אוף, נאָר אָט דאָס, וואס זיי יאָגן זיך וואס גיכער איינצושפאַנען דאס לאַנד אין נייע שטאָלענע רייטוואָגנס, — דאס איז א גרויסער סייכל.

דאָרט, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האט די מאַשין פאַרשקלאַפט דעם מענטשן, און ער פאַרשעלט איר שטאָלענעם געביין, דאָ אָבער, דא, ווערט דער מענטש דער הערשער איבער דער מאַשין, מיט טויזנטער שליסלען וועט מען צעעפענען אירע פאַרבאָרגענע אוצרעס, און צאַפּן פרייד, און צאַפּן אזויפיל כיעס, וואָס ער, נאָטע, און מיליאָנען אזוינע נאָטעס וואָלטן מיט זייערע צען פינגער קיינמאָל ניט געשאַפן אַפילע קיין הונדער־טכיילעק פון דעם, וואס די מאַשין קאָן שאַפן.

וואס איז אָבער די פּולע, דאָרט אויבן דרייען זיך שקיוון, געבויגן צו די מאַשינעס שטייען מענטשן, שטייען שטאָלץ, שטייען זיכער, און פילן און ווייסן, אז אָן זיי וועלן זיך ניט דרייען קיין שקיוון, אָן זיי וועלן ניט זינגען קיין מאַשינעס, און נאָטע, דער אלטער מעיוכעס, דער אַלטער קעמפער, וואס האט אין די צאַרישע צייטן אָנגעפירט מיט אלע שטרייקן פון זיין פאַך, און דער ערגסטער באַלעבאָס האט זיך ניט דערוואַגט אָפּזאָגן אים פון דער אַרבעט, — אָט דעם אַלטן יאַכסן האט מען איצט ארויסגעשפּיגן פון פאַבריק, און א צעקלעמטער, א געהויקערטער זיצט ער דעם פערטן טאָג אין רויכער־צימער, וועקט צו זיך ראַכמאָנעס, מיט סינע און עקל צו זיך הערט ער אויס פון די ארבעטער א זיפצנדיקן מיטגעפיל, און וויפל ער טראַכט, קאָן ער אלץ ניט דערטראַכטן, וואס פאַר א פיזמען קראַצט מען אויס פאַר דעם ווייב, און ווי אזוי זאָגט מען עס די הונדערטער אַרבעטער, וואס קאָנען אים, אז אים, נאָטען, האט מען אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. און ווי אזוי אָפּגעזאָגט, מאַמעש געגנמען פאַרן אויער און אוועקגעשטעלט אין ווינקל אף די קני.

עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט צו אים אַראָפּגיין שעפסל, און זיפצנדיק, אלץ איבערכאַזערן, אז מע האט געדאַרפט מאַכן אַן אַרטעל, און לעכאַטכילע ניט גיין אין פאַבריק:

— ס'דען, פרעג איך דיך, אַן אָרט פאַר א נאַסבראַט? דא האט מען דען אָפּסיי פאַר א גוטן ארבעטער? באָד־גויעם דאַרף מען דאָ, באָד־גויעם, אָבער ניט קיין מיענצן מיט פינגער.

אף אלע זיינע טאַינעס פלעגט נאָטע נאָר צושאָקלען מיטן קאָפּ, קוקן אף אים און כידעשן זיך: אָט די אויסגעדאַרטע בלייכע פּעגירע איז דאָך דאַפּקע אין פאַבריק געוואָרן פרישער, פולער, אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן הויבט אָן פינקלען א ליכטיק פייערל, און פאַרדינט ער שוין נישקאָשעדיק. וואס זשע ציט אים אין א קוסטאַרן־אַרטעל?

אַפן פינפטן טאָג האט נאָטע קוים געפּוילט די קאָנפליקט־קאָמיסיע זאָל מאַכן אַן עקסטרע זיצונג און באהאנדלען זיין פראַגע.

צום דירעקטער אין קאַבינעט אויין זיינען זיך צונויפגעקומען פאַרבמאַן און עטלעכע ארבעטער אלס איידעס, דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם, דער הויפּט־מאַיסטער אלס פאָרשטייער פון דער אדמיניסטראַציע, און פון די ארבעטער — דער שטענדיקער מיטגליד אין דער קאָנפליקט־קאָמיסיע—

דער מאַשיניסט רייכמאַן.— א יונגער שיינער באָכער, וואס איז אמאָל געווען א פּאַרטיזאַן, און ביז איצט קאָן ער זיך ניט שיידן מיטן שינעל, מיט די גאַליפע און מיט דער בודיאָנעווקע.

פון זיין דרייסטן, מאַטן פּאָנים, האט אַראָפּגעווייט א פלאַמב, ענערגיע, און א פּאַרליבטע צופרידנקייט מיט יעדער גליד פון זיין הויכער שלאַנקער פיגור.

רויק, געלאַסן האט נאָטע אָנגעהויבן דערציילן ווי אזוי פארבמאַן האט אים איינגערוימט, ער זאָל יאָגן די ארבעט און ניט לייגן קיין אַכט אף דער קוואַליטעט.

— און איר — איז דער דירעקטער אריינגעפאַלן אין נאָטעס געלאַסענעם טאָן און צוגעמאַכט דאס לינקע אייגל,—איר, אַן אַלטער באַוווסטזיניקער ארבעטער, איר האט אָנגערוקט דאס טויבע היטל, און געניוועצט סכוירע? און ווען ער רוימט אייך איין איר זאָלט סעדיקן די מאַסין?

אף איין רעגע האט זיך נאָטע פאַרלוירן און מיט א צעטומלטן, נאָר קינדעריש אופריכטיקן בליק פאַרקוקט זיך, ווי דער דירעקטער בלעטערט דעם טיש-קאַלענדאַר און פארשרייבט עפּעס אף זיינע בלעטלעך.

— איז עס טאַקע אפּאָנים געווען א גרויסע נאַרישקייט פון מיין זייט, נאָר דעמאָלט האב איך געמיינט, עפשער איז עס אזא סאָרט אַרבעט, ווי מע מעג אביסל אונטערפוצעווען. פאַרדינען ווילט זיך דאָך.

— דאַרף מען קאַליע מאַכן סכוירע? — האט אים איבערגעהאַקט דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם — און דער ארבעטער, וואס וועט קויפן אייער שוך זאָל ניט האבן וואס צו טראָגן?

אין דער פראַגע האט נאָטע ווידער דערפילט א ביטערן עמעס. דאַכט זיך, אזא פראָסטער קלאָרער עמעס, נאָר שטייענדיק בא דער מאַשין, און אונטערכעשבענענדיק יעדן טאָג די פאַרנאָסע, ווילט. זיך גאָרניט טראַכטן וועגן אָט דעם וויכטיקן עמעס. פאַרוואָס זשע? ווייל די צונג רעדט וועגן טויוועס - האַקלאַל און אין דער נעשאָמע, אינעם בלוט ליגט נאָך די דאַלפּנדיקע גייציקייט נאָך א איבעריקן גראָשן פאַרנאָסע?

פון דער פראַגע האט נאָטע פאַרלוירן דעם שנור פון די פריערדיקע געדאַנקען, און פארשולדיקט. פאַרקוקט זיך אפן הויפּט - מאַיסטער.

געזעסן איז דער מאיסטער טיף פאַרזונקען אין קרעסלע, די הענט פאַרפלאָכטן אַפן בויך, די אייגעלעך צוגעשמורעט, און די גראָבע ליפן אזוי

קאַפּריזנע אויסגעשטאַרצט, גלייך איבלדיק איז אים אי די זיצונג, אי נאָטעס געדאַנקען.

אפּאָנים — האט נאָטע א טראַכט געטאָן, אז דער הויפּט־מאַיסטער איז איינגעשלאָפן. נאָר וואס איז דער כילעק, צי שלאָפט ער, צי איז ער וואך? שטימען וועט ער דאָך בעמיילע אזוי ווי דער דירעקטער וויל, און די אדמיניסטראַציע איז קעגן אים. לויט דער פראַגע, וואס אים האט פאַרגעבן דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם, איז צוזען, אז ער וועט אויך זיין קעגן אים, איז דאך טאַקע ביטער און פינצטער.

די רויקייט איז אינגאנצן אויסגעוועפּט געוואָרן פון זיין שטים, און ווייך, געבראָכן האט ער אָנגעהויבן דערקלערן, אז ווען ניט פאַרבמאַנס כיטרע פאָרטעלעך, ווען ניט דעם הויפּט־מאַיסטערס גראָבער באַליידיקנ־דיקער טאָן, וואָלט צו קיין סיכסעך קיינמאָל ניט דערגאנגען, און אויב ער, נאָטע, האט אביסעלע אפילע איבערגעכאפּט די מאָס, איז ער ניט מער ווי א מענטש, און עס טרעפט זיך, אז מע שפּרונגט ארויס פון די האַלאָבליעס.

— אָבער דערפאַר זאָל מען מיך באשטראָפן מיט הונגער?

— וואָס זשע! — האט זיך דער הויפּט־מאַיסטער ווי אופגעכאַפּט פון שלאָף — און נאָטען באשפּריצט מיט שליים, — עפּשער אָנטאָן אייך דערפאַר א קרוין אַפן קאָפּ?

נאָטע האט אָפּגעווישט דאס פאַרשפּריצטע פּאָנים, און צו אים, צו רייכמאַנען, וואס איז געזעסן אַן אָנגעדראָלענער, געביסן די נעגל און פאַרטראַכט געפינטלט, — צו אים האט זיך נאָטע געווענדט מיט א ראַכמאָ־נעסדיקן בליק פון א מענטשן, וואס איז ארומגערינגלט פון אזוינע פאַר־ביטערטע סאָנים, וואס ווילן נאָר דערווייזן, אז ער, נאָטע, איז א נידער־טרעכטיקער נעפעש, און מע מוז זיך אין אים נויקעם זיין.

— געענדיקט? — האט אים רייכמאַן געפרעגט בייסנדיק די נעגל, — פאַרבמאַן! וואָס ווייסט איר וועגן דעם איניען?

אין פאַרבמאַנס לויפנדיקע אייגעלעך האט זיך ווידער צעשמייכלט דאס כיטרע פיקסל, און קוקנדיק די גאַנצע צייט אַפן דירעקטער, האט ער אָנ־געהויבן לייקענען שטיין אוןביין. אים, א מענטשן, וואס איז מיט לייב און לעבן פאַר דער פראָלעטאַרישער פלאַצפאָרמע און פאַר קוואַליטעט, — אים קאָנען גאָרניט קומען אף זינען אזוינע געדאַנקען. און די גאַנצע

מאַיסטע מיט יאָגן די ארבעט, איז ניט מער ווי נאָטעס אַן אויסטראַכ־טעניש.

— אז ס'איז דאָך קיזעוו וועשעקער — איז נאָטע צוגעשפרונגען און מיט צוויי פינגער אָנגעהויבן קלאַפּן אין ברעג טיש — איך שווער אייך בא מיינע קינדער, אז ער לייגט.

— אזוי? איך וועל לייגן?

— ווי א הונט לייגט איר, ווי א הונט.

— בארויקט זיך, נאָטע — האט רייכמאַן אנגעהויבן קלאַפּן מיטן בלייַ־שטיפט אין גראַפין — בארויקט זיך, פאַרבמאַנס צידקעס און זיינע פלאַצפאָרמעס ווייסן מיר זייער גוט. פארבמאן! אָפּגעדאַרשנט?

— וואס איז דאס פאַר א באציונג צו אַ איידעס? — איז דער דירעקטער אופגעבראַכט געוואָרן. — וואס איז דאס פאַר א טאָן!

— דאָרט, אף דער פאַבריק, ווו איר זייט דער פאַראַנטוואָרטלעכער — האט אים רייכמאַן אראָפּגעזעצט, — דאָרט וועט איר לערנען מיט וואָסער טאָן צו ריידן. אָבער דא זיינען מיר אין איינע רעכט מיט אייך, און איך בעט אייך ניט שטערן די זיצונג. פאָרזיצער בין איך און ניט איר. כאַווײרים ארבעטער! זייט זיך מאטריעך דערציילן, וואס איר ווייסט וועגן דעם איניען.

פון דעם אָפּשניט, וואס פאַרבמאַן און דער דירעקטער האבן אריינגע־כאַפּט, איז נאָטע געוואָרן אופגעלעבטער, און אָנגעהויבן גלויבן, אז נאָכ־דעם ווי די ארבעטער וועלן דערציילן, ווי אזוי דער סקאַנדאַל איז פאָר־געקומען, וועט מען אים באשטימט אומקערן צוריק צו דער מאַשין.

איין אַרבעטער נאָכן צווייטן איז אָבער צוגעגאנגען צום טיש, מיט אומרויקע בליקן געקוקט דאס אַפּן דירעקטער, דאס אַפּן הויפּט־מאַיסטער, און געדרייט, אז א קריגעריי איז יאָ פאָרגעקומען, נאָר צי נאָטע האט געשאָלטן דעם הויפּט־מאַיסטער, צי ער, נאָטען, — דאס האט מען אין גערויש פון די מאַשינען ניט געהערט.

— פונקט דעמאָלט זיינען בא אייך פאַרלייגט געוואָרן די אויערן? — האט רייכמאַן גיפטיק איבערגעפרעגט — הא! דערשראָקן זיך פאַר דער אדמיניסטראַציע, און איר דרייט מיטן צונג ווי א הונט מיטן וויידל. נאָטע און אלע איידעס, זייט זיך מאַטריעך פאַרלאָזן דאס צימער.

ווי נאָר די אַרבעטער זיינען ארויס פון צימער, האט זיך דער דירעק־טער א ריס געטאָן פון בענקל און מיט באשוימטע ליפּן צעשריען זיך אף רייכמאַנען:

— מיר ראַנגלען זיך, קעדיי צו באפעסטיקן דעם אווטאָריטעט פון דער אדמיניסטראַציע, ווערסטו פרומער פונעם פויפּסט, און העצסט די אַרבע־טער, און ווילסט דערמיט אראָפּרייסן די דיסציפּלין! ווען מיר ריידן בא א פּאַרטיי־געריכט.

— און איך וועל דיך צווינגען דערמאנען זיך, אז דו ביסט א דירעק־טער אף א סאָציאַליסטישער פאבריק. יאָ, יאָ, איך וועל דיך צווינגען.

— דו? איך לאַך פון דיר, זאָגן פון אַלע אייערע באשליסן. טאָן וועל איך דאס, וואָס עס פאָדערט די פּראָדוקציע, און ביכלאַל — איז ער פּלוצלינג אָנגעפאַלן אַפּן פאַרזיצער פון זאווקאָם — וואָס זיצסטו ווי א ליימענער גיילעם? וואס סווייגסטו? ביסט א פאָרזיצער פון זאווקאָם, צי א לעמעסקע?

— וואס האב איך וואס צו ריידן — האט ער קאַלטבלוטיק געענט־פערט — פאַראַן אַ אינסטרוקציע, אז די, וואס רייסן אונטער די דיסציפּלין, דאַרף מען ארויסוואַרפן, צו וואָס זשע איז דער גאַנצער פּילפּל?

רייכמאַן האט אף אים דורכדרינגלעך א קוק געטאָן און צעלאַכט זיך:

— גיב זיך נאָר אַ טאַפּ, צי לעבסט נאָך, צי ביסט אַליין פארוואנדלט געוואָרן אין א אינסטרוקציע.

צוויי שאָ איז נאָטע געזעסן אין קאָרידאָר און נאָר געהערט ווי אין קאַבינעט קומט פאָר אַ הייסער וויקועך.

טייל מאָל פלעגט ער אַף די שפּיץ פינגער צוגיין צום טיר, כאַפּן אַ פּאָר ווערטער, אַ פאַרשעמטער פאַרן אונטערהערן וידער אוועקשפּאַנען איבערן קאָרידאָר, און באַשולדיקן זיך אין נידערטרעכטיקייט.

אלע צעכן האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אַפּן אורטייל און צענדליקער מאָל אַראָפּגעשיקט דערוויסן בא נאָטען, ווי סע האלט. נאָר דער וויקועך איז אַלץ געגאנגען.

אַ הייזעריקער האָט דער דירעקטער געשריען, אַז אויב מע וויל פאַר־שטאַרקערן דעם אַווטאָריטעט פון דער אַדמיניסטראַציע, אויב מע וויל איינפירן אַ שטרענגע דיסציפּלין פאַר אַלע ארבעטער, מוז מען נאָטען אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, כאָטש ער איז עפשער גאָרניט אַזוי שולדיק.

מיט אזא אויספיר האָט רייכמאַן לאַכלוטן ניט איינגעשטימט, און גע־פאָדערט, מע זאָל נאָטען געבן נאָר א שטרענגן אויסרייד, און דערמיט באַנוגענען זיך:

— נו, און דו וואָס זאָגסטו? — האָט ער זיך געווענדט צום פאָרזיצער פון זאַווקאָם.

— איך האָב שוין געזאָגט, פאַראַן אַ אינסטרוקציע און אַ סאָף.

אַ בייזער האָט רייכמאַן אַ שליידער געטאָן דעם בליישטיפט, עטלעכע מאָל דורכגעשפאַנט זיך איבערן קאַבינעט, און פאָרט געזעצט זיך שרייבן די רעזאָליוציע:

— ערסטן, — האָט אים דער דירעקטער אָנגעהויבן דיקטירן — און דאָס פאַפּיר איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ היסטאָריש־סאָציאַלאָגישן אַנאַליז וועגן דעם אופבויונגס־פּעריאָד אין דערווירטשאַפט, וועגן די הונדער־טער נייע ארבעטער, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן, אַרבעטער אָן אַ רעוואָליוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט און אָן אַ פּראָלעטאַרישער אויס־געהאַלטנקייט. און אַזוי ווי דיסציפּלין איז איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַרן אַרבעטער־קלאַס, און ער, נאָטע, דער אַלטער ארבעטער, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע, ער האָט דיסקרעדי־טירט די אַדמיניסטראַציע, און דערמיט אונטערגעריסן די דיסציפּלין, דע־ריבער ווערט ער אָפּגעזאָגט פון דער פאַבריק.

די רעזאָליוציע האָט נאָטע אויסגעהערט רויק. און נאָר באַם לעצטן פּונקט האָט ער מאָדנע אַ וויג געטאָן מיטן אַקסל, און ווי דורך טרערן פאַרביטערט צעשמייכלט זיך:

— צו וואָס זשע איז געווען דער גאַנצער אָנשטעל מיט אַ זיצונג, מיט איידעס? געקאָנט לעכאַטכילע זאָגן, אַז ס'איז בא אייך יאַד־אַכעס מיט דער אַדמיניסטראַציע, וואָלט איך געוווּסט, אַז איך ליג מיטן קאָפּ אין דר'ערד.

— דער סאָף איז גוט — האָט זיך דער דירעקטער באַליידיקט, גלייך ער איז געווען זיכער, אַז נאָטע וועט שטאַרק, שטאַרק באַדאַנקען פאַר דער רעזאָליוציע.

ווי נאָר נאָטע איז ארויס פון פאַבריק־הויף, האָט אים אַ זאַווערוכע פּראָסטיק אַריינגעשפּיגן אין פּאָנים, און מיט אַ פאַרקלעמט הארץ אַוועק איז ער, וווהין די פאַרגלעזטע אויגן טראָגן.

אויס אַרבעט, אויס פאַבריק, אויס פּאַרנאָסע.

דאָ, אין שטאָט, זיינען קיין שוך־פאַבריקן מער ניטאָ. די גאַרבעריי איז געשלאָסן, וועט ער אַ גאַנץ ווינטער מיט ווייב און פינף קינדער לעבן פון דער שטיצע אַלס אַרבעטלאָזער?

איבער אַלע זיינע גלידער איז דער געדאַנק אָוועקגעקראָכן ווי אַ קאַל־טער שטעכעוודיקער יאָזש, אויפגעלעבט די בילדער פון די אַמאָליקע צייטן בעאייס שטרייקן, אָדער אַרבעטלאָזיקייט, און באַפאַלן איז אים אַן אָנ־שאָנעסדיקער פאַרלאַנג ווערן זיך, קלאַפּן אין אַלע טירן, אַפּעלירן צום פּראָפּאַריין, און ער, דער פּאַריין, ער מוז אים און וועט אים באַשיצן.

נאָר שפּאַנענדיק אַף די טרעפּ אין פּאַריין אַריין, האָט ער דערזען אַראָפּגיין דעם דירעקטער, און פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, אַז דער דירעקטער איז שוין מיסטאָם געווען אין פּאַריין און אונטערגעשטעלט אים אַ בענקעלע.

— ע, נאַרישקייט — האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן — מיסטאָם איז ער דאָ געווען וועגן אַן אַנדער איניען.

די אויסגעצויגענע פּיס פאַרפלאָכטן איינע אַף דער צווייטער, די הענט פאַרוקט אין די אַרבל, אַן אָנגעפעלצטער איז דער פּאָרזיצער ווי געלעגן אין דער קרעסלע, און דיקטירט דער מאַשיניסטקע אַ צירקוליאַר.

די גאַנצע צייט, וואָס נאָטע האָט אים דערציילט דעם איניען מיטן הויפּט־מאַיסטער, און וועגן דעם באַשלוס פון דער קאָנפליקט־קאָמיסיע, האָט דער פּאָרזיצער אַפילע ניט אַ קוק געטאָן אַף נאָטען, און געפלייסט זיך מיט איין מויל־ווינקל דיקטירן דעם צירקוליאַר און אין צווייטן מויל־ווינקל איינצייטיק האַלטן דעם רויכערדיקן פּאַפּיראָס.

ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט זיך אָן טיש, און מיט אַ בייזן בליק איינגעשטאָכן זיך אין נאָטעס פּאָנים:

— מיר פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר קוואַליטעט, פאַר דיסציפּלין, און אַז מע פאָדערט עס פון אייך, מאַכט איר אַ כאַי און דיסקרעדירט די אַדמיניסטראַציע? איר, אַן אַלטער אַרבעטער, סאָלידאַריזירט זיך אַף אַזאַ אויפן מיט אונדזערע ערגסטע סאָנים! אַנטשולדיקט, אַזוינע מיטגלידער וועט דער פּאַריין ניט פאַרטיידיקן.

דער פּאָרזיצער, די מאַשיניסטקע, די טינטפלעקן אַפן גרינעם טיש, אַלץ האָט זיך פאַר נאָטען צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן פלעק, אַרויסגעשטויסן אים פון צימער און האַסטיק אַראָפּגעיאָגט פון די טרעפּ.

— פֿאַרטיק — האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, גלײַך אָקאָרשט האָט ער אָפּגעטאָן דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט און איצט איז אים אַראָפּ אַ לאַסט פֿון די פּלײצעס:

אויס פֿאַבריק, אויס פּאַרנאָסע, און אַזוינע וועט דער פּאַריין ניט פֿאַרטײדיקן.

פֿון די גאַנצן האָט די זאָווערויכע אַרויסגעקערט די מענטשן, און בײַ די לעצטע עטלעכע נאָוועגאַדניקעס אַראָפּגעריסן פֿון די קעפּ די שליאַפּעס, געקראָכן צו די פּרויען אונטער די קליידלעך און אַזעסדיק געיאָגט אין האַלדז און נאַקן.

אַ דערפֿרוירענער, אַ פֿאַרשנײטער, איז נאָטע אַ פּאָר שאָ אומגעגאַנגען פֿון גאַס צו גאַס און אַלץ איבערגעכאַזערט דעם פֿאַרזיצערס וואָרט „אַנטשולדיקט".

עפּעס איז דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין זיין מויעך ווי אַ פֿאַרשאַווערטער צוויאַק און אַלץ געעגבערט.

מאָדנע: פֿון פֿאַבריק וואַרפֿט מען אים אַרויס, זיין ווייב און קינדער לאָזט מען אָן ברויט, און דערצו גאָר אַזאַ העפֿלעך וואָרט „אַנטשולדיקט".

אינאָוונט איז ער אַריין אין קלוב און ביז האַלבער נאַכט אָפּגעזעסן בײַ אַ מוטנער גלאָז טיי, אַלץ געמישט מיטן לעפֿעלע אין גלאָז און פֿאַרטראַכט געשמייכלט צו זיך אַליין.

געווען איז אינעם שמייכעלע געפֿאַלנקייט, טרערן, גרויל און גאַליקער כויזעק פֿון זיך אַליין.

ערשט דאָ, אין קלוב, האָט ער אָנגעהויבן באַנעמען זיין עמעסע לאַגע: מע האָט דאָך אים ניט אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט, נאָר אַרויסגעוואָרפֿן אַלס כוליגאַן, וואָס שטערט דער ווירטשאַפֿט, אַרויסגעוואָרפֿן אַלס „אַנטי־פּראָלעטאַרישן עלעמענט", וואָס סאָלידאַריזירט זיך אַף אַזאַ אויפֿן מיט אונדזערע ערגסטע סאָנים. ער, נאָטע, „סאָלידאַריזירט זיך!" וואָס זשע טוט זיך דאָ? צי ער איז מעשוגע, צי זיי זיינען כאָסער־דייע? מיט אַזאַ וועלפֿישן בילעט איז ער דאָך פֿאַקטיש אויסגעשלאָסן פֿון דער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט, און וווהין וועט ער גיין? וואָס פֿאַר אַ נאַרישער דירעקטער וועט אַריינעמען אין פֿאַבריק אַ מענטשן מיט אַזאַ אַטעסטאַציע?

טייל מאָל פֿלעגט ער זיך אומרויק אומקוקן, צי מע הערט ניט זיינע געדאַנקען.

דער קלוב איז שוין אָבער געווען פוסט. ערגעץ אין די זייטיקע צי־מערן האָבן אַ פּאָר קרייזלעך נאָך געלערנט, און באַם בופעט האָט גע־שנאָרכעט אַ באַיאָרנטע פרוי, נאָר געשנאָרכעט אזוי שווער, גלייך זי וויל מיט דער נאָז אויספּאָמפּען די גאנצע אָנגערויכערטע לופט פון קלוב.

נאָך האַלבער נאַכט איז ער געקומען אַהיים און געטראָפן וואַך דאָס ווייב.

— נו, ווו בלאָנקעט מען עס אַרום אַ גאנצע נאַכט אַ הונגעריקער?

— באַ אַ ליובאָוויצע, — איז ער בייז געוואָרן — באַ א ליובאָוויצע — און אַוועקגעקראָכן אונטערן בעט זוכן דעם פאַרטעך.

— אָך און ווײ איז שוין צו יענער קליפּע, וואָס יאָגט זיך נאָך אַזאַ ביסן. וואָס זשע געאַרבעט, צי וואָס?

— געווען אין פאַבריק אַ וויכטיקע פאַרזאַמלונג. — האָט ער אָפּגעהאקט אַ ליגן, אָנגענומען אַ מויל וואַסער און אָנגעהויבן באַשפּריצן דעם צו־נויפגעקנייטשטן פאַרטריקנטן פאַרטעך.

אין זיין בלייך פּאָנים, אין זיין צעטראָגענעם בליק האָט זי אָבער דורכגעלייענט אַ שווערע זאָרג, און מיט אומרו איז זי צוגעשטאַנען, ער זאָל איר זאָגן פאַר וואָס איז ער היינט אזוי צעפּאָרן.

— עפּעס געשעען?

— וואָס געשעען, ווען געשעען. וואָס, פרעג איך דיך, שטייסטו צו ווי אַ פּיאַווקע און טאַטשעסט!

ביז נאָטע האָט ניט אויסגעגלעט דעם פאַרטעך, איז זי געשטאַנען אינ־מיטן שטוב, אָוולדיק פאַרלייגט די הענט אַף דער אויסגעטריקנטער ברוסט, ווײמוטיק געקוקט אַף נאָטען, און פאַרזאָרגט צוגעהערט זיך, ווי די זאַ־ווערוכע האָט אָפּגעריסן אַ האַלבן לאָדן און פּאַטשט מיטן לאָדן איבער די אַלטע שטיינערנע באַקן פונעם הייזל, פּאַטשט פאַראַקשנט, בייז, און אומבעראַכמאָנעסדיק, גלייך די זאַווערוכע וויל זיך נוקעם זיין אינעם הייזל, פאַר וואָס דאָס איז נאָך ביז איצט געבליבן ווי אַ פאַרדאַרטער, קרעציקער אָנדענק פונעם אַלטן פאַרשטאָרבענעם פינצטערן לעבן.

## VIII

צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער איז נאָטע געקומען צו דער פאַבריק פונקט צום הודאָק, געקומען מיט אַ האָפענונג, אַז עפּשער וועט מען אינאַך איבערקוקן דעם באַשלוס, און אויב ער וועט זיך דרייען פאַר די אויגן,

וועלן זיך די אַרבעטער אַריינמישן, און דערמיט צווינגען די אַדמיניסטראַ־ציע, מע זאָל אים פּאָרט אומקערן צו דער אַרבעט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער ניט צוגעמאַכט קיין אויג, אַלץ געבויט פּלע־נער ווי אַזוי ער וועט זיך ווענדן צו די אַרבקאָרן, צו די מער אַוואַנ־גאַרדיטע אַרבעטער, און זיינס וועט ער זיך פּאָרט דערשלאָגן. נאָר אין פאַבריק אַריין האָט אים שוין דער וועכטער ניט אַריינגעלאָזט.

אַ דערפרוירענער, אַ פאַרביטערטער איז ער אַ שאָ דריי אומגעגאַנגען איבערן הויף, געריבן די אויערן, געפּאַטשט מיט די הענט איבער די אַקסל און אַלץ אַרויסגעקוקט, צי סע גייט ניט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאַמערל.

אַף אים, אַפן סעקרעטאַר, איז געווען זיין לעצטע האָפענונג און זיין לעצטע זיכערקייט, אַז באַשיצן וועט ער אים באַשטימט.

זייגער צען איז דער סעקרעטאַר געקומען, און נאָטע איז צו אים צו־געשטאַנען, ער זאָל זיך אַריינמישן אינעם איניען און ראַטעווען אים פון דעם ביזאָיען.

— איר פאַרשטייט, וואָס הייסט באַ היינטיקע צייטן אָפּגעזאָגט ווערן פאַר אונטערייסן די דיסציפּלין, דאָס הייסט דאָך קוילענען אָן אַ מעסער.

— נו יאָ, פאַרשטיין פאַרשטיי איך, אַוואַדע פאַרשטיי איך עס זייער גוט, נאָר צו מיר געהער דאָך בלויז פּאַרטיי־איניאָנים. אָבער אין אַדמי־ניסטראַטיווע פראַגן מיש איך זיך ניט, און מע וועט מיך ניט הערן. דע־ריבער רעדט זיך בעסער אַליין דורך מיטן זאַווקאָם, צי עפּשער טאַקע מיטן דירעקטער.

גאָרניט קיין נאַרישע אייצע — האָט נאָטע אַ טראַכט געטאָן, — אָנגעוויזן טאַקע פונקט דעם עמעסן אַדרעס. און צושפּאַרנדיק זיך מיטן קריזש צום אייזערנעם פּאַרענץ פון אַריינגאַנג, איז ער אָוולדיק געבליבן שטיין און אַלץ געטראַכט, אַז קיין אַנדער ברייירע ווי נאָר אַראָפּצופּאָרן אין די בער־דיטשעווער גאַרבאַרניעס זוכן אַרבעט, איז פּאָרט ניטאָ. נאָר וואָס זאָל ער פאַרקויפן פון זיין באַלעבאַטישקייט, קעדיי צונויפשלאָגן אַף הויצאָעס? הא! וואָס אַן ערעך? האָט ער מיטן פרעגנדיקן בליק נאָכגעקוקט ווי רויק, גלייכגילטיק דער סעקרעטאַר שפּאַנט אַף די טרעפּ — דעם דאַלעס מיינעם זאָל איך פאַרקויפן?

דער סעקרעטאַר איז אָבער אַוועק ניט צו זיך אין צימער נאָר צום פּאָרזיצער פון זאַווקאָם.

אין אַ גרויסן לעדערנעם פּאָטעל איז דער פּאָרזיצער געזעסן איינגע־נורעט און געטראַכט. די בלאָנדע ניט־ראַזירטע הערעלעך האָבן באַשפּריצט זיין פּאָנים ווי מיט געלן ברוד, און אין דער לעדערנער קורטקע, אינעם לעדערנעם קאַרטוז האָט ער אויסגעזעען ווי אַ פאַרזשאַווערטער בולדאָק אַ פּאַרוקטער אין א לעדערנער קאַבורע.

— הער נאָר — האט זיך צו אים דער סעקרעטאַר געווענדט — אַף דער נעכטיקער זיצונג פון אר. ק. ק. מעקויעך נאָטעס איניען ביסטו געווען ?

— געווען.

— איז זאָג זשע מיר נאר, צו וואס, כאכאָמים, ציט ער עס אָן אַזוי די סטרונע, זי זאָל פּלאַצן ?

— פאַראַן אַ אינסטרוקציע.

— און צו וואס איז פאַראַן א קאָפּ אף די פּלייצעס ?

עפּעס האט דער פּאָרזיצער אָנגעהויבן מאָדנע פינטלען, גלייך דער סעקרעטאַר האט אים דערמאָנט אַזוינס, וואס איז אים לאַנג שוין אַרויס פון זינען.

— און א קאָפּ, פרעג איך דיך, צו וואס טראָגסטו, קעדיי אין אלץ נאָכטאַנצן דער אַדמיניסטראַציע !

— אָבער די אינסטרוקציע, די אינסטרוקציע ?..

— די אינסטרוקציע איז א מיטל צו דערציען אָבער ניט צו שליידערן פון פאַבריק. מיט אַ וואָך ליידיק גיין איז ער באַשטראָפט געוואָרן, גענוג. ער איז ניט קיין ייִנגעלע, און ער וועט עס אַף לאַנג פארגעדענקען. זיי זיך מאטריעך געפינען אן אויסוועג, ווי אַזוי אומצוקערן אים צו דער אַרבעט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ האט ער נאָטען געטראָפן נאָך שטייענדיק פאַרטראַכט, פון ווייטיק איז זיין פּאָנים געווען געפאַלבט און די פאַר־טרויערטע אויגן געווענדט אין דער שנייאיקער פוסטער ווייט.

פארבייגייענדיק האט ער נאָר דערפילט אַף זיך נאָטעס בליק, און דער־הערט אַ פאַרשטיקטן שווערן זיפץ. נאר ניט ער צו נאָטען, ניט נאָטע צו אים האבן זיך ניט געווענדט.

פון מיטן הויף האט ער זיך אומגעקערט און פאָרגעלייגט נאָטען, ער זאָל זיך דורכשמועסן מיטן פּאָרזיצער פון זאַווקאָם.

— איך, פֿאַרשטייט איר מיך, בין דאָך ניט מער ווי אַן אגיטפּראָפּ, און דער זאַווקאָם איז מעכּויעוו מישן זיך, איז פֿאָלגט מיך, זייט זיך מוידע, אז איר זייט טאַקע שולדיק, און מיסטאם וועלן זיי געפֿינען אַן אויסוועג אָן מיר.

— אָבער אז מע לאָזט מיך ניט אַריין אַפֿילע אין פֿאַבריק!

— נו, דאָס איז אַ קלייניקייט — און באַפֿוילן דעם וועכטער מע זאָל נאָטען אריינלאָזן.

א מינוט פֿינף איז ער אַלץ אומגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר און ניט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס זאָל ער זאָגן דעם פּאָרזיצער. זיך אַליין באַשולדיקן, בעטן מעכילע, קליאַנטשען מיטגעפֿיל, שנייצן די נאָז און שמירן דאָס אייגענע פּאָנים? צי פּרוּוון זיך רעדן שטאָלץ און מיט זעלבסטווירדע, ווי ער, נאָטע, איז פֿון אַלע מאָל געוווינט געווען? נאָר ארייַנגייענדיק צום פּאָרזיצער, האָט ער פּלוצלינג פֿאַרלוירן זיין גאַנצע שטאָלץ און ווידער דערפֿילט אין זיך אַן עקל, א פֿאַרביטערטע סינע צו מענטשן, וואָס האָבן די רעכט צו באַשטראָפֿן און צו באַגנעדיקן.

דערזעענדיק דעם פּאָרזיצערס קאַלטן בליק האָט זיך נאָטן אויסגעדאַכט, אז באַלד וועט ער דערהערן פּונקט דעמזעלבן: „אַנטשולדיקט, איר סאָלידאַריזירט זיך אַף אַזאַ אויפֿן מיט די ערגסטע סאָנים, און אַזוינע וועלן מיר ניט פֿאַרטיידיקן", נאָר גראד איצט האָט ער זיך טויע געווען.

לעכאַטכילע איז דער שמועס געווען א שטרענגער, אַן אָנגעצויגענער, לעסאָף איז מען געקומען צום באַשלוס, אז מיטאָגצייט שטעלט מען די פֿראַגע אַף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע אַרבעטער, ער, נאָטע, איז זיך מוידע און מיסוואַדע, אַז ער איז געווען אומגערעכט, ניט טאַק־טיש סאַי בענויגייע דעם הויפּט־מאַיסטער, סאַי בענויגייע דעם דירעקטער, און אויב די אַרבעטער וועלן באַשליסן אומקערן אים צו דער אַרבעט, אַנולירט מען דעם באַשלוס פֿון דער אר. ק. ק.

ביז מיטאָג איז געבליבן צו וואַרטן נאָר איין שאָ. נאָטען האָט זיך אָבער אויסגעדאַכט, אז מע האָט איינגאַנצן פֿאַרגעסן געבן א הודאָק אַף מיטאָג, אָדער דער מיטאָג איז פֿאָרגעקומען פּונקט דעמאָלט, ווען ער איז געזעסן באַם פּאָרזיצער, און איצט וועט ער מוזן וואַרטן ביז מאָרגן.

די גאַנצע צייט איז ער אומגעגאַנגען איבער דער קיך און מיט פֿריי־דיקן אומגעדולד געוואַרט אַפֿן הודאָק. נאָר אַז די אַרבעטער האָבן זיך

אַ לאָז געטאָן אין קיך אַריין און ס'איז געוואָרן אַ געטומל, אַ יאָגעניש, וואָס גיכער באַקומען דעם מיטאָג און פריער פאַרכאַפּן אַן אָרט באַ די טישן, פּונקט דעמאָלט איז נאָטע באַשלאָגן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס און דערפילט, אַז סע ציטערן אים העגט און פיס.

— כאַווײרים! — האָט זיך צו די אַרבעטער געווענדט דער פּאָרזיצער פון זאַוקאָם און דערציילט ווי אַזוי דער סיכסעך איז פאָרגעקומען, וואָס די אַר. ק. ק. האָט באַשלאָסן, און אַזוי ווי נאָטע איז זיך מודיע, אַז ער איז טאַקע שולדיק און ער בעט מעכילע, איז זאָל די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג באַשליסן, אָפּזאָגן אים, צי אומקערן צו דער מאַשין.

— געדאַרפט די כאַכמע פריער טאָן — האָט שפּערלינג אַ בורטשע געטאָן — און ניט צאַפּן קיין בלוט פון אַן אַלטן אַרבעטער.

— הערסט א מאַיסע — האָט זיך הילכיק צעלאַכט האָבערמאַן דער אַרבקאָר, — ווען וואָלט דאָס געקאָנט געמאָלט זיין, ווען באַ אונדז איז פאַראַן א זאַווקאָם, אָבער אַז אין זאַוקאָם זיצן באַ אונדז זאָלט איר מיר מויכל זיין...

אין קיך איז געוואָרן אַ געלעכטער, און פון די רעפּליקעס, פונעם געלעכטער איז נאָטע מונטערער געוואָרן און גענומען אַ וואָרט:

— כאַווײרים! מיין לאַגע צווינגט מיך נעמען אַף זיך די שולד, זי צווינגט מיך — האָט ער מיטן פויסט אָנגעהויבן קלאַפּן זיך אין ברוסט.

די גאַנצע צייט איז דער דירעקטער געשטאַנען מיט העגט פאַרוקט אין די הויזן־קעשענעס און מיט אַ צוגעמאַכט לינק אייגל געקוקט דאָס אַף די אַרבעטער, דאָס אַף נאָטען.

— אַזוי גאָר? — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען. — מיר הייסט עס, זיינען עס די גאַזלאָנים און נאָטע איז גאָט די נעסאָמע שולדיק, ניט מער, וואָס די לאַגע צווינגט אים? — און אַוועק, און אַוועק, האַלב אַף יידיש, האַלב אַף רוסיש אָנגעהויבן דערווייזן ווי נויטיק עס איז די דיסציפּלין אין דער פאַבריק, ווי נויטיק עס איז דער אווטאָריטעט פון דער אדמיניסטראַציע, און ווער עס רייסט אַרונטער דעם אַווטאָריטעט, דער איז אַ סוינע פון דער דיסציפּלין און מוז אַרויסגעשליידערט ווערן. נאָר וואָס היציקער ער האָט גערעדט, אַלץ אָפטער איז מען אין זיינע רייד ארייננגעפאָרן מיט שטעכווערטלעך, און ער — אַ צעהיצטער, אַן אופּ־גערייצטער פון די שטעכווערטלעך, איז איבערגעשפּרונגען פון טעמע צו

טעמע, דאָ ניט דערווייזן, דאָרט ניט דערזאָגט, אַלץ געאיילט זיך, געשלונגען די ווערטער, ביז דער הודאָק האט אופגעליאַרעמט און די אַרבעטער זיינען זיך צעגאַנגען מיט אַ באַשלוס, באַלד נאָך דער ערשטער וואַכט ווידער פאָרזעצן די פארזאַמלונג.

— נו, וויכהאַרציקער באַליויסער — איז דער דירעקטער צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר פון קעמערל און אים אַ שטאָך געטאָן, — געהערט? די לאַגע צווינגט אים, האָסט טאַקע געדאַרפט איינסטעלן זיך פאַר אַזאַ סקלאָצניק. איצט וועט יעדערער האבן די האָזע שפייען דער אדמיניסטראַציע אין פאָנים.

— און דו רעכנסט אַפאָנים, אַז די גראָבע בייטש, וואָס דער הויפט־מאַיסטער ווענדט אן, איז טאַקע דער בעסטער מיטל איינצופירן דיסציפלין? די־רעק־טער! פאַרגעס ניט ווער ס׳האט דיך אַהער געשיקט און צוליב וואָס.

פון דער אָנצוהערעניש איז ער געוואָרן אָנגעבלאָזן, אַ לאַנגע צייט אומגעשפאַנט און אַלץ געטראַכט וועגן זיין לאַגע אלס דירעקטער:

די אַרבעטער קוקן אַף אים קאָסע. קומט ער אין פאַרטיי־קאָמיטעט מיט אַן אַרבעטער־איניען, איז אלע מאָל שטעכט מען אים מיט איין און דעמזעלבן ווערטעלע: „א, דיווירטשאַפטלער, מיר וויסן זיי״; דאָ איז מען צו אים אָנגעצויגן, דאָרט איז מען צו אים פאָרזיכטיק; פאַר די אַרבעטער קאָן ער ניט יויצע זיין, אין פאַרטיי־קאָמיטעט קאָן ער ניט יויצע זיין. עפעס איז ער שטענדיק צווישן צוויי פייערן, שטענדיק פאָדערט מען פון אים, און מע בינדט אים די הענט, שטענדיק לאווירט ער, און סאָפקאָלסאָף זיינען אַלע אומצופרידן מיט אים. ווו זשע איז דער אויסוועג? ניט באַפעסטיקן דעם אַווטאָריטעט פון דער אַדמיניסטראַציע, וועט אין פאַבריק ניט זיין קיין דיסציפלין, דערצו נאָך יאָגט מען אים אין האלדז און נאַקן, ער זאָל פאַרגרעסערן די אויסאַרבעטונג, פאַרבעסערן די קוואַליטעט, פארביליקירן דאָס אַרטיקל, און ווי נאָר ער הויבט אָן פאַרדרייען די האַיקע, צינדן זיך אָן די אַרבעטער, גוואלדעווען די אַרבקאָרן, דריקט דער פאַריין, און ס׳בלאָזט זיך דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קעמערל. וואָס זשע פאַר אַ מיטל־פונקט געפינט מען פאָרט?

פונקט ווי דער דירעקטער איז א פאַרטיפטער אומגעגאַנגען איבערן קאַבינעט, פונקט אַזאַ פאַרטיפטער איז נאָטע געלעגן אַף א באנק און אויך געזוכט אן אויסוועג.

איצט איז אים שוין קלאָר געווען, אז דער אויסדריק „די לאַגע צווינגט מיך נעמען די שולד אַף זיך", — פון אָט דעם אויסדריק איז אופגעבראַכט געוואָרן דער דירעקטער, דער זאַווקאָם, מיסטאם אויך דער סעקרעטאַר פון קעמערל, און ווארשיינלעך וועלן זיי ווידער אָנהויבן די אַטאַקע, און צו דער אַרבעט וועט מען אים סאָפקאָלסאָף ניט אומקערן.

ווי זשע האט ער אַנדערש געקאָנט זאָגן, טאַקע מוידע זיין זיך, אַז ער איז שולדיק אין אומדיסטיפלינירטקייט? נאָר פאַר וואָס איז ער מעכוייעוו זיין דיסטיפלינירט אַף אלע הונדערט פראָצענט און דער מאַי־סטער מעג אים שפייען אין פאָנים, אַז ער איז אַ קאַליקע, א טויגעניכץ און באַקומט אומזיסט געלט?

אין דער קוסטאַרנער גארבער־פאַבריק וואָלט א מאַיסטער אויך דער־לויבט זיך רעדן מיט אַזאַ טאָן? דאָרט אין דער גארבעריי וואָלט אַ דירעקטער אויך דערלויבט זיך הייסן אים אַראָפּגיין אין רויכער־צימער, פונקט ווי מע הייסט א קינד גיין שטעלן זיך אין ווינקל? צי עפשער דאָ אַף דער עמעסער פאַבריק, דאָ דאַרף מען גאָר אַן אנדער דיסטיפלין, אַן אַנדער אויסגעהאלטנקייט? דאָ דאַרף דער אַרבעטער קאָנען אי גוט אַרבעטן, אי זיין געהארכזאם, טאַקטיש, און פאַרשווייגן דאס פערזענלעכע לעטויוועס דעם אַלגעמיינעם? נאָר פאַר וואָס זשע קומט דער אַדמיני־סטראַציע מערער רעכט ווי די הונדערטער נאָטעס? פאַר דער פאבריק זיינען דען די אַרבעטער ווייניקער פאראנטוואָרטלעך ווי די אדמיניסטראַ־ציע? פאַר וואס זשע קומט זיי די רעכט צו באַשטראָפן און באַגנעדיקן?

מיט די געדאַנקען איז ער אָפּגעלעגן ביזן הודאָק און קיין אויסוועג דאָך ניט געפונען.

פול געוואָרן איז די קיך מיט געפּלאַפּל, מיט רויך און מיט גרייטקייט אַף א דרייסטער היציקער אַטאַקע.

עטלעכע גרופּקעס האט באַאַרבעט שפערלינג, און האָבערמאן איז אומגעלאָפן פון טיש צו טיש, פון גרופּע צו גרופּע און געהעצט:

— רייבט א כאַלקע, רייבט, כעוורע, אי דעם דירעקטער, אי דעם זאַוו־קאָם. — און ווי נאָר דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם האט געעפנט די פאר־זאַמלונג, האט זיך די אַטאַקע אָנגעהויבן.

לעכאטכילע רויק, באַשיידן און מיט טאַיִנעס צו דער אדמיניסטראַציע, אַז אויב אַן אַרבעטער פארגעסט אופהענגען דעם טאַביל, גיט מען אים

דערפאר אן אויסרייד. אויב מע באַוויזט ניט צו דער סעקונדע אויס־לעשן דאס לעמפל — שטראַפירט מען. נאָר וואָס ווייטער, אלץ שאַרפער זיינען געוואָרן די רעדעס, אי קעגן דער פרייז אף דער אַרבעט, אי קעגן דעם, וואָס מע קוועטשט אף דער קוואליטעט, און צו שטרענג איז די דיסציפלין און צופיל רעכט פאַרמאָגט די אדמיניסטראציע, און ביכלאל איז ניט גוט, און וויסן ווילט זיך ביזוואנען וועט עס דויערן, און וויפל איז דער שיר.

לעכאטכילע איז נאָטע שטארק צופרידן געווען, וואס מע באהאָגלט די אדמיניסטראַציע, און פון יעדער גיפטיק ווערטעלע האט ער געשטשירעט דעם ציינלאָזן מויל און שמייכלענדיק אריינגעקוקט יעדן רעדנער אין פּאָנים. נאָר וואָס שאַרפער עס זיינען געוואָרן די רייד, אלץ אָפטער איז נאָטע געוואָרן פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, אנגעהויבן דערמאנען זיך דאס גארבער־פאבריקל, ווו די ארבעטער איז קיינמאָל אויך ניט געפעלן געווען קיין איין דירעקטער, קיין איין מאַיסטער, קיין איינציקער באפעל. און געבראַכט האט עס צו אייביקע סיכסוכים, אלע מיטוואָך און דאָנערשטיק פלעגט מען אויסקלייבן א נייעם מאַיסטער און טייקעף אים אַראָפּוואַרפן, ביז עס איז דערגאַנגען דערצו, אז אין פאַבריק האט מען זיך מער געקריגט ווי געאַרבעט, און קיין איין ערנסטער ארבעטער האָט ניט געוואָלט ווערן קיין מאַיסטער.

איצט, הערנדיק די רעדנער, האט נאָטע אלץ מער דערפילט, אז סע ניט דאס. דער אינצידענט וועגן אים איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מישפּעט איבער די גרונט־יעסוידעס, אָן וועלכע די פאַבריק קען ניט עקזיסטירן. און מער פון אלץ איז ער איבעראַשט געוואָרן פון דעם, וואס די עטלעכע רעדנער, וואָס זיינען ארויסגעטראטן מיט באשיימפער־לעכע באווייזן, אז דער פאַרדינסט שטייגט פון איין קאָלאָפּמאַך צום צווייטן, אז אין דער דיסציפלין, אין דער קוואַליטעט איז דער ארבעטער מער פון אלעמען פאַרינטערעסירט, גראָד די רעדנער האט מען פאַרשריגן און ניט געלאָזט ענדיקן.

וואָס זשע? ער, נאָטע, מיט זיין סקאַנדאַל האט אונטערגעגאָסן בוימל אין פייער און דערמיט געהאָלפן, אז דא אף דער פאַרזאַמלונג זאָלן זיך צעבושעווען די צופעליקע, די, וואס זעען און באנעמען נאָר לויט דער אייגענער קעשענע? צילן צילט מען אין דער אדמיניסטראַציע און טרעפן

וועט עס די ארבעטער, טרעפן, פונקט ווי ס'פלעגט טרעפן אין דעם גאַרבער־פאַבריקל, און ווי באַלד אזוי — טאָר ער דאך ניט שווייגן.

ווי נאָר נאָטע איז אופגעשטאַנען און אָנגעהויבן רייבן די הענט און וויגן מיט די אַקסל, איז אין קיך געוואָרן שטיל. און נייגעריקע בליקן, און אָנגעשפיצטע אויערן זיינען געווען זיכער, אז די עמעסע באָמבע וועט אופרייסן ערשט איצט.

— שאַ, שטיל — האט שפערלינג איבערגעשראָקן די שטילקייט און צוגע־לייגט די האַנט צום אויער.

פונקט אין דורכגאַנג איז דער דירעקטער געבליבן שטיין מיט הענט פאַרוקטע אין די הויזן־קעשענעס, און פון זיין צוגעמאַכט אייגל, פון זיין גאַדלעסדיק פאַריסענער קאָפּ האט אַראָפּגעווייט מיט אַקשאָנעסדיקער דרייסטקייט אָפּצוּבאָדן נאָטען, ווי נאָר ער וועט איבערכאַזערן זיין פריער־דיק שפּיצל.

— די גאַנצע צייט — האט נאָטע א פאַרשעמטער אָנגעהויבן — די גאַנצע צייט בין איך געווען זיכער, אז גערעכט בין איך און ניט די אדמיני־סטראַציע. איצט אָבער, נאָך אייערע רייד, איצט בין איך זיך מודע און מיסוואַדע, אז איך בין שולדיק, און מע דאַרף מיך שמייסן. וואָס, פרעג איך אייך, האט איר דאָ אָנגעבאַלבעט! ווער פון אונדז, פרעג איך אייך, וואָלט זיך געיאָגט נאָך דער קוואַליטעט, ווען מע צווינגט אים ניט? די אַלטע סינע צום באַלעבאָס האט דאָך אין אונדז פון דויר־דורעס איינ־געפלאַנצט א סינע צו דיסציפּלין און א נאַכלעסיקייט צו דער קוואַליטעט פון אונדזער ארבעט. און אף דער אָפּגעפּאָרענער אַלטער קליאַטשע האָבן מיר אריינגעריטן אינעם נייעם לעבן, און באַוווסטזיניק ווילן מיר אַלץ ניט פאַרשטיין, אז איצט איז דאס א ביזאָיען, און א פאַרברעכן. פאַר וועמען, פרעג איך אייך, אַרבעטן מיר, און ווער וועט טראָגן אונדזער שוך?

— הער נאָר — האט זיך עמעצער צעלאַכט — הער נאָר ווי דאָס זינג־פויגעלע איז זיך פאַרגאנגען.

א צעשטראַלטער האט זיך אָבער דער דירעקטער א ריס געטאָן פון דורכגאַנג, אויסגעשטרעקט נאָטען א האַנט און נאָר באַוויזן אויסשרייען דאס וואָרט כאַווײרים.

פון פרייד זיינען אים אָבער די ווערטער פאַרוואָרגן געוואָרן אין גאָרגל, און שטומע, צעשטראַלטע, און מיט פעסט צונויפגעדריקטע הענט

האבן זייביידע געקוקט, ווי דער גרעסטער טייל אַרבעטער איז אופגע־שטאַנען פון די בענק און מיט רוישיקע, מיט פריידיקע אַפּלאָדיסמענטן באגריסן זיי דעם כאווערשן צוזאַמענשלוס.

## IX

פונעם טאָג, וואס נאָטע האט זיך צוריקגעשטעלט צו דער מאַשין, האָט ער נאָר באמערקט, אז די צוויי שכיינים זיינע — דאס געל יידל און דער אוקראַאינער מיט די געכאָליעטע וואָנצעס — זיי קאָנען אים ניט אָנקוקן נאָך מער ווי פריער, און גאַנץ אָפט נעמען זיי אים אין דער אַרבעט:

— דו גיב נאָר א קוק ווי דאס סטאַרעטצען — פלעגט דאס יידל גאַליק מורמלען — דו זע נאָר ווי דאס שפרינגט פון דער הויט און קריכט אונ־טער די נעגל.

— טשודאַק — פלעגט אים דער אוקראַאינער ענטפערן. — די מעלאָכע פון אונטערלעקן קאָן עס דאָך אויסגעצייכנט.

נאָטע האט גאַנץ גוט געוווּסט, אז כאָטש זיין נאָמען ווערט דערביי ניט דערמאנט, מיינט מען עס אים, נאָר ניט די סינע זייערע, ניט די שטעכווערטלעך האבן אים מער שוין ניט גערירט.

א יאָמטעוודיקער פלעגט נאָטע שטיין בא דער מאַשין, און פילן, אז אָט דער שטאָלענער גאָנער מיטן לאַנגן געגלידערטן האַלדז — ער לעבט, אָטעמט, טיילמאָל ווערט ער קראַנק און כריפעט ווי א פאַרקילטער, טיילמאָל ווערט ער קאַפּריזנע און וויל ניט אַרבעטן. נאָטע איז שוין אָבער ניט געווען אזוי אומבאהאָלפן ווי פריער, און ניט די מאַשין האט איבער אים רעגירט, נאָר ער איבער דער מאַשין.

פאַרליבט פלעגט ער צעשרויפן אירע גלידער, צעעפענען איר שאַרבן, אָפּשרויפן די ציין, באקוקן, אויסהערן ווי א דאָקטער הערט אויס א כוילע.

און פרייען זיך, ווען די מאַשין גייט גוט, וויטיקן, ווען זי ווערט קאַליע, און זאָרגזאַם שמירן אירע גלידער, פונקט ווי ער שמירט מיט א געזאַלב זיינס א פאַרקילט קינד.

וואס מער נאָטע איז באהאַוונט געוואָרן אין דער מאַשין, אלץ שאַר־פער האט ער געפילט ווי עס וואַקסט אין אים א ניי, שטאָלץ געפיל.

דאָרט אין דער גאַרבערײַ איז ער געװען דער פאַכמאַן נאָר איבער א רויער שטיק פעל, קיינער איז אָבער ניט געװען פון אים אָפּהענגיק, איבער קיינעם האט ער ניט רעגירט, קיינער האט אף אים ניט געאַר־בעט און ניט מיטגעהאָלפן, אז דעם איבעריקן גראָשן פאַרנאָסע זאָל ער אַרויסיאָגן ניט פון די אייגענע ביינער.

א גאַנץ לעבן איז דאָך נאָטע געשטאַנען צוגעדריקט מיטן בויך צום פאַילך־בלאָק און געטראָגן פון דעם א שווערן קנויל מאָזאָליעס אַפן בויך.

א גאַנץ לעבן זיינען די נעגל זיינע געװען געל װי בא א מעס, און דאָ, נעבן דער מאַשין, איז פון בויך אָפּגעגאַנגען דער קנויל, ראָז זיינען געװאָרן די נעגל, און פאַראַן א שטאָלענע מאַמע, װאס האָרעװעט פאַר אים.

גייענדיק יעדן טאָג אין פאַבריק אריין, פלעגט ער דורכגיין פאַרביי די קאָאָפּעראַטיװע געװעלבער, װוּ מע פאַרקויפט שיך, און פון גאַנצפרי טרעפן לאַנגע, לאַנגע רייען מענטשן װאַרטן, ביז מע װעט עפענען די געװעל־בער.

א פאַרטיפטער פלעגט ער קומען צו דער ארבעט און אלץ כעשבענען, װיפל קינדערלעך זיצן באָרװעסע אין די הייזער און װאַרטן ער זאָל פאַר זיי מאַכן שיך, װיפל דערװאַקסענע פאַרקילן זיך שטייענדיק אין די רייען ביז זיי דערלעבן באַקומען די פּאָר שיך.

צענדליקער יאָרן װעט מען דאך מוזן יאָגן דורך טאָג און נאַכט ביז מע װעט אלעמען באַזאָרגן מיטן נויטיקסטן. און מיט פרייד פלעגט ער יאָגן די ארבעט, טראַכטן װאס פאַר א דערפינדונג שאַפט מען, װאס פאַר א מיטל געפינט מען, קעדיי צו פאַרגיכערן, קעדיי צו פאַרבעסערן די ארבעט, און שמייכלענדיק פלעגט ער יעדער רעגע אונטערטראָגן א שוך צו די שטאָלענע ציין פון דער מאַשין, אונטערטראָגן אים פונקט װי א יונגע גליקלעכע מאַמע טראָגט אונטער דעם קינד איר אָנגעקװאָלענע פולע ברוסט.

סאָף כוידעש האט ער אונטערגעכעשבנט דעם פאַרדינסט און געכאַפּט זיך, אז דא, ניט זייענדיק קיין יאַכסן, דא בא דער מאַשין, האט ער פאַרן כוידעש פאַרדינט מיט צװאַנציק רובל מערער װי אין דער גאַר־בערײַ.

אריינגייענדיק אין שטוב האָט ער ארויסגענומען דאָס געלט, מיט דער פולער זשמעניע קלינגענדיק א פאטש געטאָן איבערן טיש, און פאַרן קליידל אָפגעצויגן דאס ווייב פונעם ברענענדיקן אויוון:

— צייל, פעסי, די מאַמטאַקים, און פריי זיך.

ביז זי האט איבערגעציילט דאס געלט איז ער ארונטערגעקראָכן אונ־טערן בעט, ארויסגעשלעפט דעם פאַרטעך און אריינגעשליידערט אים אין אויוון.

לאַנג איז ער געשטאַנען געבויגן צום אויוון, געקוקט ווי דאס פייער האט אין א רויטן, זודיקן קנויל צונויפגעדרייט דעם פאַרטעך, און געפילט, אז צוזאַמען מיטן פאַרטעך איז אויך פאַרברענט געוואָרן זיין פאַרגאַנגענ־הייט, און פון די נייע רעלסן וועט ער שוין ניט אַראָפּ.

INTERNATIONAL ART & BOOK AGENCY
VLADIMIR BROTMAN
Tel. [illegible] 4?56-F 4?45 ST. URBAIN ST.
MONTREAL, QUE., CANADA.

# אינהאלט:


קאראַהאָד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 7

קרעגעצעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 39

א פארזאמלונג . . . . . . . . . . . . . . . . . 71

א לעוואַיע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 81

קוקורוזע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 91

פיבער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 163

באגינען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 195

אף נייע רעלסן . . . . . . . . . . . . . . . . . 221

# מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע

כארקאָוו, ק. ליבקנעכט - גאַס, 31

אין אלע ביכער-האנדלונגען פון מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע
פארקויפן זיך פאָלגנדיקע ניי-דערשינענע ביכער:

ש. עפשטיין — אין לאנד פון סאציאלער רעוואָליוציע. 235 ז. פרייז 1 ר. 95 ק.

ל. קוויטקאָ — בא ריאָגראַנדער פעל. 193 ז. פרייז 1 רובל.

„ „ — רינג אין רינג. באנד קינדער-לידער און פאעמען. 262 ז. פרייז 2 ר. 35 ק.

י. אַפּאַטאָשו — אף יענער זייט בריק. 289 ז. פרייז 1 ר. 80 ק.

מ. דאַניעל — אין א צייט אַזאַ. א באנד נאוועלן. פר. 1 ר. 80 ק.

דער ניסטער — פון מיינע גיטער. 230 זייטן. פרייז 1 ר. 90 ק.

כאַנע לעווין — לידער. 143 זייטן. פרייז 1 ר. 80 ק.

י. קיפּניס — מאיסעס און דערציילונגען. 328 ז. פרייז 2 ר. 30 ק.

פּערעץ מארקיש — דאָר-איין דאָר-אויס. 390 ז. פּח. 2 ר. 50 ק.

ל. רעזניק — לידער. 146 זייטן. פּרייז 1 ר. 96 ק.

מ. אַלבערטאָן — בירא-בידזשאַן. 245 זייטן

א. פעפער — געקליבענע ווערק. 400 זייטן.

מ. ווינער — עלע פאַלעקס אונטערגאנג. 176 זייטן.

ע. פינינבערג — אין פּרי פון יאָר (לידער) 176 זייטן.

## КОМЕРЦІЙНЕ УПРАВЛІННЯ

Харків, вул. К. Лібкнехта, 31.